געזאמעלטע דראמען

פון

פרץ הירשביין

דריטער באנד.

ארויסגעגעבען פון די ליטעראריש־דראמאטישע פעראיינען אין אמעריקא.
ניו יארק, 1916.

X991 0793
StUB.Ffm
54 324 022
S 24/4777 Bd.3

Copyright by Peretz Hirschbein
1916.

Stadt- u Univ.-Bibl.
Frankfurt am Main

אינהאלט פון דריטען באנד :

דער לעצטער

ביים ברעג

דער תקיעת־כף

דאָס קינד פון דער וועלט

דער לעצטער

פראלאג

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE

פ ע ר ז א נ ע ן:

ר׳ ב נ י מ י ן

ש ר ה — זיין פרוי

י ח י א ל — זייער זוהן

ד י נ ה — שרה׳ס ברודער׳ס אַ טאָכטער
און יחיאל׳ס פרוי.

ערשטער אקט

אין ר׳ בנימינ׳ס הויז. אַ גרויס ליכטיג צימער. רעכטס צוויי פענסטער און אַ טיר אויף דער גאַס אַרויס. לינקס צוויי טירען: די טיר העכער, פיהרט צו רב בנימינ׳ען אין צימער און נידריגער איז יחיאל׳ס צימער. אין הינטערגרונד אַ גרויסער פענסטער, קומט אַריין אין אַ גאָרטען. דאָס מעבעל איינפאַך, אלטמאָדיש. ביי די ווענד פּאָליצעס ספרים. פאַר־נאַכט.

ר׳ בנימין

זיצט בײם טיש, וואָס שטעהט נעבען פענסטער אין הינטערגרונד. פאַר איהם ליגט אַנ׳אָפענער ספר, נאָר ער קוקט אַריבער דעם ספר, ווייט פון זיך. ער פיהרט לאַנגזאם, פערקלערט דורך זײנע פינגער צווישען די לאַנגע, זילבערנע האָר פון זיין באָרד.

ש ר ה

זיצט ניט ווייט פון איהם די הענד אויפ׳ן האַרצען פערלעגט: קענ־טיג זיי זיינען בײדע אנטשוויגען געוואָרען נאָך אַ לאַנגען, ערנסטען שמועס.

ר׳ בנימין

ווי פאַר זיך אַליין.

אריבעו׳קוקען אויף יענער זייט ספר, הייסט עס — זיך שטעלען אויפ׳ן שאַרף פון אַ שווערד און איך וועל עס נישט טהאָן.

ש ר ה

טהו עס נישט. בעדאַרף מען נישט. ווער קען דען העלפען דער־בײ? און נישט פאַר דיינע כחות איז עס.

ר׳ בנימין

וואָס קען דערבײ פועלן דעם מענשענס האַנו׳?

ש ר ה

ווען שטאַדט וויל דוקא, דו זאָלסט ביי זיי רב ווערען, וואָס קען זי אויסען זיין? כ׳וויים, א שטאַדט שרעקט זיך, טראַכט זי: טאָמער אַנ׳עצה.

ר׳ בנימין

נעהמען א שטאַדט אויף די פּלייצעס, הייסט עס — פּערדעקען דעם קאָפּ, אז די אויגען זאָלען די ליכטיגע זון נישט זעהן. איך זאָל זיין רב... טראָגען א שטאַדט נארישקייטען און א שטאַדט צרות אויף מיין קאָפּ... איך זאָל זיין רב — נישט פאר מיינע כחות. א גרינגערען פון מיר בעדאַרפען זיי האָבען; גרינג זאָלען זיי איהם קענען, העכער איבער זייער אייגענעם קאָפּ ארויפהויבען. אפשר צוליעב חיונה? קען איך דען גאָר טראַכטען פון וואַנען מיין חיונה שטאַמט? ס׳וועט מיר שוין אזוי אויך גענוג זיין. און ליידען פאר כלל? בפרסיה? עס וועהטאַגט דאָס האַרץ אזוי אויך גענוג....

ש ר ה

ביסט נערעכט.

ר׳ בנימין

און אפשר צוליעב כבוד? ווענען דעם ענין בין איך שוין מיט זיך לאַנג דורכגעקומען.

געהט אום אויף און אָב.

ש ר ה

ווילסט שוין אַוועקגעהן? כ׳האָב ווענען נאָך עפּעס געוואָלט מיט דיר רעדען.

ר׳ בנימין

סודות?

ש ר ה

נישט קיין סודות, ווייסט אליין גאַנץ גוט.

ר׳ בנימין

למשל?

ש ר ה

כ'וויים... א וועלט מאכט חתונה קינדער; א וועלט האָט נחת פון קינדער. — בנימין, כ'וויל — ס'זאָל שוין אָנ'עק נעהמען.

ר' ב נ י מ י ן

אדרבה, לעהרן דו מיך, ווי איך זאָל זיך איצטער בענעהן. ווי זאָל איך זיך שוין איצטער בענעהן? — אפשר האָסטו וואָס צונעקלערט?

ש ר ה

איך וויל דיר קיין ענמת נפש נישט אָנטהאָן; אָבער ס'איז איבער מיינע כחות. זאָל שוין נעהמען א סוף. איין קינד; איין אויג אין קאָפּ. זי געהט ארום ווי אַ שאָטען; ער — ווי א שאָטען. וואָס דאָרט קומט פאָר אין זייערע הערצער — איין גאָט אין הימעל וויסט.

ר' ב נ י מ י ן

נישט איך מייד איהם אויס. ער זאָגט, איהם איז שווער א איד צו זיין. איך גלויב איהם. שווער איז צו זיין אַ איד, ווען מען פיהלט נישט דעם חסד, וואָס גאָט האָט געטהאָן מיט דעם אידען, ווען ער האָט איהם פאַר אַזעלכען בעשאַפען. אז מען איז מקבל עונש און מען ווייסט נישט פארוואָס, טהוט עס דאָפּעלט וועה. ווייס איך עס. זע־נען דאָך צייטען נעוועז, ווען דער איד האָט גרעסערע גזרות אויסגע־שטאָנען: ווען מען האָט אין פייער זיין לייב געברענט, געוואָלט די אמונה ביי איהם צונעהמען; אויף קדוש השם האָט מען זיך איבערגעגעבען און גאָרנישט. און ליעב איז אַלץ געוועז; און זיס זע־נען די יסורים געוועז. אכטען גאָטס נאָמען אויס יסורים איז א גרוי־סע זכיה, און נישט יעדער דור איז זוכה דערצו. אזוי ווייסען מיר, אידען. אזוי האָבען אמאָליגע דורות געוואוסט.

ש ר ה

וואָלסטו אפשר מיט איהם רעדען.

ר' ב נ י מ י ן

האָב איך איהם דען אנדערש געלערנט? האָב איך איהם דען גע־לערנט א פרעמדע תורה? איך האָב איהם איבערגעגעבען דאָס, וואָס כ'האָב אליין געוואוסט... איך האָב מיין אייגענעם גלויבען אין זיין

נשמה געפלאנצט: און אויב די פרות זענען אנדערע, איז דאך מסתמא אזוי דער ווילען פון דעם וואס לעבט אייביג. ער וויל ווי־סען, פארוואס גאט שיקט צרות אויף זיין פאלק ישראל? ער וויל זיך אונטערגראבען אונטער'ן רעכטען יסוד... ער וויל עס!...

ש ר ה

איך וואלט וועלען, אז ביי מיר אין שטוב זאל ווידער ליכטיג ווערען.

ר' ב נ י מ י ן

וואס קען איך דערביי העלפען? די פינסטערניש טראגט זיך צו מיר אין שטוב אריין פון אומעטום: פון דער גאס, דורך מיינע פענסטער: אין מיין שטוב — פון יעדען ווינקעלע.

ש ר ה

אזוי פיעל אידיש בלוט איז פערגאסען געווארען — נישט איין הארץ איז דערפון גערירט געווארען.

ר' ב נ י מ י ן

און נישט איין שכל, וואלסטו זאגען, איז דערביי פערפיהרט געווא־רען.

ש ר ה

און אלץ, דאכט זיך, האט געמיטען. וואו ס'זענען יתומים געבלי־בען, הערט זיך שוין אויך א לעבעדיג ווארט; זעהט זיך שוין אויך א פרעהליכער שמייכעל — און וואס איז מיט מיין שטוב? און דא קען נאך אלץ נישט ליכטיג ווערען... צוויי יאהר נאך זייער חתונה — און ווי א שטיין וואלט אין איהרע גערערים ליעגען. וויסט און פינסטער נעהט זי ארום.

ר' ב נ י מ י ן

דאס לאזט מיך נישט רוהען.

ש ר ה

און וויל איך רעדען צו איהר — פערשטעהט זי שוין מיין בליק. ווערט זי בלאס און ווידער רויט און טרעהרען בעווייזען זיך אין איהרע אויגען: פערקלעמט מיר מיין הארץ, שווייג איך שוין.

ר׳ בנימין

און דאס לאזט מיין הארץ נישט רוהען.

שרה

איך וויל, איהר זאלט אנהויבען רעדען.

ר׳ בנימין

רעדסט ווי א קינד. האב איך דען מיט איהם א מחלוקת געהאט? זענען איהם מיינע ווערטער וואלוועל געווארען. האט ער אויפגע־הערט צו רעדען מיט מיר. און אז איך וועל שוין נאכגעבען, אויף מיינס מותר זיין, וואס וועט דערפון ארויסקומען? איך וועל איהם נאר צו א זינד ברענגען. רעדט ער נישט, איז שוין גלייכער.

דינה

קומט אריין פון דער גאס און בלייבט שטעהן נעבען דער טיר. אויפ׳ן קאפ א לייכט ווייס טיכעל, אזוי, אז איהרע בלאנדע האר זעהען זיך ארויס. איהר געזיכט איז צערטליך בלאס — און איהר יוגענדלי־כעס אויסזעהן דריקט אויס איינזאמקייט און בענקען. איהרע בעווע־גונגען — שטילע.

ר׳ בנימין

ווארום ביסטו אויפ׳ן שוועל געבליבען?

דינה

אפשר בעדארף איך ניט הערען.

שרה

נישט פון קיין סודות האבען מיר גערעדט.

ר׳ בנימין

נו, וואו ביסטו געוועזן?

דינה

הינטער׳ן שטאדט בין איך געוועזן.

ר׳ בנימין

בעגלייטסט דעם זומער?

דינה

יא, איך בעגלייט דעם זומער. זי קוקט אריין אין דעם אפענעם ספר.

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE

וועלכען רב בנימין האָט געלאָזען אויפ'ן טיש. זאָגט מיר, פעטער, וואָס שטעהט אויף דעם בלאַט געשריבען?

ר' בנימין

שמייכעלט

נישט פאר דיר, מיין קינד.

דינה

איך וועל עס נישט קענען בענעהמען.

ר' בנימין

איך מיין אזוי.

דינה

און מיט איין בלאַט פריהער וואָס שטעהט געשריבען?

ר' בנימין

אויף דאָס איינענע.

דינה

און ביי אייך אויפ'ן שטערן, פעטער, איז נאָך א קנייטש צונעקר־מען. ווי אותיות אויסגעקריצטע, אזוי זעהען אויס די קנייטשען אויף אייער שטערן — זאָגט, וואָס איז דאָרט אָנגעשריבען?

שרה

מסתמא נאָך א דאגה אין הארצען צוגעקומען. צרות אין הארצען מאַכען איין קניטשען דעם שטערן.

געהט אָב אין איהר צימער לינקס.

ר' בנימין

ביסט הינטערן שטאָדט געווען — דערצעהל, ווי האלט עס מיט'ן זומער?

דינה

די זון פערגעהט שוין הינטער'ן וואלד פון דער לינקער זייט שטאָדט.

ר' בנימין

הייסט עס, דער זומער אוועק.

דינה

בלעטער פאלען שוין פון די בוימער.

ר' בנימין

הייסט עס, דער בוים האָט שוין זיין נוצען געבראַכט; בעשיצט האָט ער דאָס לעבעדיגע פון דער הייסער זון און איצטער וואַרפט ער פון זיך זיינע בלעטער אַראָב.

דינה

נאָר צוליעב דעם אַליין גרינט ער, דער בוים?

ר' בנימין

אַלץ האָט נאָט בעשאַפען אויף דער ערד דעם מענשען צום נוצען. וואָלט דען ווער געקענט אַזוי זיינע וואונדער אָבשאַצען, ווי דער מענש וואָס געהט אום אויף דער ערד?

דינה

דאַכט זיך, אַזוי איז עס... און דאָך, וואַקסט דאָך מסתמא דער בוים דאָרט, וואו דער מענש האָט נאָך אפילו קיין פוס ניט געשטעלט?

ר' בנימין

אָבער וואו איז דען דער אָרט, וואו דער מענש איז נאָך מיט זיין געדאַנק נישט געוועזען? איז דען א חילוק?... זיצסטו דאָ, אין דער דאָזיגער שטאָדט, אין דעם דאָזיגען שטוב, און מיט'ן געדאַנק דיי־נעם אויב דו טראָגסט זיך נישט אַוועק ווייט־ווייט פון דעם שטוב, ווייט פון דער שטאָדט — איז עס גלייך ווי דו וואָלסט גאָר גאָט נישט געדיענט... וואָס האָסטו זיך אַזוי פערקלערט?

דינה

גאָרניט, גאָרניט.

בלייבט אין פערלעגענהייט.

ר' בנימין

האָסטו היינט יחיאל'ן געזעהן? ער איז אויך געוועזן הינטערן שטאָדט.

דינה

קוקט איהם אָן פערוואונדערט, ווי זי וואָלט ניט וויסען וואָס צו ענטפערן.

ר' בנימין

האָסט נישט פערשטאַנען, וואָס כ'האָב געפרעגט?

ד י נ ה

איך? געוויס... ניין, ער איז ניט געווען מיט מיר הינטערן שטאָדט... מיך וואונדערט זעהר, איהר זאָלט עס פרעגען.

ר׳ ב נ י מ י ן

ער איז דאָך מיין קינד.

ד י נ ה

רעגט זיך.

יא,אמת... וואָס האָב איך צו זאָגען... פלוצלונג מיט אַ ציטעריגער שטי־מע. זייט ניט אין כעס אויף איהם, פעטער. דאָס איז שווער פאַר איהם, פאַר אַלעמען.

ר׳ ב נ י מ י ן

קען איך דען אויף מיין קינד אין כעס זיין? איך האָב געמיינט... זעהסטו, שטאָדט וויל מיך, צו דער עלטער, פאַר א רב נעהמען און איך מוז מיך דערפון מסלק זיין.

ד י נ ה

אין וואָס ווענדעט זיך עס דען?

ר׳ ב נ י מ י ן

און ווער וועט נאָך מיר מיין אָרט פערנעהמען? אַזוי בעדאַרף קייר נער מיין אָרט נישט פערנעהמען. מיין אָרט איז ביי דעם דאָזיגען טיש; ביים פענסטער, דורך וועלכען עס ווערט פאַר מיר דאָס ליכט געשיקט... א מוטער זויגט איהר קינד, ווען אפילו דאָס הארץ איהרס איז קראַנק, — דאָס עופעלע זויגט און ווייסט נישט, וואָס ביי דער מאַמען אין הארצען טהוט זיך. אָדער דער בוים — זיין הארץ איז שוין קראַנק, פוילט, און ביים זייט נרינט זיך אַ צווייגעלע... קענסטו מיר אפשר זאָגען, וואָס פאַר ספר ער שרייבט? האָט ער מיט דיר דערפון גערעדט?

ד י נ ה

זעהר ווינציג.

ר׳ ב נ י מ י ן

אָבער דאָך?

דינה

ס'איז ניט אזוי ווי איהר שטעלט זיך פאר.

ר' בנימין

אבער ער שרייבט דעם ספר?

דינה

וואס קען איך אייך זאגען?

ר' בנימין

איז עס געגען זיין אייגענעם פאטער?

דינה

איך ווייס ניט.

ר' בנימין

געגען גאט און זיין פאלק?

דינה

רעדט הייס, ווי זי וואלט וועלען איהר מאן בעשיצען.

ניין, ניין... פון גאט רעדט ער מיט מיר יעדעס מאל. און גאט האט ער ניט אויפגעהערט צו גלויבען. קיינמאל נישט, קיינמאל נישט...

ר' בנימין

און וואס בעשטעהט דאס גלויבען?

דינה

קוקט איהם אן גאר פערלארען.

ר' בנימין

קענסט מיר נישט זאגען, אין וואס בעשטעהט זיין גלויבען?.. אומ־זיסט שרעקסטו זיך, איך האב צו דיר גארנישט. איך מיין, אפשר וואלסטו מיט מיר אנשטאט איהם געקענט רעדען. וואלט איך וויסען. — אז מען פיהרט מיך ארום אין דער פינסטערניש.

דינה

ניין, ניט געגען גאט שרייבט ער זיין ספר.

ר' בנימין

ניט הערענדיג.

סודות, כסדר סודות... איך קוק צו די ווענד פון מיין שטוב — אפשר

וועלען זיי מיר עפּעס דערצעהלען: אפשר וועלען זיי מיר זאָגען — פאַרוואָס מיין קינד, מיין איינאונאיינציג קינד, רעדט מיט מיר נישט שוין באַלד צוויי יאָהר... צייטענווייז דאַכט מיר, ער האָט רעדען פערגעסען; אָדער ער האָט שוין גאָר קיין ווערטער נישט אונטער זיין צונג, וואָס זאָלען זיך צופּאַסען פאַר מיר . . .

דינה

ווען איך בלייב אליין מיט איהם, פערליר איך מיך גאָר אינגאַנצען.

ר׳ בנימין

געהט אויף און אָב.

דו געהסט אום הינטערן שטאָדט און דו בעקלאָגסט דיין יונגען — און ער וואָס טהוט? און ער וואָס טהוט?!

דינה

ניין, איך בעקלאָג ניט מיין יונגען. מיר פעהלט גאָרניט, פעטער.

ר׳ בנימין

גאָרנישט... עס פעהלט דיר גאָרנישט... און ס׳הארץ וואָס זאָגט? עס פעהלט דיר גאָרנישט...

דינה

געהט אָב אָן א זייט.

ר׳ בנימין

זאָגסטו, אז דער ספר איז נישט גענוג גאָט... און דאָס וואָס ער טהוט איז אויך נישט גענוג גאָט? ווען מענשען לעבען אָט אזוי ווייסט, ווי דער דאָרנבוים — דאָס איז נישט גענוג גאָט? אויף דעם וואָס זאָגט ער?

דינה

שווייגט.

ר׳ בנימין

נאָר גאָרנישט. איך בייזער מיך און דו קענסט מיינען, אז אויף דיר בייזער איך זיך עס. איך ווייס גוט, אז אין דעם ביסטו נישט שולדיג.. אויסער די יסורים וואָס דער וואָס אין הימעל שיקט אויפ׳ן כלל, אויף זיין גאַנץ פאָלק, שיקט ער נאָך נסיונות אויף דעם איינציגען.

קיין קשיות פרעג איך נישט. דו ביסט געווים נישט שולדיג... דו וויינסט ?... דאָס וויינען איז איבריג.

ד י נ ה

ווען איהר וואָלט וועלען, וואָלט ער מיט אייך יאָ גערעדט.

ר' ב נ י מ י ן

איך וויל עס געווים. איך וויל מיר קלאָר מאכען וואָס איך האָב נאָך פון איהם צו וואַרטען. און דערצו... אויף מיר וואַרפט מען גאָר דעם שולד ארויף... אפשר בין איך טאַקע שולדיג ? אפשר האָב איך טאַקע פערגעסען ?... יאָ, גוט, גוט... שרה ! שרה !

ד י נ ה

איך קען זי געהן אריינרופען, אויב איהר בעדאַרפט זי.

ר' ב נ י מ י ן

ניט פערשטעהענדיג.

איך האָב זי גערופען ? ניין, איך בעדאַרף זי נישט...

ער מאַכט צו דעם ספר וואָס אויפ'ן טיש און געהט אַרויס פון שטוב גאָרנישט זאָגענדיג מעהר.

ד י נ ה

בלייבט אַליין, זי ווישט די טרעהרען, וואָס פאַלען פון איהרע אויגען אין דער שטיל. זי דערהערט טריט, בעמיהט זי זיך צו מאַכען אַ רוהיג געזיכט און פערבאָרגט איהרע טרעהרען.

ש ר ה

קומט אַריין.

דער פעטער האָט מיך גערופען ?

ד י נ ה

דער פעטער האָט אייך גערופען, נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען.

ש ר ה

וואָס האָט ער מיר געוואָלט זאָגען ? ווייסט נישט ?

ד י נ ה

איך ווייס גאָרנישט... איצטער ווייס איך גאָרנישט... זי פאַלט שרה'ן

אויפ'ן האַלז. וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?

איהר קערפּער ציטערט פאר שטילען איינגעהאַלטענעם געוויין.

ש ר ה

נו, בערוהיג דיך, וויין נישט. זעה וואָס דו טהוסט... וויינסטו — איז מיר דאָך שווערער; ווייס איך דאָך שוין גאָרנישט, וואָס מיט אייך ביידען טהוט זיך. וואָס איז דען היינט אנדערש ווי שטענדיג?

ד י נ ה

איך פערליר מיך אינגאַנצען.

ש ר ה

האָט דער פעטער אַזעלכעס מיט דיר גערעדט?

ד י נ ה

דער פעטער רעדט מיט מיר; ער פרעגט מיך, און איך ווייס ניט וואָס איהם צו ענטפערן. איך ווייס ניט וואָס איך זאָל איהם זאָגען.

ש ר ה

איז דען צו בעשרייבען, ווי דער פאָטער זיינער האָט איהם ליעב. מיט זיינע הענד האָט ער איהם געוויעגט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. אליין מיט זיינע הענד — און ער האָט איבער זיין וויעג געציטערט. און איך, וואָס האָב איך איבערגעלעבט? און שוין שפּעטער, ווען ער איז שוין אויסגעוואַקסען... די אָווענדען ווען זיי פלעגען דאָ ביידע זיצען און לערנען; די בעגינענס... איך בין געלעגען אויף מיין געלעגער און ווי אין חלום האָב איך געהערט זייער ביידענס געזאַנג. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון שטוב געהט דאָס געזאַנג ארויס און ביז צו די הימלען גרייכט עס. האָט דען דער מאַמעס האַרץ נאָך עפּעס מעהר פערלאַנגט? עפּעס מעהר בעגעהרט? אָבער שפּעטער, אַז יחיאל'ס קול איז שטיל געוואָרען, איז דער פעטער אויך ווי פערשטומט געוואָרען. און מיר דאַכט זיך אויס, אַז איצטער קוקט ער מעהר אריבער, אויף יענער זייט ספר, ווי אין ספר אריין... זיי בלייבען אַ ווײַלע אַזוי זיצען, דינה איהר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף שרה'ס האַנד.

וואָס רעדט ער מיט דיר?

ד י נ ה

ער מיט מיר?

ש ר ה

ס'הארץ זאָגט מיר, אז ווייט, זעהר ווייט וועט איהר פון אונז אוועקגעהן.

ד י נ ה

איך וויים גאָרניט. וואוהין קען איך דען געהן? אָדער וואוהין קענען מירביידע געהן?

ש ר ה

מיר דאכט זיך אויס, אז די שטוב איז שוין בעצייטענס ליידיג געוואָרען; אז...

ד י נ ה

אוי, בעסער רעדט עס ניט, רעדט עס ניט.

ש ר ה

אָבער פארוואָס געהט ער בעזונדער אום און דו בעזונדער?

ד י נ ה

וואָס קען איך העלפען? איך בין אין דעם געוויס ניט שולדיג.

ש ר ה

טאָ ווער דען איז שולדיג, וואָס מיין שטוב איז וויסט?...

ד י נ ה

זאָל שוין זיין. אז מען שווייגט איז שווער, נאָר אז מען הויבט אָן צו רעדען ווערט נאָך שווערער...

בלייבעןביידע שטיל.

י ח י א ל

קומט אַריין. שלאנק געוואקסען. ס'איז צו מערקען זיין אינערליכע אונרוהיגקייט, האָטש אויסערליך האַלט ער זיך גאַנץ רוהיג. זיינע שווארצע אויגען קוקען טיעף פון אונטער זיין הויכען בלאַסען שטערן אַרויס. ווען ער קומט אַריין, שטעלען זיך ביידע, שרה און דינה, אויף.

ש ר ה

אָט איז יחיאל.

יחיאל

שטערט אייך ניט, שטערט אייך ניט. איך געה אין צווייטען צימער אריין.

שרה

מען בעדארף שוין דארט אפשר ליכטיג מאכען.

יחיאל

נו, וואס, דינה, זענען פארהאן א סך מוטערס אזעלכע?

שרה

זאל איך דיר דארט א ליכט אנצינדען?

יחיאל

איהר האט געווים זעהר א טיעפען שמועס געפיהרט, אז איהר הערט גארניט, וואס מען רעדט צו אייך. איך פרעג, דינה, ווי געפעלט דיר מיין מוטער?

דינה

וואס פרעגסטו עס אזוי פלוצלונג?

יחיאל

גאנץ איינפאך, איך פרעג ווי זי געפעלט דיר?

דינה

ווי זי וואלט נישט פערשטעהן, קוקט איהם אן.

יחיאל

פערשטעהסט מיך ניט?

דינה

איך פערשטעה זעהר גוט.

שרה

און איך פערשטעה נישט.

יחיאל

וואס האסטו דען געוואלט פערשטעהן פון מיינע איינפאכע ווער־טער?

שרה

איך וויים... כ׳בין געוואוינט געווען אין דיינע ווערטער, אינ׳ם טא־

טענ׳ס ווערטער צו געפינען עפּעס א געראנק. און איצטער פערשטעה איך נישט אזוי גוט.

יחיאל

ס׳איז דאָך קיין תורה ניט. תורה, האָט יעדעס וואָרט זיין נשמה, זיין תוך, אָבער איינפאכע, וואָכעדיגע ווערטער... וואָס ניט, דינה?

דינה

איך האָב אויף דעם גאָרניט וואָס צו ענטפערן.

יחיאל

איהר האָט זיך בײדע ווי אָנגערעדט מיר ניט צו ענטפערן. ער קוקט זיך נעהנטער איין אין שרה׳ס אויגען. האָסט געוויינט, מאמע?

שרה

קעהרט זיך אָב.

יחיאל

דינה, די מוטער האָט געוויינט?

דינה

ניט קענענדיג געוועלטיגען מיט זיך, געהט זי פּלוצלונג אַרויס פון צימער דורך דער גאָס־טיר.

יחיאל

קוקט איהר נאָך פערוואונדערט.

זאָג מיר, מאמע, וואָס איז דאָ אַזעלכעס פאָרגעקומען? א שטילער טרויער רוהט דאָ איבער׳ן שטוב. פארוואָס ענטפערסט דו מיר ניט? וואוהין איז דינה פּלוצלונג ארויסגעגאנגען?

שרה

זי הויבט אָן ווישען די טרעהרען און אַזוי שוויגענדיג געהט זי אָב צו זיך אין צימער לינקס.

יחיאל

בלייבט אַ ווײלע ווי פערשטײנערט. זיין געזיכט דריקט אוים ניט קיין פערוואונדערונג, נאָר ווי אַנערקענונג זיין אייגענער שולד, אָדער שפּירענדיג אַנ׳אויסמיידליכען אונגליק. רעדט פאר זיך אַליין:

אבער אנדערש קען איך דאָך ניט מאכען... מוטער!... דינה!... וואו

ביסטו? ער געהט צום פענסטער וואָס אין הינטערגרונד און רופט:
דינה, וואו ביסטו? דינה, וואָס איז מיט דיר? ווילסט גאָר ניט
אריינגעהן צו מיר אין צימער?... ווילסט מיר גאָר ניט ענטפערן?
ער בלייבט נאָך אַ ווײַלע אַזוי שטעהן קוקענדיג אין פענסטער. לאָזט
זיך אראָב אויפ'ן פלאַץ, וואו רב בנימן איז פריהער געזעסען, פערבאָרגט
זיין קאָפּ אויפ'ן אָרעם.

ד י נ ה

קומט אריין, טראָגט אין האַנד אַ גרין צווייגעלע. דערנעהנטערט
זיך צו יחיאל'ן און לעגט דאָס צווייגעלע אויף זיין קאָפּ.

ד י נ ה

ביסט ברוגז אויף מיר. וואָס כ'האָב מיך ניט באַלד אָנגערופען?

י ח י א ל

ניט אויף דיר בין איך אין כעס. צי קען איך אויף דיר אַ כעס טראָ־
גען?

ד י נ ה

זעהסט, וואָס פאַר אַ גרינע צווייגעלעך עס שפּראָצען נאָך איצטער
פון די ביימער ארויס? ווי ס'וואָלט איצטער צו פריהלינג געהן...
ביסט נאָך אַלץ אויף מיר ברוגז? קושט איהם אויפ'ן קאָפּ. ווילסט מיר
גאָר ניט קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

י ח י א ל

ער ווענדט אָב זיין קאָפּ צום פענסטער.

ד י נ ה

זעה, יחיאל וואָס דו, טהוסט... פאַרוואָס לאָזט דו מיר אַזוי שטעהן?
איך האָב גערעכענט אויף דיר ברוגז זיין, דעריבער בין איך אין
גאָרטען אַוועק; צום סוף האָט זיך נאָר אויסגעלאָזט פערקעהרט.

י ח י א ל

איך וויל וויסען, וואָס איז דאָ אַזעלכעס אין שטוב געשעהען פאַר די
עטליכע שעה, וואָס איך בין דאָ ניט געווען? אַלץ אין הויז דאָ
ארום קוקט אויף מיר מיט פערדאַכט . . .

ד י נ ה

איך בין אין דעם גאַר ניט שולדיג. איך ווייס אַליין ניט וואָס מיט מיר איז די לעצטע צייט געוואָרען. איך האָב אויפגעהערט אַליין זיך צו גלויבען און צו פערשטעהן. צייטענווייז קלערט זיך פון אזעלכע שרעקליכע זאכען, אז איך קען עס גאָר אַליין אין מיין קאָפּ ניט פער־טראגען. איך קען אַליין פאר זיך ניט ערב זיין, וואָס מיט מיר וועט ווערען.

י ח י א ל

וואָס מיינסטו דערמיט?

ד י נ ה

וואס קען איך מיינען דערמיט? צי קען איך דען מיינען אזעלכעס, וואס פאר דיר זאָל עס פרעמד זיין?... נאָר אז מיר קומט אויס גאָר אַליין צו בלייבען, כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, כ'ווייס אַליין ניט קלאָר פארוואָס. עס שרעקט מיר: פאר זיך אַליין; פאר דיר. אָט היינט אפילו; דו האָסט מיר צוגעזאָגט ארויסצוקומען אין פעלד און זעהן ווי די זון פערגעהט סוף זומער — און איך האָב מיך אזוי גע־פרעהט.

י ח י א ל

מיט וואָס אייגענטליך?

ד י נ ה

מיר דאכט זיך אַלץ, אז איך בעדאַרף דיר ניט שטערען, כ'בעדאַרף ניט. כ'ווייס, מיר דאכט זיך אַלץ אויס. און ווען דו האָסט געזאָגט, אז דו וועסט צו מיר אין פעלד ארויסקומען, איז מיר אין הארצען אזוי ליכטיג געוואָרען.

י ח י א ל

בין איך דען צו דיר איצטער אנדערש געוואָרען? בין איך דען גע־גען דיר אַ פערברעכען בעגאַנגען?

ד י נ ה

איך שפיר אז דיינע געדאַנקען ווערען דיר שווערער. איך בין הינטערן שטאָדט אומגעגאַנגען, געקוקט ווי די זון קלייבט זיך צו

פערגעהן און האָב געפיהלט, אז דו געהסט ערגעץ אום איינער אליין אויף דעם אנדערן זייט שטאָדט און קלערסט אפשר אויך דאָס איי־גענע...

יחיאל

ניט דאָס אייגענע.

דינה

ניט דאָס אייגענע?

יחיאל

אךּ, צו וואָס איךּ האָב דיךּ געבראַכט! איךּ בין, דינה, זעהר שולדיג געגען דיר, נאָר ניט מיט דעם, וואָס כ׳בין אליין הינטערן שטאָדט געווען, ניט מיט דעם.

דינה

רעגט זיךּ.

איךּ? אין אמת׳ן... מעגסט מיר ניט זאָגען.. כ׳האָב נאָר געטראַכט: אפשר ווען דו ביסט ניט אין שטוב, הינטערן שטאָדט ביסטו פרעה־ליכער.

יחיאל

מיינע שווערע געדאנקען פערלאָזען מיךּ ניט, וואו כ׳זאָל ניט זיין. ווען איךּ בין אליין הינטערן שטאָדט, איז מיר נאָךּ פיעל שווערער. ווען איךּ בין אליין הינטערן שטאָדט, הויב איךּ נאָךּ שטארקער אָן צו שפירען מיין איינזאמקייט. ווען נאָךּ שפירט זיךּ אַ איד אזוי איינ־זאם און עלענד ווי הינטערן שטאָדט, אין פעלד ביים זונענפערגאַנג? און דערצו נאָךּ פון יענער צייט אָן, צייט יעדער בוים האָט פאַר מיר אַנ׳אנדערען בעדייט בעקומען. יעדעם גרעזעלע, יעדעם בלימעלע האָט פאַר מיר גאָר אַנ׳אנדערען אויסזעהן בעקומען. יענע וועלטען, יענע פעלדער און יענע בלומען זענען פערשוואונדען געוואָרען, אין איין אויגענבליק זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען, און גאַנץ אנדערע זענען אויסגעוואקסען אויף זייער אָרט. אָט וואָס איךּ שפיר דאָרט, ווען איךּ בין אליין. און אז איךּ קום אהיים און בעגעגען די שטומע, טרויעריגע בליקען פון אלע זייטען.

דינה

וואָס מיינסטו דען, האָבען מיר גערעדט?

יחיאל

איך וויים דאָך גאַנץ גוט, אז ווען איך טרעף אייך אַלעמען טרויעריג זיצען — בין איך דאָך געוויס דער שולדיגער אין דעם.

דינה

דער פאָטער האָט היינט אזוי ליעב און צערטליך גערעדט צו מיר.

יחיאל

מיט אַ שמייכעל.

דאָס קלינגט אין זיין שטימע דער קלאַנג פון דער תורה, וואָס איז ווי אַ קוואַל אין זיין הארצען פערבאָרגען.

דינה

רעד ניט אַזוי; מיר דאכט, אז דו מאכסט חוזק פון דיין פאָטער.

יחיאל

צי דען קען איך גאָר שפּעטען פון מיין פאָטער? נאַריש קינד. צי דען רייסט זיך אליין אָב דער צווייג פון'ם בוים? סבות זענען פאַרהאַנען: אַ ווינד רייסט די צווייגען פון בוים, אָדער זיי הויבען אָן צו טריקענען און פאַלען אליין אראָב — אָדער אַ מענשענס האַנד רייסט זיי אָהן רחמנות אָב... איך קוק, דינה, אין דיינע ליכטיגע, אונשולדיגע אויגען און טראַכט: ווער ווייסט? אפשר האָסטו גאָר בעדאַרפט זיין די מוטער פון דעם קינפטיגען פרומען אידען, וואָס וועט זיין גלויבען ארומוואַשען, זיין נשמה אויסלייטערן און ווידער זיך אומקעהרען מיט זיין פנים צו גאָט — צום אַלטען אידישען גאָט, און בעטען ביי איהם כחות, ער זאָל קענען זיין גלויבען דורך די ביטערע צייטען טראָגען... ווידער זיין לעהרער ביי די פעלקער... איך בין, מיין טייערע, דער איבערגאַנגס-מענש — פערשטעהסט, דער איבערגאַנגס-מענש, וואָס די נשמה זיינע ציהט איהר השפּעה פון דעם אידישען קוואַל. איך זעה מיט מיינע אויגען די פערגאַנגענהייט, די געגענוואַרט און די צוקונפט. וואָס איז די געגענוואַרט פון דעם איצטיגען אידען?

פון יסורים געוועבט! פון יסורים געשפונען... פארוואס, אייגענטליך, איך רעד ניט מיט'ן פאטער? איז דען א פערברעכען, ווען איך וויל ניט זיין פאלש? און וואס וועט שוין דערפון ארויסקומען, אז איך וועל קומען צו איהם און זאגען: פאטער, זיי וויסען, אז אלע מיינע געדאנקען ביז איצטער, וואס זענען אייגענטליך א טייל פון דיין תורה — בין איך, דיין זוהן און דיין תלמיד, צו זיי ניט מסכים? וואס, פרעגט זיך, וועט דערפון ארויסקומען?

ד י נ ה

עס זענען דאך פארהאנען צייטען, ווען א פאטער מיט זיין קינד קען גאר פון עפעס אנדערש רעדען און פיהלען, ווי א געליעבטער, ווען ער רעדט מיט זיין טרייער אין די מינוטען ווען זייער הארץ פילט אז בלויז ליעבע אליין, און מעהר קיין זאך ניט.

י ח י א ל

יא, ווען דאס הארץ פילט אז בלויז ליעבע אליין און מעהר קיין זאך ניט...

ד י נ ה

פארוואס זאל איך בעדארפען אזוי פיעל ליידען, ניט וויסענדיג פארוואס און פאר ווען?

י ח י א ל

ווי טרויעריג!

ד י נ ה

אנטקעגען וואס זאגסטו עס?

י ח י א ל

אט טוליעסט זיך איצטער אזוי צו מיר, און מיר דאכט זיך, אז אין דיין פארשטעלונג עקזיסטירט גאר איצטער קיין אנדער זאך ניט אויסער מיך. ווילסט וויסען, וואו איך בין אומגעגאנגען אין דער צייט, ווען דא האסט געקוקט ווי די זון פערגעהט?

ד י נ ה

אויב דו וועסט מיר דערצעהלען.

י ח י א ל

איך בין אויפ'ן בית־עולם געווען.

ד י נ ה

אויפ'ן בית־עולם?

י ח י א ל

יאָ. עס וואונדערט דיך זעהר?

ד י נ ה

כ'ווייס ניט ווי איך זאָל דיר זאָגן. ביסט געגאַנגען זעהן די קברים פון די קדושים?

י ח י א ל

ניין. יענע קברים האָבען פאַר מיר איצטער קיין בעדייט ניט. ניט זייער טויט האָט מיין געדאַנק בעשעפטיגט — נאָר די ה א ק. וואָס האָט זייערע קעפּ צושמעטערט, און די האַנד, וואָס האָט די האַק איבער זייערע קעפּ אויפגעהויבען.

ד י נ ה

ווי שרעקליך...

י ח י א ל

יאָ, דאָס איז שרעקליך... איך בין אויפ'ן בית־עולם אומגעגאַנגען צווישען די קברים, געקוקט אויף די שטומע מצבות און געטראַכט. אָט ליגען דאָ מענשען, וואָס האָבען געלעבט און געליטען; אָט איז דער אוהל, וואו ס'ליעגט דער גרויסער רבי יחזקאל. פערבראַכט האָט ער דאָס גאַנצע לעבען אין תענתים, אין תפילות; געקלאָגט, וואָס די שכינה האָט זיך אָבגעטאָן פון דעם אידישען קאָפּ, און האָט געזאָגט, אז די שכינה קען איבער דעם מענשען ניט רוהען, ווען ער איז טרויעריג; — „וואו טרויער איז — דאָרט איז גאָט ניטאָ“ — און דאָך האָט ער דעם גאַנצען לעבען זיינעם געטרויערט. און איצטער ליעגען זיינע ביינער רוהיג אין דער ערד, פוילען דאָרט — און ביי זיין צוקאָפּענס שטעהט זיך אַ שטומער שטיין, אויף וועלכען דער יונגער דור האָט געהייסען טיעף אויסקריצען „זאָל זיין נשמה אייביג לעבען“... און זיין נשמה לעבט זיך ווידער, שוועבט פון איין

אידיש הארץ אין דאס צווייטע — פון איין דור צום צווייטען...

ד י נ ה

מסתמא בעדארף דאך דאס לעבען אזוי זיין. אויב מיין מזל איז אויך אזעלכער, וואס קען איך דען מאכען אנדערש?

זי צינדט אָן אַ לאָמפּ.

י ח י א ל

ער קוקט איהר נאָך, שמייכעלט.

זעהסטו, אז מען צינדט אָן א לאמפּ, איז ליכטיגער.

ד י נ ה

וואס זאָל איך טהאָן? דאס איז אלץ, וואס איך קען. און דעריבער בין איך אויף אלץ גרייט.

י ח י א ל

שווער צו זאגען — אויף אלץ גרייט. אונזער לעבען בעשטעהט פון א סך מ א ר ג ע נ ס און פאר אזעלכע מענשען, ווי דו, ווי מיין פאטער, איז שווער צו וויסען, וואס דער נאָהנטסטער מארגען טראָגט מיט זיך.

ד י נ ה

קען מען דען זיך וועהרען?

י ח י א ל

א, ניין. מען בעדארף זיך ניט וועהרען. וועהרען זיך הייסט עס מלחמה האלטען אליין מיט זיך: אליין מיט'ן אייגענעם שאטען אויפ'ן וואנד. און פון דעם אייגענעם שאָטען איז דאך ניט צו בע־פרייען זיך.

ד י נ ה

שווערע געדאנקען.

י ח י א ל

שווערע געדאנקען... האב איך דען ניט בעקומען אָט די אלע גע־דאנקען, צוליעב די דאָזיגע וואס האבען פון קיין סבות ניט גע־וואוסט?! ווער האט געפונען, אז דאס לעבען בעשטעהט אין דעם אייביגען קאמפף?! פון איין זייט מלחמה האלטען מיט'ן יצר־הרע

וואס אין זיך, און פון דער אנדערער זייט — מיט דעם נארישען מענשען? טראגען אויף די פלייצעס דעם שווערען יאך און אין דער שטיל שעפטשען א תפילה צו גאט, וואס ער ניט מיר כחות צו שלע־פען אויף די פלייצעס דעם דאזיגען שווערען יאך. צייטענווייז חלום'ט מיר, אז גאר אויף א שרעקליכען אופן וועט דער מענש אויסגעלייזט ווערען: ס'וועט קומען א טאג און א צויבער־ווינד וועט זיך דורכטראגען פון עק וועלט ביז עק וועלט און דער מענש פון דער גאנצער וועלט וועט זיך אויף איין אויגענבליק אבשטעלען. אויף אן אויגענבליק וועט דער ווינד דעם געדאנק זיינעם אויסליי־טערן: און אין יענעם שרעקליכען אויגענבליק וועט דער מענש אין זיין איינען לעבען אריינבליקען: ער וועט דערשפירען דעם ביטערען סוד פון זיין „זיין", דעם גורל זיינעם וועט ער דערקענען — און זיין הארץ — ד א ס ה א ר ץ פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט — וועט צוריסען ווערען...

ד י נ ה

צי דען שפירט דער פאטער אויך אזוי?

י ח י א ל

מיין פאטער גלויבט, אז די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערען. ער גלויבט ווי יעדער פרומער, גלויביגער איד. ער ליידט און גלויבט. די יסורים האבען ביי איהם דעם גלויבען געשאפען.

ד י נ ה

ניין, יחיאל, ביי מיר האט דער גלויבען די יסורים געשאפען. ווען איך וואלט ניט גלויבען אין די פיעל זאכען, אין וועלכע איך גלויב אין גרונד אזוי בלינד, וואלט איך גאר אפשר אזוי פיעל ליידען ניט בעדארפט פערטראגען. אבער רעד ניט אזוי צו מיר; נעהם פון מיר דעם גלויבען ניט צו.

י ח י א ל

איך טהו עס ניט.

ד י נ ה

פארוואס רעדסטו אזעלכע שרעקליכע ווערטער.

י ח י א ל

ניט איך בין אין דעם שולדיג.

ד י נ ה

דער קאָפּ ווערט מיר פול מיט די דאָזיגע ווערטער און מיר דאכט זיך, אז כ'וועל זיי גאָרניט קענען פערטראגען. זיי נאָהנטער צו מיר. זיי צו מיר ווי אמאָל. איך האָב זיך דאָך מיין גאנץ לעבען אזוי געריסען צו דיר, ווי א פויגעלע וואָס שוועבט אום צווישען הימעל און ערד און זוכט א צווייגעלע וואו זיך אבצושטעלען, אזוי האָב איך אליין אומגעבלאָנדזשעט און שטענדיג זיך געצויגען צו דיר: געוואָלט לעבען פאר דיר און צוליעב דיר: דיין לעבען זאָל מיינער זיין און דיין טויט זאָל מיינער זיין... איין וואָרט אזעלכען זאָג מיר ארויס. ער זאָל מיר דערמאָהנען אָן די אמאָליגע טעג.

י ח י א ל

צווישען יענע טעג און היינטיגע האָט זיך אויסגעברייט א גרויסער, גרויסער אידישער בית־עולם. א בית־עולם פון מענשען אויסגע־שטאָרבענע מיט'ן גוטען ווילען און מיט זייער גלויבען אין האר־צען: און מענשען געגען זייער ווילען געשטאָרבענע און געגען זייער ווילען אויף יענער וועלט מיט צובראָכענע גליעדער געקומענע. מיט אויסגעשטאָכענע אויגען צוריק זיך אין דער ערד אומגעקעהרט....

— און דאָס איז אלץ אין דעם נאָמען פון לעבען געשעהן. איבער דעם דאָזיגען בית־עולם שוועבט איצטער אום די נשמה פון מיין אלטען געשטאָרבענעם גלויבען און זוכט תיקון. אָ, מיין אונשולדיג קינד! זעהסטו, אין דער צייט וואָס איך האָב געהאָפּט, אז איך וועל נאָהנט נעבען זיך האָבען א צווייטע הארץ, וואָס זאָל מיר מיט־פיהלען: וואָס זאָל מיר פיליכט צו הילף קומען — שטעהט נאָר נעבען מיר א ליעבער אונשולדיגער מענש און זוכט פון מיר הילף.

ד י נ ה

קושט זיין קאָפּ.

רעד ניט מעהר.. איך וועל מיר מאכען גלייך ווי איך האָב גאָרניט

געהערט דאַס, וואָס דו האָסט נאַר־וואָס געזאָגט... גלייך ווי איך וואָלט גאָרנישט פֿערשטאַנען, וואָס דו האָסט איצטער געזאָגט... לאָז מיך נאָר איין ווײַלע נעבען דיר זײַן... אבער ניין גאָרניט, גאָרניט. איך פֿערשטעה גאָרניט. רבונו של עולם, ווי קינדעריש איך בין!

י ח י א ל

ביסט געגליכען צום שניי, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלען ערגעץ אין טיעפֿען וואַלד, און קיין איינציגער טריט איז נאָך אויף איהם ניט אַריבערגעגאַנגען.

ד י נ ה

פֿערלאָז מיך ניט, יחיאל.

י ח י א ל

וואָס מיינסטו דערמיט?

ד י נ ה

זי ציטערט מיט איהר גאַנצען וועזען.

גאָרניט, גאָרניט. ניין, איך מיין גאָרניט היינט. איך קען אָהן דיר קיין איין מינוט ניט לעבען. מאַך אַזוי, אַז מיינע יסורים זאָלען ניט זײַן בעזונדער — נאָר מיט דיר אינאיינעם זאָל איך ליידען. בעזעץ מיך אין דײַן הארצען. מאַך אזוי, אז איך זאָל זײַן אַ טייל פֿון דײַן נשמה; חאָטש דער קלענסטער טייל פֿון דײַן נשמה זאָל איך זײַן — איך זאָל ניט בעדאַרפֿען קלערען איבער דײַנע ווערטער, נאָר איך זאָל זיי פֿיהלען... איך וויל, דו זאָלסט היינט אָנהויבען צו רעדען מיט'ן פֿאָטער. נאָר רעד מיט איהם ווי אַ קליין קינד רעדט צו אַ פֿאָטער. אָהן ווערטער, נאָר מיט די אויגען, מיט די וואונקען זאָלסטו צו איהם רעדען; דאָס וויל איך, מײַן טייערער.

י ח י א ל

ווי אונטערטעניג.

דו ביסט דאָך געוועזען דער שענסטער חלום מיינער; ווען כ'האָב מיר געוואָלט פֿאָרשטעלען אַמאָל אין חלום אַ שעהן לעבען האָב איך עס אָהן דיר קיינמאָל זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלען.

ד י נ ה

אלץ אמאָל... געשעהן און געוועז. און איצטער... זי בעפרייט זיך פון איהם און געהט אום אויף און אָב. פינסטערער איז היינט ווי שטענ־דיג. זי צינדט אָן נאָך אַ ליכט.

י ח י א ל

געהט אריין צו זיך אין צימער.

ד י נ ה

„ווי דער שניי אין טיעפען וואלד, וואו קיין טריט איז אויף איהם ניט אריבערגעגאנגען"... נאר די זון קומט אהין ניט צו; קיינמאָל קומט זי אהין ניט צו...

ר' ב נ י מ י ן

קומט אריין.

ד י נ ה

בעמיהט זיך צו בערוהיגען און אָנצונעהמען איהר געוועהנליכען אויסזעהן. זי טהוט אָן אויפ'ן קאָפּ צוריק איהר ווייס טיכעל, וואָס זי האָט פון זיך פריהער אראָבגעוואָרפען.

ר' ב נ י מ י ן

קוקט זיך אַרום.

ליכטיגער ווי שטענדיג איצטער אין שטוב. ווער האָט עס אזוי פיעל ליכט דאַ געמאַכט?

ד י נ ה

שווייגט.

ר' ב נ י מ י ן

דו האָסט אָנגעצונדען? שעמסט זיך צו דערצעהלען? גוט האָסטו געטהאָן. גלייכער ליכטיגער.

ד י נ ה

ניט איך האָב אָנגעצונדען.

ר' ב נ י מ י ן

פארוואָס האָסטו מיר גלייך נישט געוואָלט ענטפערן? עפּעס אַ סוד? וואו איז די מוהמע?

ד י נ ה

איך ווייס ניט.

ר׳ ב נ י מ י ן

געהט אום אויף און אָב אונרוהיג.

און יחיאל וואו איז? שוין געקומען?

ד י נ ה

יאָ, שוין לאַנג.

י ח י א ל

בעווייזט זיך אויפ׳ן שוועל פון זיין צימער. ער איז בלאַס און אויפגערעגט. ער מאַכט אַ טריט צו ר׳ בנימינען, נאָר ער בענוצט זיך דער־מיט, וואָס דער פאָטער האָט איהם ניט בעמערקט, ציהט ער זיך צוריק צו זיך אין צימער אריין.

ר׳ ב נ י מ י ן

ווענדט זיך אין יענעם אויגענבליק אום צו יחיאל׳ס זייט און זייערע בליקען בעגעגענען זיך.

ד י נ ה

שטעהט פון דער ווייטענס און קוקט צו דער דאָזיגער שטומער סצענע.

י ח י א ל

געהט צו איהם.

ר׳ ב נ י מ י ן

אַט אזוי, נו, געווים...

י ח י א ל

ער פאלט מיט׳ן קאָפּ אויפ׳ן פאָטערס אַקסעל.

ר׳ ב נ י מ י ן

גלעט מיט ליעבע זיין קאָפּ.

נו, געווים אַזוי. האָט עס דען אַנדערש געקענט זיין?... ביסט פון ווייטען וועג צו מיר געקומען. מיעד ביסטו. זאָל זיין דיין קומען געבענשט. און אויב דו וועסט ווידער פון מיר, ערגעץ ווייט אוועקגעהן, בין איך דאָך אַ פאָטער... זאָל זיין דיין אוועקגעהן געבענשט. איין דור בעדאַרף דעם אַנדערן דור פאַר׳ן

שטארבען זיין ברכה געבען. נו, פונדעסטוועגען רעד אוים א ווארט. פאר א פאטער מעג מען. פאר א פאטער מאכט נישט אוים. איז דער טאטע א בייזער, בעשטראפט ער מיט א ווארט אדער מיט א מחשבה אין הארצען. איז דער פאטער א גוטער, רייסט ער אפילו די בייזע מחשבה אויך פון הארצען ארוים און ער פערווארפט זי פון זיך. נו. וואס מאכסטו?

י ח י א ל

ווי שווער ס'איז צו זיין א איד!

ר' ב נ י מ י ן

נאר דאס האסטו מיר געהאט צו זאגען? אויב דאס אליין, געפעלט עס מיר... לאנג האט געדויערט ביז דו ביסט צו דער רעכטער מחשבה געקומען... אפשר האט דאס ווארט פאר דיר אנ'אנדער בעשייד — וויל איך פון איהם נישט וויסען. יעדערער בעשיידט דאס ווארט „איד“ אויף זיין לשון. — לאז מיר שוין די ווערטער דיינע פערשטעהן ווי איך וועל קענען...

ש ר ה

קומט אריין און בלייבט איבערראשט, זעהענדיג יואל'ן מיט'ן פאטער צוזאמען.

ר' ב נ י מ י ן

אט איז די מאמע אויך... זעהסטו, דו ביסט געקומען שפעטער פון אלעמען. — יחיאל איז דאך געקומען צו אונז צופאהרען. — דו דערקענסט איהם נישט?...

י ח י א ל

ניין, מיין פאטער, איך וויל אליין דעם בעשייד פון מיינע פריהערדיגע ווערטער דיר ערקלערען.

ס'הערשט א טויטע שטילקייט.

ר' ב נ י מ י ן

נידערגעשלאגען דער קאפ זינקט אויף זיין ברוסט.

צווייטער אקט

אַ גאָרטען ; פערלאָזען און ניט אויפגעפּאַסט. די בלעטער אויף די בוימער געלבען שוין און האַלטען ביים אראָבפאלען. רעכטס אַנ׳איינפאַכע אַלטע הילצערנע באַנק אין דער ערד איינגעגראָבען. אין דעם הינטערגרונד זעהט זיך אַ וואַנד פון ר׳ בנימינס הויז און דאָס פענסטער וואָס קומט אַרויס אין גאָרטען אריין. דורך דעם פענסטער זעהט זיך ר׳ בנימין אויף זיין שטענדיגען אָרט, נעבען טיש, ביים אָפענעם ספר. מען זעהט ווי ער שטעהט אויף פון זיין אָרט און געהט אום אויף און אָב איבער׳ן צימער, און באלד ווידער פערנעהמט ער זיין פלאַץ. אין צוים פון גאָרטען, לינקס, צום הויז צו, איז פאַרהאַנען אַ פערטעל, ארויסצוגעהן פון גאָרטען. פריהמאָרגען.

ד י נ ה

זיצט אויפ׳ן באַנק, דער קאָפּ אראָבגעלאָזען, די הענד אויף ביידע קניה ; האָפנונגסלאָז.

ש ר ה

קומט און רופט :

רינה! ביסט אין גארטען?

ד י נ ה

הויבט לאנגזאם אויף איהר קאָפּ. אויפ׳ן געזיכט רוהט אַ שטילער טרויער. זי ווארט שווייגענדיג ביז די אַלטע וועט זיך צו איהר דערנעהנטערן.

ש ר ה

כ׳האָב פערשטאנען, אז דאַ ביסטו. זיצסט שוין דאַ לאנג?

ד י נ ה

גאנץ גלייכגילטיג.

איך וויים אליין ניט ווי לאנג איך זיץ דאַ.

שרה

דו וועסט אפשר געהן אין שטוב אריין?

דינה

נאך וואס? דא איז דאך בעסער.

שרה

וואלסט דאך אין שטוב אריינגעגאנגען.

דינה

נו, געוויס וועל איך אין שטוב ארייננעהן... איך האב געמיינט, אז נאר ביים זונפארגאנג איז שעהן — די פריה־מארגענס, סוף זומער, זענען נאך שעהנער.

שרה

אויף דער גאס איז זומער שעהן און ווינטער שעהן; פארנאכט שעהן און בעגינען שעהן — אבער אין שטוב ביי מיר וואס טהוט זיך..

דינה

איז דען איצטער אנדערש ווי ס'איז געווען נעכטען, אדער מיט צוויי טעג פריהער?

שרה

ס'האט נעכטען דער טרויער איבער מיין שטוב גערוהט און איצטער איז אויף דאס אייגענע.

דינה

בין איך דען שולדיג אין דעם?

שרה

קען איך גאר דיך בעשולדיגען? איך וואלט נאר וועלען פון דיין פנים דעם טרויער אראבנעהמען.

דינה

נאך א טאג, נאך א טאג און מיר וועט שוין גוט זיין.

שרה

האסטו דען גערעדט מיט יחיאל'ן אזעלכעס?...

דינה

איך? גארניט.

שרה

טאַ וואָס דען רעדסטו אַזעלכעס?

דינה

איך זאָג, אַז ניט שטענדיק ליידט דאָך אַ מענש. ניט שטענדיג איז דאָך דאָס האַרץ פערקלעמט.

שרה

אודאי בעדאַרף מען שטענדיג האָפען צו גאָט, מיט זיין חסד איז אַלץ.

דינה

וואָס דאַגה'ט איהר אַזוי פיעל? וואָס קלערט איהר אַזוי פיעל?

שרה

ווישט די טרעהרען.

דינה

איך זאָג דאָך אייך, אַז נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און מיר וועט גוט זיין...

שרה

נעכטען האָב איך אליין מיינע אויגען נישט געגלויבט, ווען איך בין אין שטוב אריינגעקומען און דערזעהן זייביידען אזוי נאָהנט איי־נער צום אנדערן. ווער צו וועמען איז צוגעגאַנגען?

דינה

ס'האָט ביידען, איינעם צום אנדערן געצויגען. האָבען זיך ביידע גע־וואָלט, איינער פאַר'ן אנדערן אויסרעדען.

שרה

און וואָס האָבען זיי גערעדט? גאַרנישט!

דינה

זיי האָבען גאַרניט גערעדט, ווייל זיי וועלען זיך ביידע שוין קיינמאָל ניט קענען צוזאַמענרעדען. אפשר וואָלט גלייכער געווען, ווען זיי בלייבען נעכטען אויך פון ווייטען איינער פון דעם אנדערן.

שרה

וואָס שאַדט עס?

ד י נ ה

כ'ווייס, אפשר שאדט עס. פריהער האָב איך נאָך געהאָפט און איצטער איז שוין די לעצטע האָפנונג באַלד פערלאָשען געוואָרען.

ש ר ה

וואָס איז דער חילוק?

ד י נ ה

איך האָב געמיינט, אַז דער פעטער וועט מיט איהם רעדען, וועט ער זיך אפשר פערענדערן. וועט ער איהם אפשר קענען בעווייזען, אַז ניט גוט טהוט ער.

ש ר ה

מיט דעם וואָס ער האָט זיך אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ אריינגענומען?

ד י נ ה

ניין: נעגען זיינע געדאַנקען וויל איך גאָרניט האָבען. איך האָב גאָר קיין העזה ניט צו טראַכטען וועגען זיי און זיין איהם מיט עפּעס דערווידער. ניט פאַר מיין שכל איז עס צו בעגרייפען.

ש ר ה

וואָס זשע דען?

ד י נ ה

כ'האָב געמיינט... אַך, וואָס איך האָב געמיינט...

זי פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד.

ש ר ה

זעצט זיך נעבען איהר און ביידע שווייגען אַ לאַנגע צייט.

ד י נ ה

און מיט'ן פעטער וואָס האָט איהר גערעדט?

ש ר ה

ער ווייסט פון אַלץ. קיין זאַך פון איהם קיין סוד נישט. און איך ווייס אויך אַלץ וואָס דיר קומט אויס איבערצוטראַגען... אַז זייער האַרץ איז גאָר אַנדערש; דו קענסט זיך גאָר צו זיי נישט אויפהויבען. און וואָס מיינסטו האָב איך געוואָלט? איך האָב געוואָלט זיין דאָס שטוי־

בעלע פון אונטער זיינע הייליגע פיס. און וואָס? קענסטו אפילו צום שטויבעלע אויך נישט זיין געגליכען.

ד י נ ה

און אז איהר זענט יונגער געווען?

ש ר ה

מיט מיר איז דעמאלט געווען גאָר עפּעס אנדערש.

ד י נ ה

וואָס האָט איהר דעמאָלט, אין מיינע יאָהרען, געפיהלט?

ש ר ה

אז ביי מיר איז געווען צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, האָב איך שוין יחיאל׳ן אויפ׳ן האנד געטראָגען; און א יאָהר נאָך מיין חתונה האָב איך איהם שוין אונטער׳ן הארצען געטראָגען.

ד י נ ה

וואָס האָט איהר יעמאלט געשפּירט? געטראכט?

ש ר ה

פון וואָס דעמאלט טראכט א מאָמע? דאָס איז שוין, מיין לעבען נישט אויסצודערצעהלען... ווען דאָס קינד האָב איך נאָך אין מיין לייב געפיהלט, אין מיינע אָדערן געפיהלט, האָט מיין לייב א ליע־בע ווארימקייט דורכגענומען און ליכטיגע חלומות האָבען זיך אין מיין קאָפּ געשפּונען. און אז איך האָב אונטערן הארצען זיין גופּע־לע צום ערשטען מאָל דערשפּירט — איז דעמאָלט די גאנצע וועלט אויף איין רגע ווי פערשטעלט געוואָרען; נאָר באלד האָט זי זיך ווידער בעוויזען פאר מיר, אָבער שוין א שעהנערע, א ליכטיגערע... און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז אין מיטען וועלט, אויף א גרויסען, גאָלדענעם שטוהל זיץ איך — די מאָמע, וואָס טראָגט א קינד אונ־טער איהר יונגען הארצען.. און אז איך האָב די ערשטע וועהען דערפיהלט, איז מיר מיין לייב קאלט און ווידער היים געוואָרען און איך האָב געשפּירט, אז איך אליין שטארב שוין; עס שטארבט די פריהערדיגע אָרימע שרה און עס ווערט געבארען אנ׳אנדער שרה: — א רייכערע, מיט גאָטס חסד בעשאָנקען און מיט זיין גוטען רצון

בעוועליגט... און אז מיר איז ווידער אין די אויגען ליכטיג געוואָרען און מען האָט מיר בעוויזען מיין נייגעבאָרען עופ׳עלע — בין איך שוין דעמאָלט נישט די אייגענע געווען. א קול פון א מלאך אין הימעל האָט אין מיינע אויערן געקלונגען: „א מאַמע ביסטו.... א מאַמע ביסטו“. און גאָר אָהן א סוף געזאַנגען האָבען זיך ארום מיר געגאָסען און געזונגען: „א מאַמע ביסטו... א מאַמע ביסטו“. און אז איך בין פון דעם זיסען געזאַנג מיעד אנטשלאָפען געוואָרען, האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט: אויף א גאָלדענעם בעט האָט מען מיך אנידערגעלעגט און גאָט׳ס מלאכים טראָגען מיך מיט׳ן בעט אין הימעל אריין און ווינקען דערביי: „אָט איז די מאַמע... אָט איז די מאַמע“...

ד י נ ה

און ווייטער...

ש ר ה

און ווייטער... וואָס קען איך דיר נאָך אזוינס דערצעהלען, איך זאָל דיר דיין הארץ גרינגער מאַכען?

ד י נ ה

וועט עס גאָר קיין סוף ניט נעהמען?

שטעהט אויף און געהט אום אויף און אָב.

ש ר ה

קוקט נאָך דינה׳ן און שאָקעלט פערזאָרגט מיט׳ן קאָפּ.

ד י נ ה

איך וויל אמאָל זיין שטאַרקער פון זיך אליין. איך וויל אמאָל טראַכטען, אז מיט דער דאָזיגער שטוב האָב איך שוין קיין שום שייכות ניט: אז די שטוב איז נישט מעהר ווי א דירה, וואו איך בעדאַרף זיצען און פון דערווייטענס נאָכקוקען זיינע טריט. לעבען מיט זיינע מחשבות, וואָס איך פערשטעה ניט אזוי גוט און וועלכע ער האָלט אזוי פערבאָרגען פון מיר: הערען אמאָל זיין שטימע און ניט דערוויידערן זיינע פערלאַנגען, וואָס איך פערשטעה ניט אזוי גוט...

י ח י א ל

קומט אָן פערקוקט אין בלעטער פאַפיר פערשריבענע. ער מערקט זיי נים.

ש ר ה

אַט, געהט יחיאל, גוט וואָס ער געהט. איך וועל אליין מיט איהם רע־דען.

ד י נ ה

טהוט עס ניט, כ'בעט אייך. דאָס איז איצטער זעהר ווייט פון איהם.

ש ר ה

רעד דו מיט איהם.

ד י נ ה

אַט זעהט איהר דאָך, אז ער מערקט מיך גאַרניט.

ש ר ה

ניין, מיין קינד, דאָס זוכט ער דיך; זעהסט דאָך, אז ער זוכט דיך.

ד י נ ה

אפשר.

ש ר ה

ער געהט אהער — רעד מיט איהם, רעד מיט איהם.

זי געהט אַרויס פון גאָרטען.

ד י נ ה

בלייבט זיצען. קוקט נאָך אָנגעשטרענגט יעדע בעוועגונג יחיאל'ס.

י ח י א ל

דערנעהנטערט זיך, פערקלערט צו דינה'ן. ער בעמערקט זי פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען.

ד י נ ה

ציטערט אויך אינסטינקטיוו אויף שיער נים אויסשרייענדיג.ביידע בלייבען אַ ווײלע שטעהן. פערוואונדערט.

י ח י א ל

וואָס האסטו זיך דערשראקען?

ד י נ ה

דו האָסט זיך אויף דערשראָקען.

י ח י א ל

איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט נאָך. איך האָב ניט געקלערט צו טרעפען דיך אַזוי פריה אויף דעם אָרט.

ד י נ ה

שטעהט אויף.

איך וועל דיך לאָזען. איך געה אין שטוב אַריין.

י ח י א ל

פאַרוואָס דען?

ד י נ ה

דו ווילסט דאָך געוויס אַליין בלייבען.

י ח י א ל

פון וואַנען ווייסטו עס?

ד י נ ה

האָסט דאָך אויסגערעכענט, אַז איך שלאָף נאָך.

ביידע שווייגען, קוקען זיך גלייך אין די אויגען.

ד י נ ה

וואָס וואונדערט דיך אַזוי, וואָס איך בין היינט פריה אויפגעשטאַנען? איך שלאָף ניט ביינאַכט דעריבער שטעה איך פריה אויף.

י ח י א ל

שלאָפסט ניט ביינאַכט...

ד י נ ה

האָסטו צער דערפון. וואָס מיינסטו איז די סבה? ס'איז זיך גלאַט אַזוי.

י ח י א ל

ווילסט מיך בערוהיגען? ס'איז ניט נויטיג.

ד י נ ה

נישט נויטיג?

יחיאל

ווייל מיך בערוהיגען איז שוין איצטער שווער.

דינה

איך וויים עם אליין זעהר גוט.

יחיאל

זעץ זיך, דינה; גוט, וואס כ'האב דיך דא געטראפען. איך וויל מיט דיר וועגען עפעס וויכטיגעס רעדען.

דינה

זי קוקט איהם פערוואונדערט אן.

יחיאל

איך מיין, אז גלייכער איז, איך זאל דיר פערטרויען וואס איך טראכט; ווארום צו דיין הילף וועל איך דאך בעדארפען אנקומען.

דינה

דו צו מיין הילף?

יחיאל

אנדערש וועט עס ניט קענען זיין. איך בין געקומען צו דעם בעשלוס, אז כדי קיינער פון אונז זאל קיין אומזיסטיגע ליידען ניט האבען, זאל איך פון מיין פאטערס הויז אוועקגעהן.

דינה

איך האב עס אליין געטראכט. כ'האב נאר ניט געוואלט דיר די ערש־טע זאגען וועגען דעם.

יחיאל

ווי זאל איך וויסען, וואס פאר א ווירקונג דאס קען אויפ'ן פאטער און אויף דער מוטער האבען? אייגענטליך האט עס מיר די מוטער אליין געהייסען: גלייכער, זאגט זי, אז דו וועסט אונז צורוה לאזען.

דינה

דו ווילסט ווארטען ביז דער פאטער וועט זיך צו דיר ווענדען? כ'מיין, אז דאס וועט קיינמאל ניט געשעהן. אויב ער האט געקענט גאנצע צוויי יאהר מיט דיר ניט רעדען און אין דער אייגענער צייט זיין אין הארצען אזוי נאהענט צו דיר, אזוי ליעב צו דיר בלייבען....

איך וועל דעם נעכטיגען אבענד קיינמאל ניט פערגעסען.

י ח י א ל

איך וועל עס אויך קיינמאל ניט פערגעסען. מיט קיין זאך אין דער וועלט וואלט ער מיך ניט געקענט אזוי מנצח זיין ווי מיט זיינע איינפאכע פאטערליכע ווארימע ווערטער נעכטען אין אווענד. אזוי פיעל יסורים פערטראגען; אזוי פיעל ליידען און אין דער אייגענער צייט אזוי קענען שלום מאכען מיט'ן, אייגענעם גורל. — אויף דעם איז נאר פעהיג דאס נארישע, און אין דער אייגענער צייט — וואונדערליכע יודישע הארץ—

ד י נ ה

מיט וואס איז ער נאריש?

י ח י א ל

ווייל קיין שום הארץ קען נישט איבערטראגען אזוי שטיל בעליידיגונגען ווי דאס יודישע, און איך געפין, אז מענשען בעדארפען ניט ליידען; און קיין מענש אין דער וועלט האט נישט דאס רעכט אנצוהענגען דעם צווייטען יסורים און פיין בלויז דערפאר וואס ער אליין קען אלץ גרינג פערטראגען. ווען מיך זאל ניט שמירען אין קייטען דער חוב פון „כבוד אב ואם“, וואלט איך מיט דער גרעסטער דרייסטקייט צו מיין פאטער זיך געווענדעט און איך וואלט ביי איהם געפרעגט: „פארוואס, פאטער, האסטו מיך אויף דער וועלט געבראכט? מיט וואס פאר א רעכט האסטו א מענש בעשאפען אויף דער ערד, ער זאל א איד זיין; א פערוואלגערטער זיין צווישען טויזענדער פרעמדע וועלטען? !“ און אויב אלע מענשען ליידען, ליידט דאך דער יוד פיעל־פאכיגער, און אזוי ציהט זיך עס דורות־לאנג און פאר וואס? .... צוליעב וואס, דינה? — איך וויל ניט אז נאך מיר זאל בלייבען נאך איינער, אזעלכער ווי איך, און וועלכער זאל אומגעהן מיט אזעלכע פינסטערע געדאנקען ווי איך, און וואס זאל אויף מיר, דעם ליידענדען, ווי אויף א מערדער קוקען — טראגענדיג א קללה אין הארצען און דאך פערבייסען די ליפען ביז בלוט — און שווייגען; פערבייסען די ליפען ביז בלוט און ניט

קענען ארויסרעדען דאָס וואָס די נשמה לעבט איבער בלויז דערפאַר וואָס די עלטערן מיט זייער נארישער ליעבע האָבען דיר דיין מויל פערשלאָסען פון א קללה און לעסטערונג....

ד י נ ה

און וואָס זאָל איך מיט מיינע געפיהלען טהאָן? קען איך זיך דען פון מיין הארץ אָבזאָגען?

י ח י א ל

מען מוז זיך אמאָל צום שכל צוהערען.

ד י נ ה

ווען איך זאָל וועלען פאָלגען, וואָס מיין שכל הייסט מיך, האָב איך דיר בעדאַרפט אָוועקוואַרפען; צורייסען מיט דיר, מיט דער דאָזיגער שטוב; אָז אַלץ פערגעסען און אנטלויפען פון דאַנען וואוהין די אויגען וועלען מיך טראָגען. איך קען עס אָבער ניט. ווי מיט אייזערנע קייטען בין איך צו דער שטוב צוגעבונדען. איך קען קיין מינוט ניט איבערלעבען, איך זאָל דיך ניט זעהן און דיין קול ניט הערען. איך געה דיר נאָך ווי א שאָטען איך ווייס, אַז איך מאַך דיר אויף יעדען טריט שווער און דאַך....

י ח י א ל

איך טראַכט שטענדיג וועגען דיר ווי פון דעם מענשען, וואָס טראָגט א שווערען לאַסט אויף די פּלייצעס ניט וויסענדיג פאַרוואָס מען האָט איהם אויף די פּלייצעס ארויפגעלעגט.

ד י נ ה

וואָס קען איך אָבער מיט מיין הארצען מאַכען? שוין באַלד צוויי יאָהר נאָך אונזער חתונה.... איך קען ניט מעהר... דער פאָטער מיט דער מוטער קוקען מיך אָן מיט שטומע בליקען און איך ווער רויט פאַר בושה. איך ווייס וואָס זיי פרעגען ביי מיר מיט זייערע בליקען.... איך שעם מיך און ווייס אליין ניט פאַר וועמען און פאַר־וואָס... דו ביסט ביי זיי דער איינציגער און מיר דאַכט זיך, אַז אויב דו וועסט זיין דער ל ע צ ט ע ר דאָ אין שטוב, וועל איך אליין דעם שולד דערפון בעדאַרפען טראָגען.

יחיאל

יא, דער לעצטער ...

דינה

און איך אליין, איך וועל עס ניט קענען איבערטראגען. צי ווייסטו דען ניט די חובות פון א אשה און דאס הארץ איהרס? איך קען עס שוין ניט מעהר. הער ווי איך רעד צו דיר; דערקענסטו דען ניט אין מיין קול ווי איך לייד? זעה דאך, ווי א קליין קינד רעד איך צו דיר. איך טאר עס ניט.... איך ליעג ביינאכט אויף מיין געלעגער מיט אפענע אויגען און איך חלום... און איך זעה זיך אליין ווי איך בין א מוטער געווארען. אינ'ם וויגעלע שלאפט דאס קינד מיט ראזיגע, ליכטיגע בעקעלאך און איך זיץ פון ווייטען מיט איינגעהאלטענער שמחה. די מילך אין מיינע בריסטען קלייבט זיך און וועקט אין מיר מוטערליכע לוסט, און איך ווארט אונגעדולדיג, מיין קינד זאל שוין אויפשטעהן און איך וועל עס מיט מילך פון מיין אייגענעם לייב אנזויגען... און דערנאך וועט עס ווידער די אויגעלעך פערשליסען און איך שטעה ווידער נעבען דעם און קוק פון ווייטען מיט אזוי פיעל מוטערליכע ליעבע... וואס קומט ארויס איך רעד און דו פערשטעהסט עס ניט.

יחיאל

וואוהין ווילסטו פון דאנען אוועקגעהן?

דינה

זי קוקט איהם פערוואונדערט אן.

יחיאל

וואס קוקסטו מיך אזוי אן?

דינה

מיינסט אין אמת'ן, איך זאל אוועקגעהן?

יחיאל

וואס ציטערסטו אזוי?

דינה

וואס האסטו איצטער, נאר - וואס געזאגט?

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE

יחיאל

איך מיין — וואוהין וואָלסטו געגאַנגען, אויב דו מיינסט די שטוב צו פערלאָזען?

דינה

איך וועל דאָך געהן מיט דיר; וואוהין דו וועסט וועלען — אהין וועל איך געהן.

יחיאל

האָב איך שלעכט פערשטאַנען.

דינה

ווילסטו, איך אַליין זאָל פון דאַנען אוועקגעהן? !.... וואָס שווייגסטו? זאָג מיר. וועסט הייסען, וועל איך פון דאַנען אוועקגהען.

יחיאל

ניין: איך וויל ניט, דו זאָלסט פון דאַנען אוועקגעהן.

דינה

זי טוליעט זיך צו איהם ווי אַ צושראָקענע טויב.

רעד עס ניט מעהר: רעד עס ניט מעהר — קיינמאָל ניט.

יחיאל

האָסט דאָך פריהער אַליין געזאָגט, אַז צייטענווייז ווילט זיך דיר פון דאַנען אין גאַנצען אוועקגעהן.

דינה

ווי קען איך גאָר זאָגען אַזעלכעס? ווי קען איך גאָר טראַכטען דערפון? אז איך האָב זיך איינגאַנצען מיט דיין נשמה צוזאַמענגעגאַסען? און אַז איך רעד מיט דיר, ציטערט מיין גאַנצער וועזען. ניין: ביז דו וועסט מיר ניט הייסען, וועל איך קיינמאָל פון דער שטוב ניט אוועקגעהן. צוליעב דיר נאָר שעץ איך דיין פאָטער אַזוי שטאַרק. ווייל ער האָט דיך, מיין נשמה, אויף דער וועלט געבראַכט. די גאַנצע צוויי יאָהר וואָס ער האָט מיט דיר ניט גערעדט, בין איך דאָך ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען. און נעכטען, אַז ער האָט צו דיר דאָס ערשטע וואָרט אויסגערעדט, האָבען זיך פאַר מיר אַלע הימלען אויפגעעפענט.

י ח י א ל

יחיאל, ווי אומגליקליך דו ביסט!

ד י נ ה

מיט דעם וואס איך שפיר זיך אזוי נאהענט צו דיר?

י ח י א ל

יא.

ד י נ ה

האסט עס ביז איצטער ניט געוואוסט?

י ח י א ל

אויף אזוי פיעל האב איך ניט געוואוסט.

ד י נ ה

וואס וועט איצטער זיין? אך, מיין גאט...

י ח י א ל

איצטער איז מיין פערצווייפלונג נאך גרעסער געווארען.

ד י נ ה

גאט מיינער! פארוואס? צו גאה איך דען אפריהער אויף דיין וועג? איך שטער דיר ניט. בלויז ווי א שאטען גאה איך דיר נאך און מיט אלע כחות בעמיה איך מיר דיר ניט צו שטערען.

י ח י א ל

ס'איז ניט אמת.

ד י נ ה

ווי דען?

י ח י א ל

דו גאהסט אפריהער און פערשטעלסט מיר מיין וועג.

ד י נ ה

איך?!

י ח י א ל

יא, דו.

ד י נ ה

ווי קען עס גאר געמאלט זיין? ווער בין איך? וואס בין איך?

א שטויבעלע און מעהר גארנים.

יחיאל

זאג מיר פעסט און קלאר :—ווילסטו מיר אין מיין וועג ניט שטעהן?

דינה

איך זאל דיר ניט שטערען ... ווי קען עס גאר אנדערש זיין ?

יחיאל

זיי ווייסען, דינה, אז פון מיר וועסטו קיינמאל קיין מוטער ניט ווע. רען.

דינה

פארוואס ?

יחיאל

איך האב פריהער דיר וועגען דעם עטוואס אנגעוואונקען, נאר דו האסט מיך ניט פערשטאנען. איך וועל דיר איצטער אלץ קלאר און אפען ארויסזאגען — דו זאלסט מיך פערשטעהן.

דינה

פארוואס ? שוין זאג מיר, פארוואס ? ...

יחיאל

דו וועסט פון מיר קיין קינד אונטער דיין הארצען ניט טראגען, ווייל איך וויל קיין פ א ט ע ר ניט זיין און וויל ניט ברענגען קיין ק י נ ד ע ר אויף דער וועלט.

ס'הערשט א טויטע שטילקייט.

דינה

ניין, ס'איז ניט אמת !....

יחיאל

דו האסט דאך אליין פערלאנגט פון מיר, איך זאל דיר אלץ קלאר און אפען זאגען.

דינה

ווי קענסטו גאר אזעלכעס פון דיין מויל ארויסזאגען ?

יחיאל

איך האב געוואוסט, אז דאס וועט זיין פאר דיר דאס שרעקליכסטע:

און לאנג קלייב איך זיך שוין דיר עס צו זאגען. פריהער, דו ביסט נאך יונגער געווען, האסט נאך אזוי פיעל פון מיר ניט געמאהנט; דיינע אויגען ווען זיי האבען געבליקט צו מיר האבען ניט אויסגע־דריקט אזוי פיעל חנינה. — נאר איצטער איז די צייט געקומען, אז איך זאל פון דיר מעהר קיין סודות ניט בעהאלטען —

מיין פאטער איז א גרויסער יוד. אזוי האלט פון איהם גאנץ שטאדט; אזוי טראכט וועגען איהם די גאנצע געגענד און איך אליין, אזוי טראכט איך איצטער אויך וועגען איהם. און יעדעס מאל, ווען די ווערטער האבען זיך מיר פון הארצען געריסען און איך האב זיך געוואלט ווענדען צו איהם, ארויסזאגען איהם דאס, וואס פאר איהם וואלט דאס שרעקליכסטע געווען; וואס איהם — אלס פרומען יודען וואלט עס די גרעסטע שמערצען פערשאפט, — דאן האב איך ביז בלוט מיינע ליפען פערביסען און יענע ווערטער פאר'ן מויל ניט ארויסגעבראכט.... יא, האט מיך מיין פאטער געלערנט צו וויסען, אז איך בין א איד. און ווען צרות האבען זיך געצויגען ווי וואלקען איבער אונזערע קעפ האט ער דעמאלט ווי א צושראקענער פויגעל איבער מיר געציטערט און שטיל מיר אין אויער געשעפטשעט: „א איד ביסטו, א איד ביסטו!“... און אידען — זאגט ער — זענען אויף דער וועלט בעשאפען געווארען, די וועלט צו לערנען. מיר זענען גאטס עדה; אויף דעם האט אונז גאט בעשאפען. און שכר פאר אונזער תורה בעדארפען מיר מיט שטראף בעקומען. דער־מיט וואס אלע בעשטראפען אונז... הערסט? מיר זענען די לעה־רער, וואס אונזערע תלמידים צאהלען אונז מיט בלוט פון אונזערע אייגענע קינדער!... פון אנהויב האב איך אין דעם געגלויבט נאר בלינד. נאר מיט דער צייט איז דער גלויבען אין מיר אזוי שטארק געווארען, אז איך האב שוין שפעטער אליז כמעט מיט'ן שכל פער־שטאנען. — ווארום איך קוק אויף מיין פאטער און איך קען קיינעם צו איהם ניט גלייכען: געבארען געווארען א מדריך צו זיין און דאך איז ער יעדע מינוט גרייט עונש אבצוקומען. יעדע רגע גרייט דאס לייב זיינס אונטער דעם אייזערנעם קאם אונטערצושטעלען... אזוי

האט עס לאנג געדויערט. נאר מיט אמאל האט מיין געדאנק אויפ־
נעפלאקערט און כ'האב דערזעהן ווי ווייט איך האב א טעות; ווי
ווייט איך אליין בלאנדזשע, מיט דעם, וואס איך גלויב מענשען,
וואס בלאנדזשען שוין דורות לאנג. און מיט אלע מיינע חושים,
מיט'ן גאנצען וועזען מיינעם האב איך דערשפירט, אז אלץ, אין
וואס כ'האב אזוי זיכער און רוהיג געגלויבט, איז נאריש געווען. —
ניט פאלש, נאר נאריש און אונזיניג.....

לעבט א פאלק שוין טויזענדער יאהרען און זיין גרויסקייט בע־
שטעהט אין דעם, וואס ער ווייסט צו דערצעהלען, און צעהלען ווי־
פיעל מאל מען האט איהם אויפ'ן פייער געברענט; וויפיעל מאל
מען האט זיין לייב געריסען. ווי אין דעם וואלט אונזער גרעסטער
גליק בעשטאנען, וואס מיר קענען אהן א סוף אונזערע צרות אויס־
רעכענען .... — אבער צוליעב וואס איז דאס ליידען געגעבען גע־
ווארען? דאס ליידען אליין — צוליעב וואס?! אויב דער איד
בעדארף די פעלקער לערנען און אויפ'ן ריכטיגען וועג ארויפ־
פיהרען — דאן זאל ער דורך זיין אייגענעם ליידען צו דער תורה
קומען, אז דאס ליידען בעדארף פערניכטעט
ווערען און אומקומען! אומקומען דראף צו ערשט דער
וואס ווייסט, אז זיין גורל איז צו פלאגען זיך זיין גאנצען לעבען!...
זאל עס וויסען יעדערער, סיי פון אונזער פאלק, סיי פון דער פרעמד,
וואס האט א הארץ און דאס הארץ פלאגט זיך — אז דורך א
טעות לעבט דער מענש אויף דער ערד.
צוליעב אייגענע נארישקייטען איז ער
פערוואגעלט; און די וואס האבען שוין דערשפירט דעם
ביטערען סוד פון לעבען זאלען זיי די לעצטע
אויף דער ערד זיין און מיט זיי אליין
זאל זיך זייער אייגענער לעבען ענדי־
גען! ....

דינה

א. ווי שרעקליך עס איז!

י ח י א ל

זאָל עס זיין שרעקליך פאַר די וואָס ווילען לעבען אויף דער ערד ווי ווערים: זיך פּרוכפּערן און נייע דורות נאָך זיך אויפשטעלען.

ד י נ ה

אָבער וואָס זאָל איך טהאָן?

י ח י א ל

אויב דו ביסט אַ אידישע טאָכטער — גיב זיך אונטער דיין גורל.

ד י נ ה

און שטענדיג ליידען?

י ח י א ל

אפשר ניט שטענדיג.

ד י נ ה

בעדאַרף איך דאָך דערצו שטאַרבען און נאָך אַמאָל געבוירען ווערען. מיט אַנדערע כחות, מיט אַנדערע געדאַנקען. איך זאָל עס קענען איבערטראָגען ... אָבער איך וועל עס ניט קענען ... אָ, יחיאל ....

זי הויבט זיך אויף פון איהר אָרט און הייבט אָן וויינען אויפ'ן הייכען קול, ווי איינער וואָס בעקלאָגט אַ גרויס אומגליק, און מיט דעם געוויין לאָזט זי זיך געהן אין צווייטען עק גאָרטען.

י ח י א ל

בלייבט אויף זיין אָרט, דער קאָפּ צו דער ערד געזונקען. אין יענער צייט קומט אָן ר' בנימין אָנגעלעהנט אויף אַ שטעקען.

ר' ב נ י מ י ן

קוקט זיך ארום, ווי ער וואָלט עמיצען זוכען.

ווער וויינט עס דאָ אין גאָרטען? ... כ'האָב שוין לאַנג אַזא געוויין נישט געהערט: אַזוי אויפ'ן הויכען קול ...

י ח י א ל

שטעלט זיך אויף, ווען ר' בנימין דערנעהענטערט זיך צו איהם.

דאָס האָט דינה געוויינט נאַר־וואָס, איידער דו ביסט אָנגעקומען.

ר' ב נ י מ י ן

דינה? וואָס איז די סבה?

י ח י א ל

צוליעב מיר האט זי געוויינט.

ר' ב נ י מ י ן

האסט עס מיט דיין אייגענעם ווילען געמאכט אזוי, זי זאל וויינען?

י ח י א ל

יא ...

ר' ב נ י מ י ן

מסתמא נישט איצטער ערשט האט זיך די סבה אנגעהויבען, צוליעב וועלכער זי האט געוויינט?

י ח י א ל

ניט איצטער.

ר' ב נ י מ י ן

אין וואס בעשטעהט עס?

י ח י א ל

זי וויל, איך זאל געהן געגען מיין אייגענעם פערשטאנד — זי וויל, איך זאל איהר קינדער געבען.

ר' ב נ י מ י ן

דאס הייסט, זי פערלאנגט פון דיר, דו זאלסט זיין א איד, און דו ווילסט נישט. דאס מיינסטו?

י ח י א ל

שווייגט.

ר' ב נ י מ י ן

האב איך הייסט עס נישט פערשטאנען?

י ח י א ל

זי פערלאנגט פון מיר קינדער; נאר ווייל איך בין א איד, קען איך איהר פערלאנג ניט ערפילען.

ר' ב נ י מ י ן

גאנץ איינגעהאלטען.

איך פערשטעה נישט, דערקלער מיר.

יחיאל
איך בין צו דעם דורך מיין אידישקייט געקומען.

ר׳ בנימין
דורך דיין אידישקייט?

יחיאל
יא, דורך מיין אידישקייט.

ר׳ בנימין
דאס הייסט, איך אליין האב עס דיך געלערנט?

יחיאל
דיין תורה איז געווען דער פערפלאנצטער בוים, אויף וועלכען דער דאזיגער געדאנק האט אויפגעבליהט... דו האסט מיך געלערנט: א מדבר איז די וועלט; א מדבר מיט ווילדע חיות. און אין דעם מדבר, צווישען די ווילדע חיות לעבט א שעפעלע אליין און אלע חיות שארפען אויף איהם זייערע צייהן. און דאס הארץ פונ׳ם שעפעלע פאכט פאר שרעק; טאג און נאכט פאכט ער פאר שרעק. — נאר צורייסען וועט עס קיינער ניט, ווייל דאס שעפעלע מוז לעבען. האטש אין שרעק — נאר לעבען מוז עס, ווייל אזוי וויל גאט....

ר׳ בנימין
אזוי וויל גאט... און דו גלויבסט נישט אין דעם?

יחיאל
דורך דעם גלויבען בין איך צום געדאנק געקומען, צוליעב וועלכען דינה האט נאר וואס געוויינט.

ר׳ בנימין
נישט אמת! נישט דורך דעם גלויבען ביסטו דערצו געקומען. קיינמאל ברענגט נישט דער גלויבען צו טרעהרען און צו וויינען.... קיינמאל נישט!... שעהן איז דער קוואל וואס קוועלט אין פעלד צווישען די גרינע גראזען; שעהן איז דאס שטראמיגע וואסער ווען די זון רייסט פון דעם דאס אייז אראב; שעהן איז דער הימעל ווען דער ווינד האט פון זיין אויסגעשטערנטער בלוי-

קייט די וואָלקען פערטריבען; אַלץ איז דאָך שעהן און פיין — נאָר שעהנער פון דעם אַלעמען איז די נשמה פון דעם מענשען אין דער מינוט ווי זי גלויבט... דעמאָלט שפּיגעלט זי זיך אָב דעם לויטערען קוואַל צווישען די גרינע גראָזען; דעם מעכטיגען טייך ווען ער שטראָמט צווישען זיינע ברעגען; און אַמאָל נאָך ווייט איבער זיינע ברעגען גרייכט ער; און אַלע זיעבען הימלען מיט אַלע זייערע ליכטיגע שטערען שפּיגעלט דעמאָלט די נשמה אין זיך אָב... גלויבען, גלויבען.... ביז צו דער לעצטער רגע פון דעם מענשען זאָל דאָס האַרץ דער גלויבען נישט פערלאָזען. און גלויבענדיג זאָל די נשמה זינגען... און גלויבענדיג זאָל זי זיך דערהויבען און בליהען...

י ח י א ל

יאָ, דאָס איז זעהר שעהן...

ר׳ ב נ י מ י ן

נאָר וואָס דען ווילסטו?

י ח י א ל

איך וויל מיך בעפרייען פון דעם גלויבען, אַז י ס ו ר י ם זענען שעהן און אַז מיר זענען דאָס פייער, דורך וועלכען די וועלט בעדאַרף זיך לייטערן פון איהר שמוץ... און אַז אין דעם פייער פון אונזערע הייזער לייטערט זיך די נשמה פון דער וועלט...

ר׳ ב נ י מ י ן

ער שפּירט זיך שוואַך; ער דערנעהענטערט זיך צום באַנק און בלייבט דאָרט שטעהן. רעדט שוואַכער, מיט אַנ׳איינגעהאַלטענער אונרוהיגקייט.

און נאָך דעם אַלעמען מיינסטו נאָך און דו גלויבסט, אַז דו ביסט אַ איד און מיינס אַ קינד?

י ח י א ל

יאָ, איך גלויב... און אפשר וועט אונז ביידען גרינגער ווערען, ווען דו וועסט מיך אויסהערען ער לעזט פון אַ פּאַפּיר, וואָס ביי איהם אין האַנד. מיין פאָלק, מיין הארציג פאָלק!

ר׳ בנימין

וואס איז עם?

יחיאל

דאס וועט זיין מיין צוואה אלס איד לעזט מיין עלענד פאלק . . . . א טהייל פון דיין גרויסער נשמה איז מיר דורך מיינע עלטערן איבערגעענטפערט געווארען. אין מיינע אדערן שלאגט דאס בלוט פון דעם ערשטען פון דיינע קינדער וואס האט אויף זיך דעם נאמען דעם אויסדערוועהלטען אנגעהויבען צו טראגען און אין זיין הארצען טראגט ער דעם וועהטאג פון דעם ערש־טען וואס גלייך מיט דעם אויסדערוועהלטען נאמען זיינעם האט ער זיך פון דער ערד אבגעריסען. אויף מיינע פלייצעס טראג איך א שווערען יאך. מיין לייב איז געבונדען מיט שטריק, נאך אין די אוראלטע צייטען געפלאכטענע, און פון אונטער די שטריק טריפט בלוט אויף מיין וועג און אויף מיין שטעג. איך בין איינער פון דיי־נע קינדער, וואס פיהלט דעם וועהטאג אזוי שטארק און אזוי ביטער. און ווי ליעב איך זאל דיך ניט האבען און ווי טייער דו זאלסט מיר ניט זיין, קען איך מיין פערשאלטען בלוט נאך מיר קיינעם ניט מאכען ירש׳ענען, און די יסורים פון מיין הארץ קיינעם ניט פער־טרויען: און מיין גורל נאך מיר זאל איינגאנצען פערלארען ווערען — — — איך וויל אז מיין הארץ זאל איינגאנצען פערשטיינערט ווערען: זאל קיין טרעהר פון קיין ליעב קינד איהם ניט בעריהרען: זאל קיין וואונקען פון ליעבע פרויען איהם ניט ווייכער מאכען און זאל אפילו דער עלענד אליין מיר ניט מנצח זיין, כדי איך זאל זיך אין דער שוים פון א צווייטען אין מיין געשטאלט ווארפען און אויף איין אויגענבליק זיך פערגעסען. נאר שפעטער זיך אויפוואכען נאך עלענדער, נאך פערלארענער און לאזען נאך זיך א גרויסען זינד א פערזייטען, פון וועלכען ס׳זאל שפעטער נאך מיר א דור וואקסען... א דור מיט לוסט און לעבען אין דער יוגענד ווי איך — און שפעטער גלייך ווי איך, דערשפירען אין הארצען אנ׳אבקלאנג פון אלטע ציי־

טען: — קירכען גלאָקען און געוויין פון קליינע קינדער; תּפילות בעטענדע און טרעהרען פערגאָסענע; אַ ריח פון בשמים און וויי־רעך מיט'ן ריח פון מענשען־פלייש געבראָטענע... איך וויל זיין דער לעצטער פון מיין פאָטערס הויז און נאָך מיר זאָל קיין נעדעכעניש ניט בלייבען....

ר' בנימין

דער לעצטער.... דער לעצטער....

יחיאל

יאָ, דער לעצטער מיין פאָטער.

ר' בנימין

הויבט אָן פון שוואכקייט צו פאַלען אָן אַ זייט.

יחיאל

שטיצט איהם פאָרזיכטיג, לעגט ער איהם אַנידער אויף דער באַנק.

דריטער אקט

דאָס איגענע צימער ווי אין ערשטען אַקט. ארום האלבען טאָג.

ר׳ בנימין

בעוויזט זיך אין טיר פון זיין צימער, געפיהרט אונטערן האַנד פון שרה׳ן. ער איז שטאַרק געעלטערט געוואָרען, אָבגעשוואכט. ער קוקט זיך אַרום וואו צו פערנעהמען אַנ׳אָרט.

שרה

איז געעלטערט און נידערגעשלאָגען.

אפשר זאָל איך דיך גאָר אויף דער גאַס ארויספיהרען?

ר׳ בנימין

דאָס וועט שוין זיין אַ ביסעל צופיעל פאר מיר.

שרה

איך וואָלט דיך אין גאָרטען ארויספיהרען.

ר׳ בנימין

אַך, דער גאָרטען. צו שפעט א ביסעל.

שרה

וואָס הייסט, צו שפעט?

ר׳ בנימין

שוין דער זומער אוועק. שוין באַלד אלע בלעטער אראָבגעפאַלען. וועסט מיך צופיהרען צו מיין אַלטען אָרט נעבען פענסטער, און דאָס פענסטער עפענען.

ער זעצט זיך אויף זיין אָרט נעבען פענסטער.

שרה

דאָ וועט דיר טאָקי גוט זיין. עפענט דאָס פענסטער. דוכט מיר, אז עס ציהט א קעלט פון דאַנען.

ר׳ בנימין

ברייטער עפען אויף, וועט קיין ווינד ניט ציהען.

30

ש ר ה

זי עפענט אויף ברייט דאָס פענסטער. עס בעווייזען זיך צווייגען מיט פערגעלבטע בלעטער.

ר׳ בנימין

ביינאכט מוז שוין זיין קאלט, וואָס די בלעטער זענען מיט אמאָל געל געוואָרען.

ש ר ה

איך וועל דיר עפּעס אונטערלעגען אונטערן פּלייצע, דיר זאָל גרינגער זיין צו זיצען.

ר׳ בנימין

וועט שוין רעכט זיין. איצטער וועסטו מיר דערלאַנגען מיין ספר פון יענעם חדר.

ש ר ה

וויל געהן.

ר׳ בנימין

ווארט נאָר איין ווייל'ע.

ש ר ה

זי קוקט איהם אָן אונרוהיג.

ר׳ בנימין

שטיל אין שטוב. א מערקווירדיגע שטילקייט. גאָר נישט ווי אין האַלבען טאָג.

ש ר ה

זאָל איך דיר ברענגען דעם ספר?

ר׳ בנימין

הערסט ווי דער זייגער טיקט? פון דעם דריטען חדר הערט זיך דאָס טיקען זיינס. א מערקווירדיגע שטילקייט.

פון צווייטען צימער הויבט זיך אָן צו הערען יחיאל'ס שטימע, וועלכע געהט ביסלעכווייז איבער אין אַן'אויפגעקלערטען ניגון וואָס ביים לערנען.ביידע וואכען אויף און מיט גרויס כונה הערען זיי זיך צו. ס'ווערט ווידער שטיל.

שרה

האסט געהערט?

ר' בנימין

וואס זאל עס הייסן?

שרה

ער לערנט.

ר' בנימין

און דו ביסט שוין דערמיט צופרידען?

שרה

כ'וויים, מיר דאכט זיך אלץ, גאט וועט מיין צער אננעהמען; ער וועט איהם זיין הארץ צוריק אומקעהרען.

ר' בנימין

נאר נישט דאס...

שרה

איך פערשטעה נישט.

ר' בנימין

איך הער אין דעם קול גאר עפעס אנדערש. נישט מיט דעם קול האט ער געלערנט, ווען די תורה אונזערע איז פאר איהם הייליג געווען. דאס מיינט ער דעם אלטען ניגון צופאסען צו זיינע נייע ווילדע גע־דאנקען. דער ניגון יענער קען זיך אבער נישט צופאסען — און קיינמאל וועט עס נישט זיין.

שרה

אפשר זאלסטו מיט איהם נאך אמאל רעדען?

ר' בנימין

ס'איז איבעריג.

שרה

איך וועל איהם אריינרופען אהער.

ר' בנימין

עס וועט צו קיין שום תכלית נישט ברענגען. אנדערש איז דאך נישט געמאלט וואס ער בעהאלט זיך אזוי פון מיר. און אפשר וויל ער זיין

טרויעריג פּנים נישט בעווייזען. אפשר וויל ער נישט בעווייזען, אז זיין געמיט איז נאָך שווערער פון מיינעם. מען בעדאַרף נישט... וואָס איז מיט איהר?

ש ר ה

זי רעדט גאָרנישט. נאָך איינמאָל האָט זי ווי אַ קליין קינד געוויינט און מעהר נישט; איז ווי שטום געוואָרען און געהט פון איהר חדר נישט ארויס.

ר׳ בנימין

נעכטען, ווייזט אויס, האָט זי יאָ געוואָלט מיט מיר רעדען, נאָר זי האָט עס נישט געטאָן.

ש ר ה

פון וואנען ווייסטו עס?

ר׳ בנימין

זי איז צו מיר אריינגעקומען. אַ צייט איז זי ביים טיר געשטאַנען, האָט מיך אָנגעקוקט און איז דערנאָך צוריק ארויסגעגאַנגען. שפּע־טער האָט זי ווידער די טיר געעפענט, אַ פּאָר טריט געמאַכט איבער דער שוועל און ווידער קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט. און אַזוי שווייגענדיג האָט זי זיך צוריק אומגעקעהרט... דאָס האָב איך שוין גאָר נישט פערשטאַנען.

ש ר ה

אפשר האָט זי געמיינט, אז דו שלאָפסט?

ר׳ בנימין

איך בין געזעסען אויף מיין געלעגער.

ש ר ה

וואָס וועט זיין דער סוף?

ר׳ בנימין

ער זאָגט, אז ער וויל זיין דער לעצטער... ער זאָגט.

ש ר ה

אָבער דער סוף וואָס וועט זיין?

ר׳ בנימין

נישט ביים מענשען איז דער האנד ליעגט דער גורל פון דער וועלט. וועט גאָט וועלען, וועט ער ווידער א מבול ברענגען; וועט ער ווידער אלע מענשען פון דער ערד אבמעקען — און אז ער וועט וועלען, וועט ער דאָך אנ׳אויסדערוועהלטען איבערלאָזען, וואָס וועט ווידער די ערד בעפרוכטפערן.

שרה

אבער מיט אונזער שטוב?

ר׳ בנימין

און ווען מיר וואָלטען גאָר איינגאנצען געווען חשוכי בנים? וויסט און גארנישט?

שרה

גאָט האָט אבער אזעלכעס מיט אונז נישט געטהאָן. ער האָט דאָך אונז א קינד יאָ געגעבען...

ר׳ בנימין

איז עס א נסיון געווען; און דערצו איז דאָך נישט יעדערער זוכה.

שרה

מיט וואָס האָב איך עס פערזינדיגט ביי גאָט?

ר׳ בנימין

פערזינדיגט? נישט אויף דעם זינדיגען שיקט גאָט זיינע נסיונות. איז אברהם אבינו ריין פון זינד געווען און גאָט האָט אויף איהם א נסיון געשיקט, ער זאָל אָהן איין קינד בלייבען.

שרה

צי דען איז עס פאר די כחות פון א מאַמען אזעלכע נסיונות איבער־צוטראָגען?

ר׳ בנימין

שטארק זיך. זאָג: איך דאנק דיך, גאָט, און איך לויב דיך, וואָס דו האָסט מיך געבענשט, און דיין קללה, וואָס דו האסט אויף מיר אנ־געשיקט, האָב איך עס שפעטער אויך פאר א ברכה אָנגענומען. וואָ־רום דיינע קללות וואָס דו שיקסט אויף א מענשען — זענען עס

ברכות"…. מיר. גאָטס בעשעפענישען, זענען איינס פון זיינע וואונ־דער, און דעם געדאנק וואָס ער האָט אונז געגעבען איז עס צו בע־גרייפען זיינע וואונדער — און זיין גרויסקייט צו לויבען. אזוי איז עס געשעהן און אזוי וועט עס שפּעטער, אין די ווייטערדיגע דורות, אויך דויערן. און אויב איינער מיינט, אַז ער קלערט אנדערש, הייסט עס, אז גאָט האָט אויף אַ רגע זיין חסד אראָבגענומען פון דעם דאָזיגען מענשען… און אָט אזוי טרעפט עס אמאָל מיט אַ גאנצען דור: — גאָט נעהמט אראָב זיין חסד פון א גאנצען דור.

ש ר ה

וזי פאר זיך.

און ער האָט געמאכט, אז עס זאָל וועה טהאָן: יסורים זאָלען אויפ'ן מענשען פאלען איבער זיינע כחות….

ר' ב נ י מ י ן

אין דעם בעשטעהט דער גרויסער סוד פון דער בריאה. אלץ ווערט מיט וועהטאָג און מיט יסורים גרויסע געבארען. איז דען פארהאנען אַ גרעסער גליק פאר דער מוטער, ווי דעמאָלט, ווען זי ברענגט איהר קינד אויף דער וועלט? און דער וואָס אין הימעל האָט נאָך איהר גליק פערגרעסערט מיט דעם, וואָס ער האָט אויף איהר שווערע יסורים אַנגעשיקט, כדי דאָס גליק זאָל אינגאנצען איבער איהר אַנ־הויבען צו געוועלטיגען… געהט זיך עס שוין אזוי פון אַנהויב וועלט אַן אינאיינעם געפלאָכטען דאָס גרויסע גליק מיט די גרויסע צרות און ליידען.

ש ר ה

אפשר זאָל איך גאָר שווייגען… פערשליסען דאָס מויל; פערשליסען דאָס הארץ…

ר' ב נ י מ י ן

נישט שטענדיג איז דאָס שווייגען א צייכען פון אונטערטעניגקייט.

ש ר ה

דורך שווייגען וועט מען דאָך אבער קיין זינדיג וואָרט נישט אויס־רעדען.

ר׳ בנימין

אויב דו פערשטעהסט אזוי — בין איך געווים צופרידען. האָב איך גענען דעם גאָרנישט... לאָמירביידע שווייגען... שוין ביידע שוויי־גען.

בלייבען שטיל. ווידער הויבט זיך אָן צו הערען, ווי פריהער, יחיאלס שטימע.

ר׳ בנימין

גאָר אונגעריכט שטעלט ער זיך ענערגיש אויף און מאַכט עטליכע טריט אין דער זייט פון וואַנען ס׳הערט זיך יחיאלס קול.

שרה

דערשראָקען.

וואָס ווילסטו טהאָן?

ר׳ בנימין

צו איהם, איך וויל...

די ווערטער רייסען זיך איבער. ער קען ניט בעהאַלטען זיין אויפ־רעגונג. עס שיינט, אַ ער וואָלט וועלען זיך אַליין גובר זיין און ניט געהן. יחיאלס שטימע ווערט מיט אַמאָל אַנטשוויגען און ר׳ בנימין ווי ער וואָלט מיט אַמאָל זיין פריהערדיגע אונגעריכטע ענערגיע פערלאָרען און ער בלייבט שטעהן אין פערצווייפלונג.

שרה

וואָס איז מיט דיר? יחיאל, וואו ביסטו? יחיאל...

ר׳ בנימין

נישט... נישט רוף... ס׳איז מיינע יסורים; מיינע אייגענע מיינע...

געהט אָב צו זיך אין צימער, געשטיצט פון שרה׳ן.

יחיאל

קומט אַריין, קוקט פערוואונדערט זיך אַרום. צו מערקען, אַז זעהר פיעל האָט ער איבערגעלעבט פאר דער לעצטער צייט.

וואָס איז דאָ געשעהן? מוטער! האָסט מיך גערופען?

ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, דערנעהנטערט ער זיך צו ר׳ בנימינס

צימער און ער הערט זיך צו. ס'הערט זיך שרה'ס שטימע רעדט אויף יע־נער זייט טיר.

ש ר ה

נו, גוט, איך וועל דיך לאָזען... ווי קען איך עס אבער טהאָן... ווילסט נישט, איך זאָל דיך זעהן טרויעריג... ווילסט נישט, איז גוט... איז גוט...

זי קומט אריין און פערמאַכט אָהן חשק די טיר הינטער זיך. קענ־טיג, זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר בעמערקענדיג יחיאל'ן, פערענדערט זיך מאָמענטאל דער אויסדרוק פון איהר געזיכט, און עס בעקומט אַ מוטערליכע צארטקייט, און אַ מוטערליכער שמייכעל בעווייזט זיך ארום איהרע ליפּען, נאָר באַלד פערשווינדט דער שמייכעל. זי זאָגט גאָרניט. לאָזט זי זיך אַראָב אויף אַ שטוהל, נעבען פענסטער.

י ח י א ל

מיט אַ בעהאַלטענער אונרוהיגקייט.

וואָס איז מיט דיר?

ש ר ה

דעם פאָטער איז פריהער נישט גוט געווארען.

י ח י א ל

איך האָב זיך דערשראקען און האָב דיך גערופען.

י ח י א ל

און איצטער וואָס איז מיט איהם?

ש ר ה

איהם איז בעסער. איהם איז היינט בעסער ווי נעכטען.

עס זעהט אויס, אַז זי וויל פון איהם פערבאָרגען ר' בנימינס צו־שטאַנד. איהרע אונרוהיגע בליקען זענען יעדעס מאָל צו ר' בנימינס טיר געווענדעט.

י ח י א ל

וואָס בעהאַלטסטו זיך פון מיר?

ש ר ה

מיין קינד...

יחיאל

ווילסט ניט, איך זאל רעדן?

שרה

אט טהו דיר דאס וואס דו ווילסט און וואס דו פערשטעהסט.

יחיאל

ווילסט זיך פון מיר דערווייטערן?

שרה

קוקט איהם אן.

יחיאל

איך וועל דיך אליין לאזען — דיר זאל גרינגער זיין.

שרה

איך האב דיך גערופען... מיר איז שווער אליין צו זיין אין שטוב. איך קען עס שוין מעהר נישט פערטראגען.

יחיאל

און אז דו זעהסט מיך נעבען זיך, איז דען דיר גרינגער? ביסטו דען נים אליין? נאך אזוי פיעל שמערצען וואס איך האב דיר פערשאפט און דו....

שרה

א קינד פערשאפט א מאמען קיין יסורים נישט.

יחיאל

דאס איז, מאמע ניט ריכטיג.

שרה

ווי דען פערשטעהסטו?

יחיאל

איצטער, קוקענדיג אויף דיר, טראכט איך פערשעלטען בעדארף די מוטער דעם טאג, וואס זי האט איהר קינד געבארען; פערשעלטען די מינוט, וואס זי איז א מוטער געווארען. זאג מיר, וואס בין איך פאר דיר?

שרה

ביסט פאר מיר דאס, וואס יעדעס קינד איז פאר א מאמען.

י ח י א ל

וואס גיב איך דען אזעלכעס דיין מוטערליכען הארץ, וואס פלאגט זיך אזוי?

ש ר ה

אלץ, וואס א קינד איז נאר בכח דער מוטער צו געבען.

י ח י א ל

מיט מיין שכל בעגרייף איך עס ניט.

ש ר ה

א מאמע, אז זי ליעבט איהר קינד, טראכט זי דערביי גארנישט. א מאמע שלאפט און דאס קינד זויגט איהר ברוסט. נישט דאס קינד ווייסט, אז די מאמע שלאפט, און נישט די מוטער ווייסט, אז דאס קינד זויגט איהר ברוסט. אזוי איז עס געשעהן. איינער אהן דעם אנדערן איז גארנישט. — ווען נישט דאס קינד, וואלט קיין מוטער נישט געווען.

י ח י א ל

און ווען דאס קינד ווערט עלטער?

ש ר ה

ווען דאס קינד ווערט עלטער, איז שוין דעמאלט די מאמע אינגאנצען נישטא; נאר איהר קינד איז פארהאנען. די מאמע איז שוין דעמאלט נישט מעהר ווי א שאטען וואס בעשיצט דאס שוואכע גרעזעלע פון דער ברענענדיגער זון.

בײדע שווייגען לאנג.

י ח י א ל

און מעהר האסטו מיר גארנישט וואס צו זאגען?

ש ר ה

איך קען דיר זאגען נאר אזעלכע ווערטער, דורך וועלכע איך זאל דיך נישט ברענגען, חלילה, צו קיין עבירה.

י ח י א ל

איך פערשטעה ניט.

שרה

איך וועל דיך עפּעס הייסען, דו וועסט מיך נישט פאָלגען, און דער־נאָך וועסטו דעם שולד בעדאַרפען טראָגען. וועל איך שוין בעסער גאָר שווייגען. שווייגען; אַלץ איין הארצען פערבארגען און דערביי נאָר פון דעם אַלמעכטיגען גאָט טראַכטען.

יחיאל

איך ווייס, אז דו וועסט מיך צו קיין עבירה ניט ברענגען.

שרה

איך האָב פריהער געהערט דיין קול פון יענעם חדר און כ׳האָב גע־מיינט, אז די אמאַליגע טעג די ליכטיגע קעהרען זיך צו מיר ווידער אום. עס קעהרען זיך אום די שעהנע ליכטיגע נעכט, ווען איך בין אויף מיין בעט געלעגען, געמאַטערט זיך נישט איינצושלאָפען, כדי איך זאָל קענען הערען אייער ביידענס געזאַנג... איך האָב מיך אַן דעם דערמאַנט.

יחיאל

איך האָב עס טאקע געטהאָן.

שרה

דיין קול איז דאָך אַזוי גלייך צו זיינעם.

יחיאל

איך בין גאַנץ אַליין געבליבען און איך האָב געוואָלט אזוי מאכען, אז איך זאָל מיך אָן מיינע יונגע יאָהרען דערמאָהנען.

שרה

דיינע יונגע יאָהרען... און איצטער?

יחיאל

איצטער איז מיין הארץ געוואָרען א דירה פאר פרעמדע און איינענע ליידען און די יוגענד איז פארביי... האָסט מיר מעהר גאָרניט וואָס צו זאָגען?

שרה

איך ווייס נישט.

יחיאל

איך פערלאנג עס פון דיר. איך וויל, דו זאָלסט צו מיר נאָך רעדען... דו ביסט פאר מיר דאָס הייליגע געשטאַלט, וואָס שוועבט אום אין די שטילע נעכט אויף די אידישע בית־עולם׳ס און פערגיסט אויף יעדען קבר אין דער שטיל הייסע טרעהרען, און אז דער מאָרגען־שטערן געהט אויף, פערשווינדט דאָס הייליגע געשטאַלט, לאָזענדיג אויפ׳ן בית־עולם א סוד א בעהאַלטענעם, וואָס קיינער ווייסט ניט זיין בעשייד.

שרה

טרעהרען פערמאָג איך ווי יעדע מאמע; אבער איך וויל דיר, מיין קינד, קיין טרעהרען נישט שענקען.

יחיאל

ניין, איך בעט פון דיר קיין טרעהרען ניט. איך בעט פון דיר, אז דו זאָלסט אויף מיר דיינע אויגען ווארפען, ווי אויף א קליין פערשטיפט קינד, וואָס די מאמע שלאָגט אָן איבער די הענדטלעך און דערנאָך וועז עס וויינט, ווישט זי איהם די טרעהרען אָב און קושט איהם אויף זיינע פערוויינטע בעקעלעך... און אז דאָס קינד ווערט אנטשלאָפען, שטעהט זי, די מוטער, ביי זיין וויעגעלע און זי מסר׳ט ביי זיך אין הארצען אליין אויף זיך... „כ׳האָב עס, נעביך, אומזיסט איבער די הענדטלעך געשלאָגען"...

שרה

זי ווערט בעגייסטערט פון זיינע רייד. זי קוקט איהם מיט ליעבע אין די אויגען אריין, פערגעסענדיג זיך איינגאַנצען.

יחיאל

וועסטו מיר דאָך עפּעס זאָגען...

שרה

איצטער ביסטו שוין פון מיין רשות ארויס; אין דעם רשות פון גאָט ביסטו.

יחיאל

אלץ וואס דו וועסט מיך הייסען, וועל איך פאלגען, גלייך ווי נאט אליין וואלט עס מיר הייסען.

שרה

און דו וועסט נישט פאלגען.

יחיאל

שווייגט.

שרה

איך וויל פון דיר איין זאך בעטען — דיין מאמע פערלאנגט עס פון דיר. — ניין, זי בעט עס פון דיר. געה אריין צו דינה'ן אין איהר חדר אריין. טרייסט זי. געפין פאר איהר א פאר ווערטער. איך קען עס נישט. איך קען נישט שטעלען קיין גרעניץ פאר מיינע טרעהרען, ווען מיינע אויגען בעגעגענען זיך מיט איהרע — אבער דו .... האסטו דען נישט דיין גאנצע יוגענד וועגען איהר גע־חלום'ט ? .....

יחיאל

א, מיין חלום!

שרה

געהסטו נישט ?

יחיאל

וואס זאל איך איהר זאגען ? מיט וואס פאר א ווערטער זאל איך זיך צו איהר ווענדען ?

שרה

ווייניג ווערטער זענען פארהאן אין הארצען, וואס טראגט ליעבע ?

יחיאל

ווי שרעקליך, אונדערבארעמדיג דיינע ווערטער זענען! דיינע צערט־ליכע מוטערליכע ווערטער ברענען אונ'רחמנות'דיג ... דיינע צערט־ליכע מוטערליכע ווערטער, מיט בשמים געזאלבטע, און מיט שמער־צען געזאלבטע. נו, שוין ; איך וועל צו איהר אריינגעהן, אדער זי וועט גאר אהער אריינקומען .... נו, איך וועל זי רופען און זי וועט

אַהער אַריינקומען מיט איהר בלאַס, פער'חלומ'ט געזיכט; מיט איהרע פער'חלומ'טע אויגען — זי וועט אַריינקומען און פרעגען: וואָס האָסטו מיך גערופען? וואָס ווילסטו מיר זאָגען? .... — וואָס זאָל איך איהר ענטפערן? איך האָב דאָך פאַר איהר קיין ענט־פער ניט .... ניין, איך האָב ניט וואָס צו ענטפערן ....

ש ר ה

קיין איין וואָרט האָסטו נישט פאַר איהר?

י ח י א ל

און זי בעדאַרף עס ניט. איך וועל ניט זיין דער דאָזיגער, וואָס וועט מאַכען, זי זאָל זיין אַזוי אומגליקליך ווי דו איצטער. אַט זיצסטו איצטער און קוקסט מיר אין די אויגען מיט חנינה און שרעק צו־זאַמען. צי דען בעדאַרף איך דיינע ווערטער? צי דען ווייס איך ניט, וואָס דו לעבסט איצטער איבער און וויפיעל דו האָסט שוין איבערגעלעבט ביז דו ביסט געקומען. אַז דו ווילסט מיר גאָר ניט ענטפערן אין דער צייט, וואָס איך דיין קינד, דיין איינאונאיינציגער קינד פערלאַנג עס פון דיר....

ש ר ה

זי בייסט די ליפען פאַר שמערצען, מען זעהט אַז זי שטרענגט אָן אַלע קרעפטען איהרע ניט צו וויינען, רעדט און ווערגט זיך מיט די ווערטער.

זאָג, וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס שטעהסטו נעבען מיר? אַט זענען צוויי טירען; איינע רעכטס איינע לינקס. געה, עפען אויף איין טיר און בעוויז דיין אַמאָליגען ליכטיגען פנים: עפען אויף די צווייטע און רעדט אויס אַ פאָר פרעהליכע ווערטער. — וואָס נאָך קען איך דיר הייסען? — איך, צופלאָגטע מאַמע....

י ח י א ל

איך, צופלאָגטע מאַמע! .... דאָך זיך מודה געווען! ....

ש ר ה

וואָס דען האָב איך בעדאַרפט זאָגען, ווען מיין שטוב איז אַזוי פער־פינסטערט געוואָרען?

י ח י א ל

יאָ, די שטוב איז פערפינסטערט געוואָרען .... און פאַר דינה'ן האָב איך קיין איינציג וואָרט ניט, וואָס זאָל איהר גרינגער מאַכען. ווייל זי איז ווי דו און אזוי זענט איהר אַלע בלויז די שפּראָצונגען פון דעם מוטערליכען געפיהל, וועלכער געוועלטיגט מיט אונרעכט צייט די וועלט האָט איהר נאָמען בעקומען. איך וויל ניט, אז דורך מיר זאָל זי זיין אזוי אומגליקליך ווי דו.

ש ר ה

ווי זי וואָלט איצטער ערשט אָנהויבען צו פערשטעהן, וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט און וואָס עס קומט פאָר אין שטוב אין אַלגעמיין. 'וענדעט זיך צו איהם פערוואונדערט.

וואָס הייסט ? און די שטוב ? און א געדעכעניש ? ....

י ח י א ל

מיין לעבען און מיין טויט איז מיט מיר אַליין פערקניפּט. מיין גע־דעכעניש לעבט מיט מיר אַליין און מיט מיר וועט עס זיך ענדיגען. איך בעדאַרף קיין קינדער ניט!

ש ר ה

אַט דאָס האָסטו געמיינט ? און דאָס, הייסט עס, האָט דער פאָטער אויך פריהער געמיינט .... זאָג מיר, מיין קינד, וואָס זאָל עס בע־דייטען ? ....

י ח י א ל

איינפאַך: ווי נאָר דו קענסט פערשטעהן.

ש ר ה

און אזעלכעס האָסטו געזאָגט איהר, דינה'ן ?

י ח י א ל

כ'האָב עס איהר געזאָגט גאַנץ קלאָר און אָפען.

ש ר ה

און צוליעב דעם איז דער פאָטער קראַנק.

י ח י א ל

אפשר יאָ און אפשר ניט.

ש ר ה

דאָס קען נישט זיין. דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין .... איך וועל
זי אליין פרעגן.... דינה !

י ח י א ל

אַך, מוטער, דאָס איז אינגאַנצען איבעריג. רוף זי ניט.

ש ר ה

איך וויל אליין ביי איהר פרעגען, וואָס דו האָסט איהר אַזעלכעס
געזאָגט זי געהט צום טיר און רופט. דינה, איך קען צו ד׳
אריינגעהן ?

זי עפענט אויף די טיר און קוקט אין צימער פערוואונדערט, גלייך
ווי זי זאָל דאָרט עטוואָס אונגעוועהנליכעס מערקען. זי טרעט אָב אַן
אַ זייט און דינה קומט אַרויס.

ד י נ ה

איז יום־טוב׳דיג אין העלען אָנגעטהאָן; די בלאָנדע האָר איהרע אין
צוויי גרויסע צעפּ אויסגעפלאָכטען. איהר בלאָס טרוימעריש אויסזעהן
איז ליכטיגער ווי שטענדיג ; ווי יונגער וואָלט זי געוואָרען. העלער
און יונגער קלינגט איהר שטימע. מיט אַ שמייכעל בעקוקט זי אַלץ אַרום.

ש ר ה

נאָט אין הימעל וואָס איז דאָ געשעהן ?

ד י נ ה

טרוימעריש

ווי שעהן איז היינט דער טאָג ! ווי ליכטיג איז היינט דער טאָג !...

י ח י א ל

דינה ....

ד י נ ה

וואָס קוקט איהר מיך אַזוי פערוואונדערט אָן? וואָס איך האָב צוריק
מיינע מיידעלשע קליידער אָנגעטאָן ? וואָס איך האָב צוריק מיינע
מיידעלשע צעפּ אויסגעפלאָכטען ?

ש ר ה

וואס ווילסטו טהאן? וואס האסטו די קליידער... וואס איז דא?

ד י נ ה

צו יחיאל'ן, וועלכער שטעהט נאך אלץ ווי פערגליווערט

מיין ליעבסטער! מיין אויסדערוועהלטער! וואס קוקסטו אויף מיר אזוי פערוואונדערט? איך וועל באלד דערצעהלען וואס מיט מיר איז געשעהן... איך האב א שעהנעם חלום געזעהן און ער האט מיר צוריק מיינע מיידעלשע יאהרען אומגעקעהרט.

י ח י א ל

ניין, דאס איז שוין מעהר קיין חלום ניט!

ד י נ ה

קיין מוטער וועל איך דאך שוין ניט זיין — בעדארף איך דען מיין קאפ צודעקען? איך האב שוין אמאל געהאט זיעבען זיהן און זיעבען טעכטער, איינס אין דעם אנדערען זענען זיי געראטען גע־ווען: אזעלכע צעפ ווי מיינע האבען די טעכטער געהאט; צוויי צעפ גאלדענע האט יעדע פון זיי געהאט... אייך וואונדערט עס? איך האב זיי אלע אין חלום געזעהן נעהמט ארום שרה'ן ארום האלז, קוקענדיג מיט ליעבע צו יחיאל'ן.

י ח י א ל

ווי גליקליך ביסטו, וואס דיינע קומענדיגע טעג האבען זיך אין אזא שעהנעם חלום פערביטען!

ש ר ה

קושט דינה'ן

רעד נישט, רעד נישט; ווארום איך וועל עס גאר נישט איבער־טראגען.

י ח י א ל

וואס שרעקסטו זיך, מוטער? זעה, בעסער,ווי שעהן די וועלט איז פאר דעם, וואס דאס גאנצע לעבען האט זיך אין א חלום פער־וואנדעלט.

ד י נ ה

ניין, מיין טייערער, דאָס איז דאָך דיין חלום אויך געווען... די זיעבען זיהן און די זיעבען טעכטער, וואָס איך האָב אין חלום געזעהן, זענען דאָך דיינע אויך געווען... טרוימעריש אַלע, אַלע האָבען זיי מיך אַרומגערינגעלט, אַלע, אַלע האָבען זיי אַרומגעשטיפּט און אין איין נאַכט זענען זיי פון מיר פערשוואונדען געוואָרען... עמיצער האָט זיי ביי מיר צוגענומען; אַנ'אכזר, אָהן רחמנות איז ער געווען... אויף מאָרגען האָב איך אויפ'ן בית־עולם פיערצען קברים'לאַך געפונען: זיעבען פון מיינע זיהן און זיעבען פון מיינע טעכטער... האָב איך זיך אַהיים אומגעקעהרט, מיין קאָפּ מיט אַ זילבערנעם קאַם צוקעמט; אויף איהם מיינע גאָלדענע מיידעלשע האָר צוקעמט און כ'האָב מיינע מיידעלשע יום־טוב'דיגע קליידער אָנגעטאָן... איצטער וועל איך אויף דער גאַס געהן און וועל זינגען.

זינגט מעלאַנכאָליש מיט אַ ציטריגער שטימע, אין וועלכער עס קלינגט אונענדליכער עלענד און ליידען:

מיידע־לאַך, איהר שעהנינקע;
מיידע־לאַך, איהר פיי־נינקע;
הערצע־לאַך, איהר ריינ־ינקע;
אין וואָס פאַר אַ לאַנד
ט'איהר מיינע קינדער גע־זעהן?...
מיינע קינדער געזעהן?...

ש ר ה

לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל און איהר גאַנצער קערפּער ציטערט פאַר איינגעהאַלטענעם געוויין.

י ח י א ל

שטעהט ניט ווייט פון אַרויסגאַנג טיר, ניט אַראָבנעהמענדיג זיינע אויגען פון דינה'ן.

ד י נ ה

ווֹעמען בעווײנט איהר, מאַמע מײנע? מיך אָדער די קינדער מײנע?... ניט ווײנט, ניט ווײנט. אַט שטעהט מײן געליעבטער, אַט שטעהט מײן שעהנסטער; ווידער וועל איך נאָך אַ קינד מיט מײנע הענד וויעגען... זי קוקט אַמאָל צו שרה׳ן, אַמאָל צו יחיאל׳ן. אויף איהר געזיכט רוקט זיך אַ וואָלקען אָן. טרוימעריש: איהר האָט שוין פאַר מיר קײן אײן וואָרט ניט... קײן אײן וואָרט... קײן אײן שמײכעל ניט... ווי שרעקליך עס מוז מײן חלום זײן... ווי שרעקליך עס מוז מײן חלום זײן . . .

זי פערדעקט איהר געזיכט מיט בײדע הענד.

י ח י א ל

נײן; מײן לעבען וועט זיך שוין אין קײן חלום ניט פערוואַנדלען. איך וועל מוזען אין דער ווירקליכקײט לעבען און ווער ווײסט ווי לאַנג עס וועט נאָך דויערן?...

ענדע.

ביים ברעג

פּערזאָנען:

שאול אשכנזי

פּאולא — זיין צווייטע פרוי

לעאָניד } זיינע קינדער פון דער ערשטער פרוי
אידע }

רחיל — פּאולאַ׳ס טאָכטער פון דעם ערשטען מאַן.

יעקב לעווענשטיין

נאָלא

הויז־מיידעל

ערשטער אקט

ביי שאול אשכנזי. אַ זומערוואוינונג ביים ברעג ים.

אַ גרויס צימער, צוויי פענסטער און אַ גלעזערנע טיר אין הינטערגרונד. די טיר פיהרט אויף דער טעראַסע אַרויס, פון וואַנען עס זעהט זיך דער ים. לינקס אַ טיר צום אַלטען פאַרפאַלק און נידעריגער אַ טיר, וואָס פיהרט צו די טרעפ אויפ'ן אויבערשטיבעל און אויף דער גאַס אַרויס. רעכטס אַ טיר צו ליאַליען און אידען. רעכטס, ביים וואַנד, אַ פּיאַנאָ. לינקס, ביים וואַנד, אַ דיוואַן. אין מיטען צימער אַ טיש, איבער וועלכען ס'הענגט אַ לאַמפּ.

ש א ו ל אַ ש כ נ ז י

זיצט אויף דער טעראַסע אין שלאַפראַק; אַ זיידענע יאַרמאַלקע אויפ'ן קאָפּ, קוקט צום ים אַרויס.

ר ח י ל

קומט אַראָב פון אויבער־שטיבעל, אָנגעטאָן ווי צום שפּאַצירען געהן. בעמערקט דעם אַלטען און וואַגט איהם ניט צו שטערען, בלייבט זי אַ ווײַלע שטעהן אין טיר.

ש א ו ל

בעמערקט זי

דאָס ביזטו רחל?

ר ח י ל

איך. כ'האָב מיך איבערגעטאָן, גערעכענט שפּאַצירען געהן.

ש א ו ל

און איך האָב געמיינט — ביסט מיט די קינדער געגאַנגען, וואו איז די מאַמע?

ר ח י ל

איז געווים מיט די קינדער ביים ברעג.

שאול

ווארום געהסטו ניט?

רחיל

מיר ווילט זיך בעסער אין דער היים בלייבען.

שאול

איך קוק, ווי רוהיג דער ים איז, — גאר ניט ווי אין פריהלינג, און אין דרויסען איז אזוי ווארים, גאר ניט ווי ביים ים.

רחיל

יא, דער ים איז איצטער זעהר רוהיג... ווען דער פאפא וועט געהן, געה איך אויך.

שאול

ניין, מיין קינד, איך וועל שוין בלייבען אין שטוב. מיר וואונדערט נאר, וואס די קינדער האבען זיך בעזונדער אבגעטיילט.

רחיל

אין דעם בין איך אליין שולדיג. זיי האבען מיך גערופען און איך האב זיך געמאכט ניט הערענדיג, ווייל כ'האב זיך נאר־וואס גענומען איבערטאן און האב ניט געוואלט, זיי זאלען אויף מיר ווארטען.

שאול

קיין בייז, ווען זיי וואלטען א ביסעל ווארטען; קיין בייז... ער קומט אריין. דיין מוטער האט מיך געמאכט פאר א לײדיגגעהער און מיר איז שווער אויף אן ארט איינצוזיצען.

רחיל

מיינט איהר, אז אין שטאדט איז אהן אייך אן אונארדנונג?

שאול

גראדע נישט. איך האב מיך אויף וועמען צו פערלאזען. ס'איז א חרפה צו דערצעהלען; איך שפיר מיר דא ווי א פרעמדער.

רחיל

אך, ווען די מאמע וואלט עס הערען, וואס איהר האט איצטער גע־זאגט.

שאול

האָסט מיך שלעכט פערשטאַנען. כ'האָב גאָר עפּעס אנדערש גע־
מיינט. ס'טהוט מיר באנג, וואָס כ'האָב מיר ביז איצטער ניט אויס־
געבויט קיין אייגענע זומער־וואוינונג; זאָל מעהר זיין צוגעפּאַסט
צו מיין געשמאַק. דאָס האָב איך געמיינט.

רחיל

און איך האָב מיך ווי דערשראָקען.

שאול

ער זעצט זיך אין אַ געפלאָכטענעם לעהנשטול.

אַט, אפילו דער שטוהל איז אויך ווי פאר קליינע קינדער געמאַכט.

רחיל

זי שטעהט אין מיטען צימער פערקלערט.

שאול

האָסט דאָך פון מיר געהערט; האָב איך דאָך דיר שוין ערקלערט און
דו ביסט נאָך אַלץ אונרוהיג.

רחיל

איך פערשטעה אייך זעהר גוט. גלויבט מיר, ווען איך זאָל מיך דאַ
שפּירען פרעמד, וואָלט איך דעם זעלבען טאָג פון דאַנען אוועקגע־
פאָהרען. פאר דער וואָך צייט, וואָס כ'בין דאַ.. האָב איך מיך גע־
קענט איבערצייגען.

שאול

דיין פאָטער האָב איך נישט געקענט, און מיר דוכט, אז כ'קען נאָך
דיין מוטער אויך נישט ווי עס בעדאַרף צו זיין; וואָרום, ווירקליך,
וואָס קען מען זיך פאר צוויי חדשים פון דעם אנדערנס האַראַקטער
דערוויסען? און דערצו בין איך שוין אריבער זעכציג יאָהר. איך
האָב געמיינט מעהר פאר מיינע קינדער אַ מוטער צו געפינען איי־
דער פאר זיך... נאָר נישט דאָס, נישט דאָס... מיר וואָלט זיך זעהר
וועלען, ביי מיר אין שטוב זאָלען קיין בעזונדערע צוויי וועלטען נישט
זיין. פרידען וואָלט זיך וועלען, זאָל אין מיין שטוב הערשען... איך
האָב צו דיין מוטער, חלילה, גאָרנישט. האָט זיך איהרע זייטען —

אדרבה, מיר געפעלט עס. זי ווייסט, ווער זי איז. און ווען דו ביסט אין דיין מוטער געראָטען, געפעלט עס מיר אויך. מיט מיינע קינדער קען מען אויסקומען. מען קען מיט זיי אויסקומען.

ר ח י ל

ווארום זאָגט איהר עס מיר?

ש א ו ל

סתם אזוי. אַט, ביסטו אליין אין שטוב געבליבען... כ'וואָלט וועלען טרעפען, אז דיר בענקט זיך פון דאנען אוועקצופאָהרען. נו, נו שעם זיך נישט. כ'האָב נישט געטראָפען? זאָל זיין אזוי, בין איך געווים צופרידען, און אז יאָ — שאדט אויך ניט; מען איז יונג, בענקט זיך.

ר ח י ל

איהר גיט דעם אלעמען צו אזוי פיעל ווערט, בעסער קוקט ניט אויף דעם אלעמען...

ש א ו ל

ביסט ביי מיר פעררעכענט פאר איין אייגען קינד.

ר ח י ל

אויף מיר האָט דער ים געמאכט א שטארקען איינדרוק. און דערצו כאפט זיך אמאָל בענקען אויך אביסעל... נאָר אז אויג פערמאָגט איהר — בעדארף איך אייך מאכען א קאָמפּלימענט.

ש א ו ל

נו, וועסטו אפשר געהן צו די קינדער?

ר ח י ל

טהוט אוים דעם הוט, לעגט אויפ'ן טיש און בלייבט זיצען דאָרט.

ניין, איך וועל שוין היינט אין ערגעץ ניט געהן.

ש א ו ל

שטימונג איז זיך שטימונג און...

ר ח י ל

לאַכט זיך שטאַרק פונאַנדער, שלאָגט דעם אלטען איבער.

שאול

אַט, אזוי געפעלט מיר. אין דיינע יאָהרען בין איך שטענדיג לוסטיג געווען. מיין ליאַליע איז אַ ביסעל אין מיר געראַטען.

רחיל

נעהמט איהם געאַרעמט.

איהר וועט געהן מיט מיר שפּאַצירען? כ'וועל וואַרטען, ביז איהר וועט זיך איבערטאָן.

שאול

ניין, איך וועל וואַרטען, ביז די מאַמע וועט קומען. איך וועל נאָר שיקען די קינדער זאָלען אַ היים קומען.

רחיל

אויב צוליעב מיר, בעדאַרף מען ניט.

זי טהוט אָן איהר הוט, קושט דעם אַלטען די האַנד און געהט אַרויס.

שאול

ער געהט ארויס אויף דער טעראַסע.

רחיל

זי קעהרט זיך אום צוריק און אונבעמערקט פון דעם אַלטען געהט זי אַרויף אויבען.

פּאַאולא

קומט אריין.

ביסט אין שטוב גאַנץ אליין געבליבען. ווען איך וואָלט עס וויסען: כ'וואָלט זיך אזוי לאַנג ביים ברעג ניט געזאַמט.

שאול

ער קוקט אַריין אין צימער.

כ'האָב ביז איצטער מיט רחיל'ן פערבראַכט.

פּאַאולא

וואו איז זי דען?

שאול

נאָר־וואָס שפּאַצירען געגאַנגען. מיך וואונדערט, וואָס דו האָסט זי נישט בעגעגענט.

פ א א ו ל א

גאר אליין איז זי געגאנגען ?

ש א ו ל

יא : זי האלט זיך גאנץ בעזונדער.

פ א א ו ל א

עס וואונדערט מיר. איך קען מיין קינד זעהר גוט. אלעמפאלס בע־דארף זי זיך דא ניט שלעכט פיהלען.

ש א ו ל

אפשר בענקט זי אהיים ?

פ א א ו ל א

וואו איז דען איהר היים ? נעבען מיר איז זי אויסגעוואקסען. און ווען זי איז געווען אין קאנסערוואטאריום, בין איך אויך מעהר נעבען איהר געווען.

ש א ו ל

אט געהט זי אפילו צום קלאוויר נישט צו. איך וואלט וועלען, איהר זאל גוט זיין, איהר זאל ניט זיין אומעטיג... וואלט זי שפיעלען אמאל. כ'קען מיט איהר וועגען דעם נישט רעדען. מיט מיינע קינדער קען מען אויסקומען.

פ א א ו ל א

אויף אזוי פיעל זיך בעאונרוהיגען איז ניט כדאי. זי איז דאך קיין קליין קינד ניט. זי קלינגט. אויפ'ן שוועל בעווייזט זיך דאס הויז־מיידעל. ווערסט טיי מאכען.

ה ו י ז מ י י ד ע ל

דער טיי איז שוין פארטיג.

אב.

פ א א ו ל א

צינדט אן דעם לאמפ.

ניט געוואוינט. די קינדער האבען מיך געוואלט אין שיפעל נעהמען און איך האב מורא געהאט.

ש א ו ל

ווער איז דען געפאהרען?

פ א א ו ל א

לעאניד און אידע האבען געוואלט פאהרען.

ש א ו ל

שטיפערס קינדער.

פ א א ו ל א

וואוילע קינדער. כ'האב צו זיי נארניט.

ש א ו ל

ער געהט צו צום פיאנא און בעוועגט די קלאווישען אזוי זיך.

ה ו י ז מ י י ד ע ל

ברענגט דעם זודיגען סאמאוואר. אב.

פ א א ו ל א

פערנעהמט זיך מיט'ן טיי.

און דו, שאול, ביסט היינט עפעס אויך אומעטיגליך.

ש א ו ל

איך? פארנאכט, ס'איז דא א ביסעל צו שטיל. שפעטער, נאך אין א פאר וואכען ארום, וועט דא טומעלדיגער ווערען. איך ליעב נישט די שטילקייט פון קינדווייז אן.

ל ע א נ י ד און א י ד ע רייסען זיך מיט ליארעם אריין אין שטוב.

פ א א ו ל א

אט אזוי, קינדער, מאכט פרעהליך דעם פאפא; ער זאגט, ס'איז איהם צו שטיל.

א י ד ע

אך, האבען מיר זיך געשיפט, פאפא! ווען דו זאלסט זעהן, ווי מיר האבען זיך געשיפט. די מאמע האט מורא געהאט. יא, אמת, איהר האט מורא געהאט?

ל ע א נ י ד

וואו איז רחיל?

פּ אַ א ו ל א

איהר האָט בעדאַרפט רופען די יונגע לייט טיי טרינקען.

ש א ו ל

ווער איז עס?

פּ אַ א ו ל א

וואוינען דאָ ביים ברעג.

ל ע אַ נ י ד

רחיל איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען?

פּ אַ א ו ל א

ניט לאנג.

א י ד ע

פאָהרען אין אַ שיפעל אזוי נאָר איינער אליין... און לאָזען דאָס שי־פעל שווימען וואוהין עס וויל — מוז זיין זעהר אינטערעסאנט.

ל ע אַ נ י ד

שנעלט אידען איבער'ן נאָז.

דו ווייסט שוין אויך, וואָס עס איז אינטערעסאנט?

א י ד ע

איך מוז איהם אבגעבען... מיין ניט, אז כ'וועל דיך ניט כאַפּען... אזוי, דו קריכסט אויפ'ן שטוהל... כ'וועל דיר אויך כאַפּען.

ל ע אַ נ י ד

מיין נאָז צו שנעלען איז פערבאָטען.

א י ד ע

פאַרוואָס?

ל ע אַ נ י ד

ווייל איך בין אַ קלוגער און דו ביסט אַ נאַר. האָסט דען געזעהן, אז אַ קלוגער זאָל זיך לאָזען איבער'ן נאָז שנעלען?

א י ד ע

אויב אזוי, מוזטו איהם שוין פון מיר בעקומען.

ש א ו ל

וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש, קינדער?

א י ד ע

טאַ זאָג איהם, ער זאָל זיך לאָזען אבגעבען צוריק.

ל ע אָ נ י ד

און ווען ניט, וועסטו אָנהויבען וויינען?

א י ד ע

זאָג, פאפא, ליאָליען, ער זאָל זיך לאָזען אָבגעבען.. איך וועל דיר ניט לאָזען אראָבקריכען פון דעם שטוהל אפילו ביז מארגען.

שטעהט אויף דער וואך.

ל ע אָ נ י ד

דאָ איז גאָר ניט שלעכט; ווען עמיצער וואָלט מיר נאָך א גלאָז טיי דערלאנגען.

ש א ו ל

שעם זיך — אזאַ גרויסער בחור און האָט פאר מיר מורא.

ל ע אָ נ י ד

ער נעהמט אָן אַ פּאָזע פון אַ רעדנער.

אַט וועל איך באלד גאָר האלטען א רעדע דאָ אויפ׳ן שטוהל שטעהענדיג... געעהרטע דאמען און הערען...

ר ח י ל

זי קומט אראָב פון אויבען. אַנ׳אָלגעמיינער געלעכטער.

ל ע אָ נ י ד

שפּרינגט אראָב פון שטוהל.

זיך האָב געוואָלט האלטען א פראָטעסט־רעדע און איהר האָט מיר איבערגעשלאָגען.

פ אָ א ו ל א

ביסט גאָר אין דער היים געווען?

ר ח י ל

געגען וועמען האָט איהר עס געוואָלט פראָטעסטירען?

ל ע אָ נ י ד

אַט געגען דעם קליינעם טייוועל.

שנעלט איהר ווידער אין נאָז.

א י ד ע

דאָס וועט איהם שוין ניט געשוויגען ווערען.

זי לויפט צו רחיל'ן און וויינט זיך פונאַנדער, בעהאַלטענדיג איהר קאָפּ אויף רחיל'ס האַנד.

ש א ו ל

פע! קלוג, קלוג — און דאַך זיך בענארישט.

ר ח י ל

קום מיר וועלען ביידע געהן איהם אַבגעבען.

א י ד ע

שיסט אויס מיט אַ קלינגענדיג געלעכטער.

ל ע אַ נ י ד

אדרבה, זאָגט, ווער איז דער נאַר און ווער דער קלוגער?

א י ד ע

רעדט ניט מיט איהם, רחיל. קומט לאָמיר זיך זעצען ביי יענעם זייט טיש, נעבען דער מאַמען.

פּ אַ א ו ל א

דאָס געפעלט מיר שוין דוקא. טרינק טיי; וועסט זיך שוין מיט איהם אַברעכענען אַנ'אַנדערש מאָל.

ש א ו ל

רחיל מוז גאָר הונגעריג זיין.

ר ח י ל

דער פּאפּא היט מיך אָב ווי אַ קליין קינד. איך שעם מיר ווירקליך.

ש א ו ל

ווייל דו ביסט ווי א קליין קינד. כ'זאָג עס דער מוטער אין די אויגען. פערשטעהסט מיך... איך האָב גערעכענט, דו ביסט געגאַנגען שפּאַצירען, און דו ביסט גאָר אויבען אַליין געזעסען...

ר ח י ל

נו, איך זאָג אייך צו, פּאַפּאַ, זיך אויפצופיהרען ווי אמבעסטען. איך וועל זיך בעמיהען גוט צו זיין.

ש א ו ל

אויב מען בעדארף זיך בעמיהען, טויג נישט. איך בין א פראסטער מענש און דערצו נאך מיט א גראהען קאפ, וועסט דאך אויף מיר קיין פעריבעל נישט האבען, ווען איך זאג דאס, וואס איך טראכט...

ל ע א נ י ד

מיר דוכט, פאפא, אז דו ביסט שוין צו ליעבענסווירדיג.

ש א ו ל

ס'איז זעהר מעגליך; דאן וועל איך רחיל'ן בעטען, זי זאל מיר ענט־שולדיגען.

פ א א ו ל א

עס שאדט נים, עס שאדט ניט...

א י ד ע

גיט רחיל'ן פלוצלונג א קלינגענדיגען קוש. דאס רופט ארויס א גרויס געלעכטער ביי אלעמען. פערשעמט.

וואס לאכט איהר פון מיר?

ש א ו ל

שטיפערקע דו...

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן און ג א ל א קומען אריין. בעגריסען זיך, שטעלען זיך פאר פאר די הויז־לייט.

ל ע א נ י ד

וואו זענט איהר פערפאלען געווארען? איך האב אויף אייך גע־ווארט א לאנגע צייט ביים ברעג.

א י ד ע

מיר האבען זיך געשיפט.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

ביז פריילין גאלא האט זיך צונעקליבען, איז שוין געווארען שפעט. מיר האבען געזעהן, ווי איהר זענט פון ברעג אבגעשוואומען.

ג א ל א

איך האב קיין חשק געהאט צום ברעג געהן.

לעווענשטיין

קומט דער אָווענד, ציהט אהין וואו ס'איז ליכטיג. פאר די דריי וואכען, וואס איך וואוין דאָ, זענען געווען גאָר קאַלטע אָווענדען און ס'האָט זיך שטארק געבענקט ערגעץ אין אַ וואַרימע שטוב אַריין.

פּאַאולא

שוין באַלד דריי וואָכען, אַז איהר וואוינט דאָ?

לעווענשטיין

פריילײן גאַלא וואוינט דאָ שוין מעהר ווי אַ מאָנאַט.

פּאַאולא

איז אייך ניט געווען קאַלט צום שלאָפען?

גאלא

אַ־אַ, ווי נאָך קאַלט! כ'בין איין נאכט אומגעגאנגען אַן אַנגעטאָנע־נע. כ'האָב אַלטע צייטונגען געברענט און זיך געוואַרימט. כאַ־כאַ־כאַ.... כ'האָב דאָס שאַכטעל פון מיין הוט אויך פערברענט.

לעאָניד

און איהר האָט זיך גוט אין סאַזשע איינגעשמירט?...

גאלא

אַ שאַד, וואָס כ'האָב דאַן קיין ביכער ניט געהאַט, כ'וואָלט זיי ביז איינעם פערברענט. צו רחיל'ן. און איהר זענט שוין דאָ לאַנג?

רחיל

שוין באַלד אַ וואָך.

לעווענשטיין

געפעלט אייך דער ים?

גאלא

וועמען געפעלט ער דען ניט?

לעווענשטיין

פאַרהאַנען געוויסע מענשען, וואָס מערקען גאָר דעם ים ניט. פאַהרען אָהער אַרוים בלויז דערפאַר, ווייל אַנדערע טהוען עס אויך.

ג א ל א

דאָס איז ניט ריכטיג. איך ווייס, אז אויף מיר האָט דער ים... יאָ — דער ים! ...

ר ח י ל

איך האָב דעם ים קענען געלערנט פון דער מאַלעריי, און דער גע־מאָלטער ים האָט אויף מיר אַ גאַנץ אַנדערן איינדרוק געמאַכט.

ג א ל א

אויב איהר זענט דאָ בלויז איין וואָך, האָט איהר נאָך דעם ים ניט געזעהן שטורמענדיג.

ר ח י ל

אין גענענטייל, מיט זיין שווייגען האָט ער אויף מיר אַ גרויסען איינ־דרוק געמאַכט; איבערהויפּט מיט זיין פערשלאָסענקייט. מיר דוכט, אז ווען דער ים שווייגט, הייסט עס ניט, אז ער איז רוהיג — נאָר גלייך ווי ער וואָלט זיך פערשלאָסען אַליין אין זיך און מיט זיך. אויף אייך מאַכט ער דען ניט אזא איינדרוק?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

איהר האָט דעם ריכטיגען אויסדרוק פאַר'ן בילד געפונען.

ר ח י ל

ווען איך בין אַ מאַלערין, וואָלט איך פאַרגעשטעלט דעם ים אין זיינע שטילסטע און רוהיגסטע מאָמענטען און וואָלט אונטען אָנשרייבען: „דער פערבאָרגענער שטורם"

ל ע א נ י ד

דעם ים... איך אנערקען איהם נאָר, ווען ער איז ו ו י ל ד און ש ט ו ר מ ד י ג.

א י ד ע

איך וואָלט אויסגעמאָלען דעם ים, ווען ער איז שטיל, נאָר שטיל, מיט ראָזיגע וואָלקענדליך איבערגעדעקט, און כ'וואָלט אונטערגע־שריבען „דער ים שלאָפט". אַנ'אַלגעמיינער געלעכטער. וואָס לאַכט איהר פון מיר? מיר געפעלט עס זעהר.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

מיר געפעלט עס אויך. „דער ים שלאפט“ — א גלענצענדע אידעע.

ש א ו ל

האסט נאר קיין פאנטאזיע נישט, אידע.

ג א ל א

זי האט שוין איינמאל א פאנטאזיע.

ל ע א נ י ד

און איך וואלט אויסגעמאלען דעם ים אין א גרויסען שטורם און ביים ברעג וואלט איך אנידערגעזעצט אידען און אונטערן בילד וואלט איך אנגעשריבען „דער ים רוישט און אידע שלאפט“.

א י ד ע

דאס שלאפסט דו ווען דער ים רוישט, אבער ניט איך. ווען דער ים רוישט, ליעג איך אויפ'ן געלעגער מיט אפענע אויגען און הער זיך צו.

ש א ו ל

דאס איז מיר א גרויסער וואונדער.

ער געהט ארויס אויף דער טעראסע און פערטאכט די טיר הינטער זיך.

ג א ל א

דער ברודער טרייבט נאר שפאס.

א י ד ע

ער לאכט שטענדיג פון מיר, גלייך ווי ער וואלט געווען קליגער פון מיר, געהט צו רחיל'ן אבי איהר לאכט ניט פון מיר... אט וועל איך אייך באלד דערשטיקען; איהר וועט זיך לאזען?

ג א ל א

דער הערר אשכנזי איז אוועק פאנטאזירען.

ל ע א נ י ד

לאכט ניט פון מיין פאפא. ער ליעבט די נאטור ווי מיר יונגע. איהר וועט נאך זעהן שפעטער א ביסעל — וועט ער אונז וועקען צום זונענאויפגאנג.

ג א ל א

ווירקליך ?

ר ח י ל

איך האָב עס שוין געמערקט.

פּ אַ א ו ל א

געהט ארויס צו שאול'ן אויף דער טעראסע און פערמאכט די טיר הינטער זיך.

שטיל א ווײַלע.

ג א ל א

די אַלטע זענען אוועק פּאַציזירען, און מיר יונגע האָבען זיך אויס־געזעצט ארום הייסען טיי.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

איהר זענט דאָך אַ קינד פון היינטיגען דור.

ג א ל א

וואָס מיינט איהר מיט דעם צו זאָגען ?

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

איך מיין צו זאָגען, אז מענשען רייסען זיך און ווייסען אַליין ניט וואוהין — אָדער צום ברייטען, ברויזענדען ים אָדער גאָר צו א הייי־סען סאַמאָוואר...

ג א ל א

אויב איהר מיינט עס מיך צו בעלײדיגען, קען איך אייך זאָגען, אז איהר ווייסט גאַנץ גוט, ווען עס ציהט אין א ווארימער שטוב אריין.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

איך קען נאָך אייך אזוי ווענינ; מיר איז איבערהויפּט שווער וועגען אייך וועלכע ס'איז מיינונג צו זאָגען.

ר ח י ל

איך גלויב, אז לעווענשטיין האָט אייך ניט געמיינט דערמיט צו בע־לײדיגען.

גאלא

אַ, אויב לעווענשטיין זאָגט, אז ער קען מיך נישט, וועל איך איהם גלויבען; אבער איך איהם — קען זעהר גוט.

לעווענשטיין

איך מיין, אז אונזער העפליכער שמועס איז דא פאר קיינעם ניט אינטערעסאנט.

גאלא

איך מיין, אז ס׳איז אינטערעסאנט, קיין נארישקייטען רעדט איהר דאָך ניט. אלענפאלס ווילט איהר דאָך קיין נארישקייטען ניט זאָגען.. און דאָך וועל איך מיר נאָך א גלאָז טיי נעהמען.

גיסט זיך אָן טיי. ס׳הערשט אן אונאנגענעהמע שטילקייט.

אידע

צו לעווענשטיינען.

איהר זענט א פּאָעט?

עס רופט אַרויס אַן אַלגעמיינעם געלעכטער. אידע פערשעמט זיך און לויפט אַוועק צוטומעלט אויפ׳ן אויבערשטיבעל.

רחיל

וואוהין אנטלויפסטו?

געהט נאָך אידע׳ן אויפ׳ן אויבערשטיבעל.

גאלא

א פייערדיג מיידעל!

לעווענשטיין

ווי פאלט איהר עס גאָר איין צו פרעגען?

גאלא

ווייל איהר האָט איין אויסזעהן פון א פּאָעט.

לעווענשטיין

און דאס געפעלט אייך ניט.

גאלא

איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט מיין מיינונג. איהר, לעאניד, האָט שוין גראָדע נישט קיין אויסזעהן פון א פּאָעט.

ל ע א נ י ד

איהר האָט ניט געטראָפען.

ג א ל א

אָבער דאָס קען ניט געמאָלט זײן.

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

פאַרװאָס קען עס ניט געמאָלט זײן?

ג א ל א

װײל אין אײך איז אַזױ פיעל לעבען פאַרהאַנען, װײל... פערשעמט זיך, װאַרפט אַן אונצופרידענעם בליק צו לעװענשטײנען. אַך, ניט דאָס האָב איך געװאָלט זאָגען... כ'מײן, אַז דאָס איז ניט ריכטיג.

ל ע אָ נ י ד

אױב ס'איז אײך אַזױ װיכטיג צו װיסען, װעל איך אײך אױסזאָגען.

ג א ל א

איך מײן, אַז איהר שרײבט ניט... זאָגט מיר אױס...

זי בעגעגענט זיך װידער מיט לעװענשטײנס אונצופרידענעם בליק.

ל ע אָ נ י ד

נו, געװיס שרײב איך.

ג א ל א

דאָס איז ניט אמת, דאָס איז ניט אמת... און דעם יִם האָט איהר ליעב?

ל ע אָ נ י ד

װאָס הײסט אױף אײער שפּראַך „ליעב האָבען?"

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

אױף זײער שפּראַך... ס'הײסט ליעב האָבען אַזאַ זאַך װאָס מען זאָל עס קענען שמירען אױף ברױט און עסען.

ג א ל א

הערר לעװענשטײן, איהר ערלױבט זיך צו פיעל.

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

ביטע אום ענטשולדיגונג.

ג א ל א

ס'איז מיר אייער ענטשולדיגונג ניט וויכטיג. כ'פערלאנג ניט, — איהר זאָלט מיין מיינונג ערקלערען — מיר איז עס ניט אנגענעהם.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

כ'האָב מיך איבערצייגט, אז אום צו זאָגען אַזוינס, וואָס זאָל אייך זיין אנגענעהם, איז זעהר שווער.

ג א ל א

אז איהר וועט ניט רעדען קיין נאַרישקייטען, וועל איך זיין צופריע־דען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

נאַרישקייטען... פי־פי, זאָגט לעאָניד, האָב איך דען א פערברעכען בעגאַנגען, ווען כ'האָב געזאָגט, אז אַ גרויסער טייל מענשען האָבען ליעב דאָס קאָנקרעטע — אָדער בעסער געזאָגט: דאָס וואָס מען קען אויף ברויט שמירען, אָדער אין קעשענע אריינלעגען?

ג א ל א

יאָ, איהר זענט גערעכט. איהר זענט פון די מענשען, וואָס בלייבען שטענדיג גערעכט.

ל ע אָ נ י ד

איך מיין, אז אין דעם מאָמענט, וואָס אַ מענש רעדט אין דער הויך וועגען זיין ליעבע האָט ער אין יענעם מאָמענט אויפגעהערט צו ליע־בען. ווערטער, ווען אפילו שעהנע ווערטער, זענען נאָך ניט קיין אויסדרוק פאר עכטע ליעבענסגעפיהלען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

אויסגעצייכענט! פאר דעם האָב איך אייך ליעב. גיט מיר אייער האַנט.

ג א ל א

אָפענהערציג.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

געוויס אָפענהערציג. מיר, מענער, זענען שטענדיג אָפענהערציג. אך, ווי גוט, אז מען קען אמאָל אָפענהערציג זיין! א גוטע נאכט, לעאָ־

ניך. איהר װעט דאָך שױן מסתמא, אבפיהרען דאָס פרײלײן א הײם, יאָ, פרײלײן גאַלאָ?

געהט שנעל ארױס. און אונאַנגענעהמע שטילקײט.

גאַלאַ

װי אונטאַקטיש! שטימונגס־מענשען.. אָ, װי איך האָס זײ צײטענ־װײז פון מײן טיעפסטען הארצען!

לעאָניד

דאַכט זיך, מיר האָבען איהם מיט קײן זאַך ניט בעלײדיגט.

גאַלאַ

װי אונטאַקטיש!... איהר קענט מײנען, אז איך האָב דאָ װעלכע ס'איז שולד... יאָ, איך זעה, אז אײך פערדריסט עס.

לעאָניד

א גאַנץ אונערװאַרטעטער סיורפריז. איך װעל איהם געהן צוריקרופען.

גאַלאַ

געהט ניט, געהט ניט.

לעאָניד

אױף מיר האָט ער א גאַנץ גוטען אײנדרוק געמאַכט.

גאַלאַ

און מיר פערדריסט מײן גאַנצע בעקאַנטשאַפט מיט איהם. שױן דאָס צװײטע מאָל, אז ער ערלױבט זיך אזױ אין מײן געגענװאַרט. איך האָב זעהר װעניג געדולד אױפצופאַסען יענעמס שטימונגען.

לעאָניד

אזױ עגאָאיסטיש זענט איהר? ס'װילט זיך מיר ניט גלױבען.

גאַלאַ

אָ, איך בין גאָר א גרױסע עגאָאיסטין; איהר קענט מיך נאָך זעהר װעניג. שטימט איהר מיט אײער שטיף־שװעסטער?

לעאָניד

מיר זענען דאָך קײן קלײנע קינדער ניט.

ג א ל א

זי איז דאָך, אין גרונד, אייערע אַ ווילד־פרעמדע.

ל ע אָ נ י ד

איין אונערוואַרטעטע שוועסטער.

ג א ל א

יאָ, אַנ'אונערוואַרטעט שוועסטער. זענט איהר צופרידען מיט דעם ?

ל ע אָ נ י ד

אָ, דאָס איז מיר אַלץ איינס.

ג א ל א

זעהט אויס אַ בעהאַלטענער כאַראַקטער. אַ יאָהר צוואַנציג מוז זי אַלט זיין ? איך זעה, טראַכט איהר נאָך וועגען לעווענשטיינען. נאַ־רישקייטען, ער איז עס ניט ווערט... איהר זענט אַ זשענטעלמען ; עס שטעהט איך ניט אָן. איך פּאַסט גאַנץ נאַטירליכער צו זיין.

ל ע אָ נ י ד

דאָס הייסט פּרעכער, וואולגאַרער זיין ?

ג א ל א

איהר האָט מיר זעהר שלעכט פערשטאַנען. כ'מיין ווענינער צו זיין אויסגערעכענט. מעהר מיט'ן האַרץ לעבען... זאָגט, איהר שרייבט טאַקי ?

ל ע אָ נ י ד

לאַכט.

ג א ל א

איהר מעגט שרייבען אויך. צי דען מוזען אַלע דיכטער לאַנגוויילינ זיין ?

ל ע אָ נ י ד

וואָרום האָט איהר אַזוי ווענינ מיט רחיל'ן פערבראַכט ?

ג א ל א

עפּעס קומט ניט אויס צו רעדען מיט איהר. איהר ווערט מערקען, אַז זי ענטפערט בלויז אויף דעם, וואָס מען פרעגט ביי איהר, אָבער זי אַליין ווענדעט זיך גאַנץ זעלטען מיט וועלכער ס'איז פראַגע. וואָס,

ניט אזוי ? אָבער ליעדער שרייבט איהר ? איך וויל עס וויסען.

ל ע אָ נ י ד

ווילט איהר עס וויסען ?

ג א ל א

איך גערענק ניט, וואו כ'האָב עס געלעזען, ערגעץ אין א בוך, אז ליעדער הויבט מען אָן צו שרייבען, אָדער אוים ליעבע, אָדער אויס נויט. כ'מיין, אז איהר שרייבט דאָך ניט קיין ליעדער אוים נויט.

ל ע אָ נ י ד

איז געוויס אוים ליעבע ?...

ג א ל א

כ'מאַך מיך נאריש ווי א קליין קינד... אבער אייערע אויגען געפעלען מיר. ס'איז גאַנץ זעלטען צו טרעפען א שאטען זאָל האָבען העל־בלויע אויגען... אָבער עכט בלויע אויגען ! דאָס איז זאַגאר אָריגינעל.. רחיל מוז זיין אין איהר פאָטער געראטען, ווייל איהר מוטער איז א בלאָנדע פרוי... וואָס שמייכעלט איהר? וואָס כ'האָב זיך אזוי צו־פלאפּלט וועגען שעהנע אויגען ?

ל ע אָ נ י ד

איך שמייכעל, וואָס ליעדער שרייבט מען אוים ליעבע — ס'הייסט, ווען מען איז פערליעבט.

ג א ל א

נו, געוויס שרייבט מען דאן ליעדער... אבער זאָגט וואָס איז שעהנער פאר שעהנע אויגען ? איהר ווילט מיר ניט ענטפערן, וועל איך מיר גאַר צוקריגען מיט אייך.

ל ע אָ נ י ד

און אז איהר וועט זיך שוין מיט מיר צוקריגען ?

ג א ל א

וואָס וועט זיין, אז איך וועל זיך מיט אייך צוקריגען ?... זאָגט, האָט איהר חשק נאָך היינט ארויסצופאָהרען א ביסעל, אין א שיפעל, אין ים ארוים ?

ל ע אַ נ י ד

ס'איז שוין צו שפּעט.

ג אַ ל אַ

ביי איך צו שפּעט?

ל ע אַ נ י ד

איהר קענט מיך שוין אַזוי גוט?

ג אַ ל אַ

כ'מיין, אַז כ'קען איך זעהר גוט. מיר דוכט, אַז כ'קען אייך זעהר גוט. מענשען מיט בלויע אויגען איז זעהר לייכט צו דערקענען.

ל ע אַ נ י ד

און מיט שווארצע אויגען?

ג אַ ל אַ

מיט שווארצע אויגען איז שוין עפּעס אנדערש. ס'דאכט זיך, אַז אין דער שווארצקייט איז עפּעס פערבארגען, — וואָס ניט? דער גרעס־טער טייל מערדער מוזען זיין מיט שווארצע אויגען.

ל ע אַ נ י ד

קענט איהר מיך שוין גוט?

ג אַ ל אַ

געוויס, אַז פרויענצימער ווילען — דערקענען זיי אַ מענשען. איך געפין, אַז מענער פערטרויען פיעל מעהר דער פרויענצימער איידער די פרויענצימער די מענער. פרויען טאָרען ניט זיין אָפענהערציג. דאָס איז זייער גאַנצע קראַפט, מיט וועלכער די נאַטור האָט זיי בע־שענקט. נו, זאָגט, איז דען ניט אַ פרוי קיין סוד פאר אייך, מענער? נו, געוויס אזוי! איך לייקען ניט אָב, אַז די פרויען זענען מעהרסטענטייל פיעל שוואכער פון די מענער און דאָך ווערען די מענער בעזיעגט. דאָס איז בלויז דערפאר, וואָס די פרויען זענען פאר די מענער אַ געהיימניס... ניט פאלש, נאָר געהיימניספאָל. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד. ווי געפעלט אייך מיין פילאָזאָפיע? ריין ווייבערשע פילאָזאָפיע... אבער דאָך אמת.. קאָקעטיש. און איך

קען אייך זעהר גוט. איך ווייס זאגאר, ווענגען וואס איהר טראכט איצט.

לעאניד

ווענגען וואס?

גאלא

ניט ווענגען וואס, נאר ווענגען וועמען — און זאגען וועל איך אייך ניט.

לעאניד

ניט ווענגען **וואס**, נאר ווענגען **וועמען**... דאס איז שוין איין אויפגאבע.

גאלא

אז איהר וועט זיך אזוי האלטען, וועל איך אייך פיינט קריגען.

לעאניד

איך פערשטעה ניט.

גאלא

איהר רעדט אזוי גרויסשטעדטיש, אנגעצויגען — אייך פאסט עס ניט. ביים ים טאר מען מאנירליך ניט זיין... איהר האט זיך בעליידיגט? שוין דעם צווייטען מאל, אז איהר פערשטעהט מיך היינט זעהר שלעכט...

רחיל

קומט אראב.

זי שעמט זיך פאר אייך. הערר לעווענשטיין. איהר מוזט זי אליין געהן איבערבעטען.. אך, ער איז גאר ניטא? ער איז אויף דער טעראסע?

לעאניד

ער איז אוועקגעגאנגען.

רחיל

אוועקגעגאנגען? מען האט איהם גערופען? בעמערקט די אנגעצויגענע שטימונג. פלוצלונג צו גאלא'ן. נו, ווי פיהלט איהר זיך דא ביים ים?

ג א ל א

זעהר גוט. איך וואוין שוין דעם דריטען זומער אויף דעם ברעג.

ר ח י ל

וואס פאר א וואונדערליכעס קינד די אידע איז...

ג א ל א

איך וועל איהר געהן זאגען, אז ער איז שוין אוועקגעגאנגען.

ל ע א נ י ד

זי קען נאך אנהויבען וויינען. איהר קענט זי ניט.

ג א ל א

און איהר, לעאניד, קענט אויך אנהויבען וויינען אין מיטען דערי־נען? איהר זענט דאך איהרער א ברודער? איהר קענט אמאל ווייי־נען? עך, כ'מאך מיך גאר נאריש. מיר זענען דאך שוין דערוואקסענע מענשען. וואס זאגט איהר, רחיל?.. א, רחיל. ווי איך זעה, האט איהר ליעב צו שווייגען.

ר ח י ל

דא רעדט מען גאנץ אנדערש. כ'האב נאך די היגע שפראך ניט אויס־געלערנט. דא האבען זיך אנדערע געפיהלען אנגעהויבען צו וועקען, פאר וועלכע כ'האב נאך קיין ווערטער ניט. ס'איז ניט גוט, ווען מען רופט אן געפיהלען ניט ביי זייער נאמען.

ג א ל א

לעאניד, פיהרט מיך אב א היים. אדער לאמיר געהן שפאצירען — איהר וועט געהן, רחיל?

ר ח י ל

שטערט אייך ניט, שטערט אייך ניט. איך וועל בלייבען אין דער היים.

ג א ל א

קומט, לעאניד... מען קען מיינען, אז כ'האב מורא דא אליין ביי־נאכט אומצוגעהן אויפ'ן ברעג. אויב איהר ווילט ניט, לעאניד, קענט איהר בלייבען אין שטוב.

לעאניד

דאס וועט איהר שוין ביי מיר ניט פועלן. ער נעהמט זי געארמט. נו, זייט מיין פריילייןǃ

נאלא

און איהר וועט זיין א קאוואליער, יא? נו, גוט. צום ווידערזעהן, רחיל. גוט?

ביידע אב.

רחיל

זי בלייבט א ווייל׳ע שטעהן ביים טיר. ס׳איז צו בעמערקען איהר לייכטע אונרוהיגקיים. געהט צום פיאנא, זעצט זיך און נעהמט אייניגע אקארדען.

שאול און פאאולא עפענען ד טיר פון דער טעראסע. בע־מערקען רחיל׳ען, ווילען זיי איהר ניט שטערען. זיי געהען אריין שטיל צו זיך אין צימער לינקס.

רחיל

רופט שטיל ניט אבווענדענדיג דעם קאפ.

מוטער?...

שפיעלט.

אידע

זי קומט אראב פון אויבען. בעמערקט רחיל׳ן, געהט זי צו איהר אויף די שפיצען פינגער, פער׳גנב׳עט זיך הינטעראום ווי א קאץ, נעהמט ארום רחיל׳ן צארט ארום האלז און קושט זי לאנג.

רחיל

נעהמט אראב פון איהר האלז אידעס הענד און קושט זיי.

אידע

שטיל.

זיי זענען שוין אויעקגעגאנגען?

רחיל

יא. זיי זענען שוין אוועקגעגאנגען.

א י ד ע

איך ליעב זיי ניט.

ר ח י ל

ווארום ?

א י ד ע

אזוי, זיי געפעלען מיר ניט.

ר ח י ל

און דיין ברודער האסטו ליעב ?

א י ד ע

איהם האב איך זעהר ליעב. און איהר האט איהם ליעב ?

ר ח י ל

וועמען ?

א י ד ע

מיין ברודער ליאליען ?

ר ח י ל

קושט אידען שטיל.

א י ד ע

איצטער איז ער דאך אייערער א ברודער, יא ?

ר ח י ל

יא, איצטער איז ער מיינער א ברודער.

א י ד ע

און מעהר קיין ברידער האט איהר דאך ניט ?

ר ח י ל

ניין.

א י ד ע

פערקלערט.

האבען מירביידע ניט מעהר ווי איין ברודער.

ר ח י ל

קום לאמיר געהן ביידע איהם אויפזוכען, ער איז איצטער צום ים געגאנגען.

א י ד ע

קומט לאמיר געהן.

ר ח י ל

ניין, היינט וועל איך שוין ניט געהן.

א י ד ע

קומט לאמיר איהם הינטעראָרום איבערשרעקען: מיר וועלען זיך שטיל פער׳גנב׳ענען.

ר ח י ל

ער איז ערגעץ ווייט אוועקגעגאַנגען און מיר וועלען איהם ניט קענען געפינען.

א י ד ע

איך ווייס אַלע זיינע ערטער.

ר ח י ל

איצטער ווייסטו ניט. איצטער איז ער אויף אַ גאַנץ אַנדערען אָרט געגאַנגען.

א י ד ע

פון וואַנען ווייסט איהר? מיר וועלען איהם געפינען.

ר ח י ל

ווייסט ניט, ווייסט ניט, וואוהין ער איז געגאַנגען. זי נעהמט אידען צו זיך אויפ׳ן האַנד. ניין, דו ווייסט ניט, וואוהין ער איז געגאַנגען.

א י ד ע

איהר וועט מיך נעהמען היינט צו זיך שלאָפען אויבען?

ר ח י ל

איך וועל דיך נעהמען.

א י ד ע

איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען ביינאַכט.

ר ח י ל

דערצעהלען?

א י ד ע

איך וועל אייך דערצעהלען, אַז קיינער זאָל ניט הערען.

רחיל

קיינער איז דאָך ניטאָ; דערצעהל מיר איצטער.

אידע

איצטער... איצטער... קוקט זיך ארום. איך האָב אייך אזוי ליעב, אזוי ליעב...

נעהמט זי פעסט ארום שטיל.

לעאניד

בעוויזט זיך אין טיר. בעמערקענדיג רחיל'ן און אידען, ציהט ער זיך אַ ביסעל צוריק און בלייבט שטעהן אין טיר.

אידע

פרעגט שטיל.

און מיין ברודער, ליאַליען, האָט איהר ליעב? יא?...

רחיל

נים ענטפערנדיג, ציהט זי אויס די הענד צום פּיאַנאָ און ווידער־האַלט די פריהעריגע אַקאָרדען...

צווייטער אקט

דאָס אייגענע צימער ווי אין דעם ערשטען אַקט.
בייטאָג.

א י ד ע

זי זיצט אויף דער ערד און ציהט אָן אויף א שנירעל מעערקעפליך.

פּ אַ א ו ל א

קומט ארויס פון איהר צימער; בעמערקט אידען.

האָסט דאָך געקענט זיצען אויף דער זאָפע; אויב די זאָפע איז פאר דיר קליין, האָסטו דאָך געקענט עפּעס פערשפּרייטען אויף דער ערד.

א י ד ע

א דאנה מיר א גרויסע. נאָר דערפאר וואָס איהר זענט געדעכט, וועל איך אייך געבען א קוש. וויל זיך שטעלען, נאָר די מעערקעפליך שיטען זיך איהר אויס פון שירץ. בויגט זיך איין, מאמא, צו מיר, וועל איך . . .

פּ אַ א ו ל א

צופריעדען קושט אידען.

ביסט מיר אזוי ליעב, גלייך ווי איך וואָלט דיך געבוירען, מיין קינד. יאָ, יאָ . . .

עס דריקען איהר די טרעהרען. זי געהט ארויס אויף דער טעראסע.

א י ד ע

מוטער ! . . .

פּ אַ א ו ל א

האָסט מיך גערופען ?

א י ד ע

דאָס האָב איך געוואָלט אזוי זיך א געשריי טהאָן.

אין א ווײלע ארום.

מוטער !

פערדעקט דאָס געזיכט פאר חרפה.

פ א א ו ל א

אזוי, שפיעלסט זיך מיט מיר ?

א י ד ע

קוקט ניט, קוקט ניט, כ'האב זיך פערשעמט פאר אייך ! קוקט ניט אויף מיר.

פ א א ו ל א

הער, מיין קינד, כ'וויל דיר עפעס פרעגען . . .

א י ד ע

טאקי, כ'האב מיר פערשעמט פאר אייך, דאס האט זיך אליין ביי מיר פון מויל ארויסגעשריען. כ'וויל אייך עפעס זאגען, נאר כ'האב מורא, איהר וועט לאכען פון מיר.

פ א א ו ל א

איך לאך ניט פון דיר. אדרבה, דו געפעלסט מיר זעהר. איך האב צו דיר גארניט. ביסט דאך שוין ניט קיין קליין קינד. זעהסט דען ניט, אז איך בין צו דיר ווי א מאמע ?

א י ד ע

איך רעד נאך גאר ווי א קליין קינד. מיר ווילט זיך שוין זיין א גרויסע נאר עס קומט ביי מיר ניט ארויס. אמת איך בין דאך שוין דריי־צעהן יאהר אלט און כ'זיץ נאך אלץ אויף דער ערד, און כ'וויים, אז ס'איז אפשר ניט שעהן אין מיינע יאהרען צו זיצען אויף דער ערד.

פ א א ו ל א

דאס מאכט גראדע ניט אויס . . . האסט דאך געוואלט מיר עפעס דערצעהלען.

א י ד ע

כ'האב מורא, אז ווען איך וועל אייך דערצעהלען, וועט איהר מיך שוין ניט ליעב האבען אזוי שטארק.

פ א א ו ל א

רעד ניט קיין נארישקייטען.

א י ד ע

איהר ווייסט, אז מיין מאמע קומט צו מיר אלע נאכט אין חלום?

פ אַ א ו ל א

אלע נאכט . . .

א י ד ע

ניט אלע נאכט, נאָר אלע בעגינען. זי קומט אלע טאָג אין דערפריה און וועקט מיך, איך זאָל שוין אויפשטעהן. אויב ניט — וואָלט איך שפּעט געשלאָפען. ווען זי האָט געלעבט, פלעגט זי אזוי טהאָן אלע אין דערפריה: שטיל איז זי צו מיר אין צימער אריינגעקומען, שטיל מיר א קוש געגעבען און אויפגעוועקט . . .

פ אַ א ו ל א

פארוואָס האָסטו מורא געהאט מיר צו דערצעהלען?

א י ד ע

ווען איך שלאָף נאָך, קומט זי אזוי שטיל און אזוי שטיל זאָגט זי מיר אין אויער א סוד, איך זאָל שוין אויפשטעהן און זי קושט נאָר אויפ'ן שטערן, כאַפּ איך זיך אויף. און אז איך עפען אויף די אויגען, איז זי שוין ניטאָ.

פ אַ א ו ל א

וואָס זאָגט זי דיר?

א י ד ע

שפּרינגט אויף און פאלט דער אלטער אויפ'ן האלז.

זי האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל אייך ליעב האָבען. אז איך זאָל אייך רופען מוטער . . . ווייסט איהר שוין, פארוואָס כ'האָב פריהער געשריען.

פ אַ א ו ל א

קושט זי היים.

איך בין דיין מוטער . . . איך בין דיין מוטער אין א ווילע ארום. זאָג מיר מיין קינד, וואוהין איז געגאנגען רחיל?

א י ד ע

זי איז געגאנגען שפּאצירען.

פ ַא א ו ל א

אליין?

א י ד ע

אפשר אליין; כ׳ווייס ניט אזוי גוט.

פ ַא א ו ל א

זָאג מיר, מיין קינד, איך וויל . . .

א י ד ע

בעמערקט איהר אונרוהיגקייט.

כ׳ווייס ניט מיט וועמען זי איז געגאנגען.

פ ַא א ו ל א

דו זעהסט זי אמָאל וויינענדיג?

א י ד ע

איינמָאל האט זי געוויינט, ווען איך בין געשלָאפען מיט איהר אויבען.

פ ַא א ו ל א

האט זי געוויינט?

א י ד ע

איז זי געזעסען נעבען פענסטער און האט געוויינט. איך האב איהר ניט געוואָלט פרעגען, פארוואָס זי וויינט; אפשר האט זי עס געבענקט אהיים. איך וואָלט אפשר אויך געוויינט, ווען איך פָאהר אוועק פון דער היים אין א גאנץ פרעמדער שטאָדט.

פ ַא א ו ל א

וואָס רעדט זי מיט דיר?

א י ד ע

זי מיט מיר? גאָרניט. מיר רעדען, אבער פון גאָרניט. פון וואָס קען זי רעדען מיט מיר?

פ ַא א ו ל א

מיט טרעהרען.

זאָל שוין זיין אזוי... געוויס איז עס מיר שוין בעשערט.

א י ד ע

אין פערלעגענהייט.

זי רעדט מיט מיר אמאל, אז דא איז זעהר גוט; אז דער ים איז זעהר שעהן. זי געהט ביי נאכט אויך צום ים ארויס. ווען מען שלאפט, געהט זי צום ים ארויס.

פ א א ו ל א

פון וואנען ווייסטו עס?

א י ד ע

דעמאלט ביינאכט, ווען זי האט געוויינט, איז זי שפעטער צום ים ארויסגעגאנגען.

פ א א ו ל א

צו זיך אין צימער געהענדיג.

מסתמא האב איך אזוי פערדיענט . . . מסתמא בין איך אזוי ווערט . . .

א י ד ע

מעסט צום האלז דעם שנור מעערקעפליך.

אך, ווי לאנג! איך וועל נאך אנציהען, אז מען זאל איהם קענען אין צווייען איבערוווארפען אויפ'ן האלז.

פ א א ו ל א

געהט ארויס פון צימער.

דו וועסט דאך, אידע, זיין אין שטוב: איך וועל זיך אביסעל דורכגעהן, און טאמער קומט רחיל . . .

א י ד ע

איך וועל איהר ניט דערצעהלען פון דעם, וואס מיר האבען גערעדט.

פ א א ו ל א

ניט דאס האב איך געמיינט. טאמער קומט רחיל, זאלסטו איהר זאגען, אז איך בין אביסעל צום ברעג געגאנגען.

געהט ארויס.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

קומט אריין, טראגט א שטרויס בלומען.

אידע

זי בעמערקט לעווענשטיינען. הויבט זיך פּלוצלונג אויף און לויפט ארויס פון צימער.

לעווענשטיין

אידע, וואוהין לויפט איהר?

ער בעקומט ניט קיין ענטפער. שטעהט אַ ווייל פערוואונדערט; וויל אַוועקגעהן און בלייבט דאָך. ער געפינט אַ בלומען־וואזע, גיסט אָן מיט וואסער, שטעלט אין איהר אריין די בלומען און טראָגט זיי ארויף אויבען. אראָבגעהענדיג צוריק בעגעגענט ער זיך מיט רחיל'ן וואס קומט אָן פון גאס־טיר.

רחיל

איהר זענט גאר אליין? וואו איז אידע?

לעווענשטיין

אידע איז ארויסגעלאָפען גלייך ווי איך בין אריינגעקומען, און מיך דאַ אליין געלאָזען.

רחיל

ארויסגעלאָפען?

לעווענשטיין

יא, ארויסגעלאָפען און מיר גאָרניט געזאָגט.

רחיל

איז אַ קינד וואָס לעבט מיט איהר אייגענעם שכל: מסתמא איז עס איהר אזוי געפעלען געווען.

לעווענשטיין

וואָס מיינט איהר מיט דעם?

רחיל

איך מיין גאָרניט.

לעווענשטיין

איך פערשטעה ניט . . . איהר זענט ביים טיר געבליבען, פונקט ווי איהר וואָלט מורא האָבען אריינצוגעהן. אָט, וועל איך ארויס־געהן, וועט איהר קענען אריינגעהן.

ר ה י ל

געהט האסטיג אריין און זעצט זיך ביים פיאנא, צושטריים.

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

איך שטער אייך ?

ר ח י ל

שװייגט.

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

איך שטער אייך, רחיל ?

ר ח י ל

איהר... צו בעדארף מען דוקא אויף דעם ענטפערן ?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

יא, איהר זענט גערעכט ; נאך וואס פרעג איך דען ?

וויל אוועקגעהן.

ר ח י ל

בלייבט דא, יעקב, איהר שטערט מיר ניט.

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

מיר דאכט, אז איך בעמיה מיך שוין צו פיעל אייך ניט צו מאכען ענג.

ר ח י ל

איהר בעמיהט זיך ? ס'איז גאנץ איבריג.

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

איהר ערלויבט מיר דא צו בלייבען א ווײלע ?

ר ח י ל

אך, וואס פאר א דומהייטען איהר רעדט. ס'איז דען מיין שטוב ?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

איז בלויז צוליעב דעם ערלויבט איהר מיר דא צו בלייבען ?

ר ח י ל

איהר האט היינט געשפאצירט ביים ברעג ?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

שװייגט.

ר ח י ל

ווילט איהר מיר גאר ניט ענטפערן ? . . . נעהמט אקארדען ביים פיאנא זיצענדיג. ווילט איהר מיר גאר ניט ענטפערן.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

ווען די זון איז אויפגעגאנגען, זענט איהר שוין ביים ברעג געווען ?

ר ח י ל

שווייגט.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

איהר ווילט מיר אויך ניט ענטפערן ?

ר ח י ל

ווידערהאלט די אקארדען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

דאס איז אייער ענטפער ?

ר ח י ל

ענטפערט ניט. שפּיעלט.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

ער פעראינטערעסירט זיך מיט'ן שפּיעלען, הערט זיך צו שטיל.

ר ח י ל

רייסט פלוצלונג איבער דאס שפּיעלען.

ווארום שווייגט איהר, הערר לעווענשטיין ? אך, וואס פאר א מענש איהר זענט. . . ווען איהר שווייגט, ווילט זיך, איהר זאלט רעדען, און ווען איהר רעדט, ווילט זיך, איהר זאלט שווייגען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

מיר דאכט, אז כ'האב אזא קאמפּלימענט פון אייך ניט פערדיענט.

ר ח י ל

און איהר בעמיהט זיך צו פערדיענען עטוואס בעסערס ?

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

שפּיעלט בעסער.

ר ח י ל

און איהר וועט הערען?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

אייער שפּיעלען איז מיר פיעל נעהנטער און פערשטענדליכער איי־
דער אייערע װערטער. אייער שפּראַך איז פאַר מיר פרעמד.

ר ח י ל

װייל מיין אַקצענט איז אַ פּױלישער. אַזױ רעדט מען ביי אונז;
אַלע רעדען אַזױ ביי אונז...

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

אַ, ניט אַלע רעדען אַזױ.

ר ח י ל

געװיס, אַלע איינגעבוירענע אין פּױלען האָבען אַזאַ אויסשפּראַך.

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

לאַכט

ר ח י ל

פאַרװאָס לאַכט איהר?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

אַ, איך לאַך גאָר ניט. אויב ביי אייך װאָלטען אַלע רעדען אויף
אַזאַ אַרט און אויב ביי אייך זענען אַלע װי איהר — כ'שטעל
מיר פאָר — װאָס פאַר שטילקייט עס װאָלט געהערשט אין אייער
פּױלישער געגענד; און איך װייס פּונקט פערקעהרט, אַז אין קיין
שום געגענד רעדען ניט די אידען אַזױ הויך און שרייענד װי אין
פּױלען... שפּיעלט בעסער. אייערע שטענדיגע אומעטיגע אַקאָרדען
זענען מיר פיעל פערשטענדליכער װי אייערע װערטער. געהט צו
איהר. שפּיעלט בעסער.

ר ח י ל

מיין שפּיעלען פערשטעהט איהר בעסער?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

מיר דוכט, אַז איהר און אייערע אַקאָרדען װאָס איהר שפּיעלט
איז איינס און דאָס זעלביגע.

ר ח י ל

און איהר פערשטעהט זיי זעהר גוט?

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

מיר דאכט, אז יאָ.

ר ח י ל

לענט זיי מיר איבער אויף ווערטער. נו, לעגט די אקאָרדען איבער אויף ווערטער. איך בעדאַרף זעהר נויטיג פון זיי די ווערטער האָבען; די נשמה זייערע זאָל זיך אין די ווערטער אויסדריקען. נו, שנעלער מאכט עם מיר...

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

א שווערע אויפגאבע.

ר ח י ל

קענט איהר ניט? זעהט איהר, אפילו אזא קליינינקייט קענט איהר ניט.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

איך וועל באלד פרובען איבערשפּיעלען. שפּיעלט, אָבער פאלש.

ר ח י ל

זי לאָזט פאלען דעם צודעק פון די קלאַווישען איהם אויף די פינגער.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

אוי! כ'האָב מיך ווירקליך דערשראָקען: וואָס האָט איהר געטהאָן?

ר ח י ל

איך האָב געוואָלט א נאַטירליכען אויסגעשריי הערען.

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

וואָס ווייטער ווערט אַלץ מעהר אייער נשמה פון מיר אָבגעקעהרט. רחיל, זאָגט, צו וואָס טהוט איהר עס? נו, זאָגט... כ'האָב זיך פריהער אויסגעדריקט, אז כ'בעמיה מיך אייך ניט צו שטערען; ווירקליך איך בעמיה מיך...

ר ח י ל

נעהמט איין אַקאָרד.

לעווענשטיין

דאס איז אייער ענטפער? אויב דאס איז אייער ענטפער בין איך צופרידען.

רחיל

ס'איז ווייט קיין ענטפער ניט. דאס איז בלויז א פראגע, מיין פריינד.

לעווענשטיין

שפאצירט אום איבערן צימער. שטעלט זיך ביים טעראסע און קוקט צום ים.

רחיל

איהר האט א היים, הערר לעווענשטיין?

לעווענשטיין

רחיל?

רחיל

לאכט.

איהר פערשטעהט מיך נישט. אך, ווי שלעכט איהר האט מיך פער־שטאנען.

לעווענשטיין

וואס מיינט איהר דען?

רחיל

איינפאך, איך פרעג צי איהר האט א היים, עלטערן?

לעווענשטיין

איך? א היים?... ס'קלינגט מיר גאנץ אונהארמאניש.

רחיל

אונהארמאניש?

לעווענשטיין

רחיל, איך האב אייך בלומען געבראכט.

רחיל

איך האב לאנג געווארט, איהר זאלט מיר בלומען ברענגען.

לעווענשטיין

נאר פון מיר האט איהר עס ערוואַרטעט?

רחיל

נאר פון אייך. כ'האב פערשטאַנען, אז איהר קענט בלויז בלומען ברענגען. ס'האט מיך נאר געוואונדערט, פאַרוואָס אזוי לאַנג מיין מיינונג איז נאך ניט פערווירקליכט געוואָרען.

לעווענשטיין

אזוי פיעל קענט איהר מיך שוין?

רחיל

צי דען בעדאַרף מען פיעל קענען א מענשען, אום צו פערשטעהן, מיט וואָס ער קען דיר דיענען? אידע האט געזאגט, אז איהר זענט א דיכטער, און זי האט ניט אינגאנצען געטראָפען. אך, בלומען, בלו־מען... אזוינע מענשען ווי איהר ליעבען זעהר בלומען. יא, הערר לעווענשטיין? איהר האט דאך מיר ניט דערצעהלט, צי איהר האט א היים. —

לעווענשטיין

איך האב אייך בלומען געבראַכט און איהר ווילט זיי פון מיר ניט צונעהמען.

רחיל

פאַרוואָס זאָל איך זיי ניט ווערלען פון אייך צונעהמען? איננענער־טייל. ווער ס'זאָל ניט געבען קיין בלומען, איז שעהן. און בפרט נאך פון אייך.

לעווענשטיין

איהר מאכט שפּאַס.

רחיל

צי דען, אז מיר קענען זיךביידע ניט צוזאמענרעדען, הייסט עס, אז כ'מאך שפּאַס? אויב אזוי האב איך דאך רעכט צו דענקען, אז איהר מאכט שפּאַס פון מיר. זאגט, יעקב, צי דען איז ניט גלייכער, ווען צוויי מענשען שפּירען דייטליך, אז זיי רעדען ביידע ניט צו דער זאך, אז זיי קענען זיך ביידע גאר ניט צוזאמענרעדען? —

לעווענשטיין

איך מיין, אז כ'וואָלט גראָדע געהאַט די מעגליכקייט מיט אייך זיך צוזאַמענרעדן.

רחיל

אָ, ניין, ניין. איהר האָט אַ גרויסען טעות! איהר האָט מיר היינט אויף קיין זאַך נישט געענטפערט. נאָר בלויז, ווען כ'האָב דעם צודעק פון פּיאַנאָ אויף אייערע פינגער אַראָבגעלאָזען, האָט איהר צו דער זאַך געענטפערט.

לעווענשטיין

איהר זענט דאָך אויך אַזוי?

רחיל

איך בין אויך אַזוי. איהר בעמיהט זיך מיך צופרידען צו שטעלען. יאָ, איהר האָט עס אפשר בעמערקט...

לעווענשטיין

איהר האָט דאָך מיר געקענט זאָגען גלייך, אַז איהר ליידט מיך ניט און פערלאַנגט ניט, איך זאָל דאָ אין צימער בלייבען —

רחיל

פערקעהרט. איך האָב פיעל פערגניגען, ווען איהר קומט. זעהט איהר, אַז איך האָב אייך געפרעגט, צי איהר האָט אַ היים, האָט איהר ניט געענטפערט.

לעווענשטיין

איהר האָט עס געוואָלט ערנסט וויסען?

רחיל

ניין, איך האָב עס ניט געוואָלט וויסען. צו וואָס נוצט עס דען מיר? אַך, ווי גוט איהר זענט, הערר לעווענשטיין! איהר זענט אונבע־גרענצט גוט. קומט איך וועל אייך אויסלערנען די אַקאָרדען, וועלכע איהר האָט אַזוי ליעב... איהר ווילט ניט? זיי געפעלען דאָך אייך. איהר האָט דאָך פריהער אליין געוואָלט זיי אויסשפּיעלען.

לעווענשטיין

שווייגט.

רחיל

געהט פּלוצלונג אַרויף צו זיך אויבען, לאָזענדיג איהם אַליין.

לעווענשטיין

בלייבט זיצען אויף דער זאָפע, בעליידיגט און פערוואונדערט.

נאלא

קומט אַריין, בעמערקט לעווענשטיינען.

איהר זענט גאַר אַליין?

לעווענשטיין

יאַ. פאַסט אַליין.

נאלא

וואָס זעהט מען עס אייך ניט די לעצטע צייט? איהר זענט ברוגז אויף מיר... איהר האָט דאָך אַזוי פיעל גערעדט וועגען אייער שטאַרקען, אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער — צום סוף לאָזט זיך אויס.

לעווענשטיין

ס'איז דען אַנ'אונטערשייד?

נאלא

מיר איז קיין אונטערשייד ניט.

לעווענשטיין

און מיר איז דאָס אויך ניט קיין אונטערשייד.

נאלא

איז דאָך נעווים גוט. דאָס בעווייזט, אַז אַ מענש פערשטעהט צו שעצען בלויז זיין איינענע נאַז און ווייטער פון זיין נאַז בעמיהט ער זיך ניט צו זעהן.

לעווענשטיין

ווענינער פון אַלץ איז עס שייך צו מיר.

נאלא

מעהר פון אַלץ איז עס עהנליך אויף אייך.

לעווענשטיין

ווען איך וואָלט, ווירקליך, זיין אַזוי ווי איהר רעכענט אויס, וואָלט

איך איצטער מיט אייך קיין בעזונדערען שמועס ניט געמאכט.

גאלא

פארוואס?

לעווענשטיין

ווייל איהר זענט עס ווערט. איהר האט עס פערדיענט.

גאלא

לאכט.

איך האב פערדיענט... אבי מיין מוטער זאגט, אז כ'וועל אין לעבען קיינמאל ניט קענען פערדיענען.

לעווענשטיין

לאכען קענט איהר זעהר גוט.

גאלא

איז עס א חסרון?

לעווענשטיין

פערקעהרט, איך האלט עס פאר א גרויסע מעלה. אז מען קען שעהן לאכען, איז זעהר גוט. ערשטענס איז עס געזונד.

גאלא

זעהר געזונד, אמת?

לעווענשטיין

פון זיך האט איהר שוין געפרובט אמאל לאכען?

גאלא

א, זעהר פיעל. איצטער לאך איך אויך פון זיך אליין.

לאכט ווידער.

לעווענשטיין

אבער צופיעל איז אומגעזונד.

גאלא

צופיעל? איך פלעג קינדווייז, אין דער היים, אזוי פיעל לאכען, אז אלע אין שטוב האבען פערשטאפט די אויערן. מיין פאפא פלעגט זאגען, אז צוליעב מיין געלעכטער וועט ער נאך אמאל טויב ווערען. היינט קען איך שוין ניט אזוי קלינגענדיג לאכען.. איז גאר קיינער

אויסער אייך אין שטוב ניטא? עמיצער וועט אריינקומען און מיי־
נען, אז מיר האָבען זיך אין א פרעמדער שטוב א ראנדעוואו בע־
שטעלט.

לעווענשטיין

איהר זענט געקומען צו רחיל׳ן?

גאלא

איך? וואָס מאכט עס דען אייך אוים?

לעווענשטיין

כ׳מיין, אויב צו איהר, קען איך אייך זאָגען, וואו זי איז.

גאלא

לאַכט.

איך דאנק אייך זעהר... איך בין גאָר צו אייך געקומען. נו, זענט איהר
שוין צופריעדען? אך, לעווענשטיין, איהר זענט מיר עפעס געוואָ־
רען; אין גיכען וועט שוין אויף אייך אָנהויבען וואקסען גראָז.

לעווענשטיין

ניין, מיין פריינד, דאָ האָט איהר שוין ניט געטראָפען. קיין גראז
וועט שוין דוקא אויף מיר ניט אזוי גיך וואקסען.

גאלא

לאַכט.

ווייל, אז איהר וועט וועלען שטארבען, וועט איהר זיך אין ים אריינ־
ווארפען? אין ים זיינען אויך פארהאן גראָזען... אזוינע לאַנגע, נאסע
גראזען, וואָס פּלאָנטערן זיך געווים איין אין די האָהר... איהר האָט
געזעהן, ווי די פישער רייניגען די נעצען פון די ים־גראזען? הא,
איהר האָט געזעהן, לעווענשטיין?

לעווענשטיין

לאַכט איינגעהאַלטען.

גאלא

איך מיין, אז איהר וועט זיך שוין אין ים אריין דוקא נישט וואר־
פען. ניט אזעלכע מענשען ווי איהר ווארפען זיך אין ים אריין.
אזעלכע מענשען ווי איהר זיינען בעשאפען געוואָרען, אהן אויפהער

אומצוגעהן און אבקומען אויף דער וועלט. אליין ניט לעבען און ניט לאזען דעם צווייטען לעבען. נו, זאגט דעם אמת, איהר קענט ליידען, ווען איך לאך? איהר שווייגט?... געוויס פערטראגט איהר עס ניט. אָ, איהר וועט זיך שוין אין ים אריין ניט ווארפען.

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

איך האב גאר ניט געוואוסט, גאלא, אז איהר קענט אזוי שעהן רעדען.

ג א ל א

איהר האט געמיינט, אז כ'קען בלויז לאכען? און דאס איז אייך ניט געפעלען געווען, אמת? אט, וועל איך אייך באלד נאך עפעס זאגען. וועט איהר מיך אפשר אנהויבען ליעב צו קריגען.

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

צו ש ע צ ע ן, אבער ניט ל י ע ב צו קריגען.

ג א ל א

צ ו ש ע צ ע ן... און וויפיעל בעדארף איך האבען, אז איהר זאלט מיך שעצען? זאגט, וואס בעדארף איך טהאן, אז איהר זאלט מיך אנהויבען שעצען?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

זעהר פיעל.

ג א ל א

ס'איז א ליגען! אָ, זעהר ווענינ בעדארפט איהר האבען, אז איהר זאלט אונז קענען שעצען. זעהר ווענינ. זאגט, ווארום געפעלט אייך ניט, ווען איך לאך? ווייל אייך דאכט זיך אויס, אז כ'לאך פון אייך? יא. אבער ווען כ'זאל לאכען פון א צווייטען און צו אייך שמייכלען, זיס שמייכלען — וואלט איהר מיך שוין געשעצט — כ'מיין גע־ליעבט... ניין, כ'לאך ניט פון אייך, כ'האב פון אייך ניט געלאכט...

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

איהר געדענקט, פון אנהויב פריהלינג, דאן ביינאכט, ווען איהר האט אליין מורא געהאט א היים צו געהן...

ג א ל א

איך געדענק, אט, דאן ווען כ׳האב אייך געבעטען, איהר זאלט מיך בעגלייטען, יא, איך געדענק.

ל ע וו ע נ ש ט יי ן

פארוואס האט איהר דאן אזוי וועניג פילאזאפירט? ס׳איז אייך פינסטער געווען צו געהן, האט איהר געבעטען, איך זאל אייך נעה־מען געארעמט.

ג א ל א

איך געדענק, ווי דען? דאן האט איהר מיך געשעצט. זעהר גע־שעצט. איהר האט מיר דאן אייערע „יוגענדס־טרוימען“ פארגעלעזען: איהר האט מיר דאן נאך מעהר ווי געשעצט. די „יוגענדס־טרוימען“. זעהט איהר, איך געדענק זאגאר ווי זיי האבען זיך אנגעהויבען. נו, זאגט, איהר שעצט מיך אדער ניין? איהר שטערט זיך אדער איהר ווילט מיר נישט זאגען דעם אמת. און איך וועל אייך אפען דעם אמת זאגען: איך שעץ אייך זעהר און זעהר...

לאכט.

ל ע וו ע נ ש ט יי ן

דאס זאגט איהר א ליגען!

ג א ל א

לאכט.

איהר וואלט וועלען, ס׳זאל זיין אנ׳אמת?

ל ע וו ע נ ש ט יי ן

מיר איז אלץ איינס — מיין מיינונג וועגען אייך וועל איך ניט בייטען.

ג א ל א

קיינמאל ניט בייטען?

ל ע וו ע נ ש ט יי ן

מיין מיינונג וועגען אייך און וועגען נאך אזעלכע ווי איהר איז ביי מיר גאנץ קלאר.

ג אָ ל א

קען זיך ניט איינהאַלטען פון געלעכטער.

ענטשולדיגט מיר, לעוועשטיין, כ׳לאַך ניט פון אייך. ניין, ניט פון אייך. כ׳האָב מיך גראדע איצטער אַן עפּעס דערמאָנט. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען, איהר ווילט?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

ניט נויטיג. אייער געלעכטער אהן אַן ערקלערונג איז פיעל אינטערעסאַנטער.

ג אָ ל א

פיעל אינטערעסאַנטער, זאָגט איהר? און איך האָב עס גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט; קיינמאָל ניט געוואוסט.

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

איהר קאָקעטירט זעהר שעהן.

ג אָ ל א

דער קאָמפּלימענט געפעלט מיר זעהר. אַלע זאָגען, אַז איך קען ניט קאָקעטירען, און איך האָב שוין באַלד אָנגעהויבען צו גלויבען. ווען א פּרויענצימער קען ניט קאָקעטירען, איז זי גלייך צו א פויגעל מיט אונטערגעשוירענע פליגלען.

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

שעהן אָבגעשאַצט.

ג אָ ל א

געפעלט אייך ניט די פערגלייכונג? נו, איז זי געגליכען צו טולפּען, אַסטריען, גיאָרגיניען און חריזענטעמ׳ען — בלומען, וועלכע זענען אויסערליך שעהן, אָבער דופטען ניט. א בלום, וועלכע דופטעט ניט, פון ווייטען, איז ניט אָנציהענד. הערר לעוועשטיין, איהר ליעבט געאָרגינען?

ל ע װ ע נ ש ט י י ן

איך ליעב זיי זעהר. איך ליעב זיי דערפאַר, ווייל נאָך אין שפּעטען הערבסט בליהען זיי, ווען פון אַלע אייערע קאָקעטירענדע בלומען

איז שוין קיין זכר ניט געבליבען. בלומען, וואָס בליהען אין הערבסט — ווי קען מען זיי ניט ליעבען?...

ג א ל א

מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט.

און איהר ליעבט דעם הערבסט מסתמא אויך זעהר שטארק?

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

יאָ, איך ליעב דעם הערבסט אויך זעהר שטארק.

ג אַ ל אַ

און היינטיגען הערבסט וועט איהר נאָך דאָ פערבלייבען?

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

ענטפערט ניט.

ג א ל א

לעווענשטיין, איהר וועט עס גאָר צו מיר קיין שמייכעל ניט גע־בען? אין מיטען זומער און אָסיענדיג געשטימט. אין מיטען זומער און אָסיענדיג געשטימט...

ר ח י ל

קומט אַראָב. זי טראָגט דעם בלומענשטרויס, וואָס לעווענשטיין האָט ארויפגעטראָגען אויבען. בעמערקענדיג גאָלען ווערט זי מונטערער.

הא, גאלא, פארוואָס זעהט מען עס אייך ניט? כ'האָב פון ווייטען אייער געלעכטער דערקענט. דאָס האָט לעווענשטיין אייך אזוי לאַ־כענדיג געמאכט? איהר זעהט, גאלא, וואָס פאר א בלומען ס'האָבען געווארט אויף אייך?

זי גיט דעם בלומענשטרויס גאָלען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

שטעהט פון ווייטען ערשטוינט.

ר ח י ל

זיי געפעלען אייך, גאלא?

ג א ל א

ענטציקט.

די רויזען נאָר־וואָס פון צווייג געשניטען... וואָס פאר א שטארקען

ריח לעווקאי האט! אמת, דער ריח פון לעווקאי איז פיעל עהנליך צום ריח פון נ ע ל ק ע ן, נאָר פיעל שטארקער?... קושט רחיל'ן. אַט, דאָס האָט איהר פון מיר... לעוועגשטיין, אייך געפעלען די בלומען? חאָטש איהר האָט פריהער געזאָגט, אז איהר ליעבט ניט קיין קאַקטעטירענדע בלומען — זאָגט, די בלומען געפעלען אייך?

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

זיי געפעלען מיר זעהר.

ג אָ ל א

ווייל איהר האָט מיר דאָס מאָל דעם אמת געזאָגט, וועל איך... רחיל, איהר וועט מיר ערלויבען אוועקצושענקען אַט די רויטע רויז לעוועגשטיינען?

ר ח י ל

מיט'ן גרעסטען פערגניגען: זאָגאר צוויי קענט איהר שענקען.

ג אָ ל א

אַט די רויז וועל איך אייך שענקען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

ענטפערט ניט, געהט אַרוים אויף דער טעראסע.

ג אָ ל א

פארוואָס ווילט איהר פון מיר קיין רויז ניט נעהמען? לעוועגשטיין, איהר בעליידיגט מיך דערמיט.

ר ח י ל

שטעהט ביים פיאנאָ בלאַס.

ג אָ ל א

איהר ווילט ניט, רחיל, איך זאָל איהם פון די בלומען געבען?

ר ח י ל

מיט'ן גרעסטען פערגניגען: חאָטש צוויי קענט איהר איהם געבען.

ל ע וו ע נ ש ט י י ן

קעהרט זיך אום זעהר אויפגערעגט, שרייט אויס.

ס'איז נאַריש פון אייך, רחיל... איהר האָט ניט דאָס רעכט יענעמס געפיהלען צו טרעטען!...

ער נעהמט די רויז פון גאָלאַס האַנד, צורייסט זי מיט אַ נערוועזע שנעלקייט און שלײדערט זי צו רחילס פיס, געהט האַסטיג אַרויס פון צימער. אַ דריקענדע שטילקייט.

ג אַ ל אַ

וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פערוואונדערט, לאַכט זיך פלוצלונג פונאַנדער.

אַט דאָס הויבט מיר שוין אָן צו געפעלען! כ׳האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז לעווענשטיין איז פעהיג אויף אַזאַ זאַך. זי קלייבט צונויף די בלעטלעך פון דער צוריסענער רויז. אַט וואָס עס ווערט פון אייך, רויזען, ווען איהר פאַלט אריין צו אַ נאַר אין די הענד. שיט די בלעטלעך אויף רחילס קאָפּ, ענטציקט: ווי בלוט־פלעקען זעהען אויס די רויטע בלעטלעך צווישען אייערע שווארצע האָר!

ר ח י ל

שטעהט בלאַס, ענטפערט נים.

ג אַ ל אַ

איך האָב זיך זעהר ליעב צו רייצען מיט אַזעלכע לייט. בשעת זיי זענען אויפגערעגט, זענען זיי נאָך עהנליך צו אַ שטיקעל בעשעפעניש; נאָר אַז זיי ווערען סענטימענטאַל, איז חאָטש דינג פאַר זיי אַ מאַמע, זי זאָל זיך פּיעשטשען מיט זיי. איך האָב פיינט סענטימענטאַלע מענשען... איהר האָט זיך בעליידיגט פון זיינע ווערטער, רחיל?

ר ח י ל

ענטפערט נים, זי געהט אַרום אויף דער טעראַסע און קוקט אין דער ווייטקייט.

ג אַ ל אַ

בלייבט נאָך אַ ווײלע שטעהן אויף איהר אָרט, ציהט אין זיך טיעף דעם דופט פון די בלומען. רייסט אַ בלום פון שטרויס און שפּיליעט צו איהר בלוזע אויפ׳ן בוזעם. איך געה שוין אוועק, רחיל! מיין שטימונג הויבט מיר אָן קאַליע צו ווערען.

ל ע א נ י ד

קומט אריין, זומערדיג ווייס אָנגעטאָן.

ג א ל א

איהר האָט געטראָפען ווען צו קומען; כ'האָב שוין געוואָלט אוועק־געהן.

ל ע א נ י ד

רחיל איז עס דאָרט אויף דער טעראסע?

ג א ל א

יא. רחיל.

ל ע א נ י ד

אזוי פיעל בלומען ביי אייך.

ג א ל א

איך וועל שוין אוועקגעהן; מיר איז דא געוואָרען אומעטיג. קומט מיט מיר.

ל ע א נ י ד

איך וועל באלד געהן.

ג א ל א

דערלאנגט איהם די בלומען צום נאָז.

ווי די בלומען שמעקען! אמת? נו, וועט איהר געהן מיט מיר? קומט גאָר צו מיר אהיים. איהר וועט געהן? איהר זענט איצטער אזוי שעהן, ליאָליא, אין דעם אנצוג... אייך קליידט זעהר די ווייסע פאנאמע. קושט איהם. מיר ארט ניט, ווען רחיל וועט אפילו זעהן. אמת, רחיל?

ר ח י ל

ווענדט אום איהר בלאס געזיכט, קעהרט זיך באלד אָב צוריק.

ל ע א נ י ד

מיר וועלען היינט ביינאכט ארויספאָהרען אין ים אריין; כ'האָב שוין א שיפער בעשטעלט.

ג א ל א

ווער נאָך וועט פאָהרען?

ל ע א נ י ד

אויב איהר ווילט קען איך רחיל'ן פארלענגען.

ג א ל א

ניין, ניין, קיינעם ניט . . . נאר אויב איהר ווילט, קענט איהר זי מיטנעהמען. ווארט איך אויף אייך היינט אין אווענט. ביי זיך. איהר הערט ?

געהט ארויס.

ל ע א נ י ד

זעצט זיך ביים פיאנא און הויבט אן צו שפיעלען עפעס א מעלאדיע.

ר ח י ל

קומט אריין.

איהר זענט שוין לאנג געקומען, לעאניד ?

ל ע א נ י ד

וואס זענט איהר בלאס, רחיל ? בלאס און אויפגערעגט.

ר ח י ל

בלאס און אויפגערעגט ? ס'קען זיין.

שטיל א ווײלע.

ל ע א נ י ד

וואו איז די מאמע ? אידע ?

ר ח י ל

אוועקגעגאנגען.

ל ע א נ י ד

איהר ווילט שפיעלען ?

ר ח י ל

ניין, איך וויל ניט שפיעלען. איהר קענט זיצען אויף אייער פלאץ.

ל ע א נ י ד

שפיעלט וואס, רחיל, וועל איך הערען. איהר שפיעלט געוויס בלויז, ווען קיינער איז אין שטוב ניטא ; אדער ווען איך בין אין שטוב ניטא. זאגט, אויב איהר ווילט שפיעלען, וועל איך אוועקגעהן.

ר ח י ל

וואס פאר א נארישקייטען רעדט איהר ? שפיעלט איהר און איך וועל הערען.

ל ע אָ נ י ד

איהר וועט מיין שפיעלען ניט קענען הערען.

ר ח י ל

פארוואס מיינט איהר עס אזוי ? פערקעהרט, איך געפין, אז איהר זענט זעהר מוזיקאליש.

ל ע אָ נ י ד

איהר קענט אויך זאגען קאמפלימענטען ? פאר אייך פאסט עס גארניט. פאר אייך פאסט נאר ערנסט צו זיין ; אייך פאסט שטענדיג דעם אמת צו זאגען.

ר ח י ל

איך דאנק אייך פאר אייער הויכער מיינונג איבער מיר. נאר צי דען מיינט איהר, אז קאמפלימענטען מוזען זיין ניט ערנסט, אדער א ליגען ? איך געפין, אז איהר זענט זעהר מוזיקאליש. עס קען זיין, אז איהר קענט גארניט שפיעלען ; אבער דאס שליסט אייך ניט אוים פון צו זיין•מוזיקאליש. א. א צו הויכע מיינונג האט איהר פון מיר.

ל ע אָ נ י ד

איך וועגען אייך האב זעהר א הויכע מיינונג. מיר דאכט, אז אייך וואלט איך קיינמאל ניט געקענט בעליידיגען. איך וואלט קיינמאל קיין דרייסט ניט געהאט צו זאגען עטוואס פרעכעס פאר אייך אין די אויגען.

ר ח י ל

און איהר זענט דען פעהיג צו זאגען אדער צו טהאן אזוינס אי־בערהויפט ?

ל ע אָ נ י ד

איך מיין, אז מענש, ווען ער בעזיצט ניט אין זיך א געוויסע מאס פרעכהייט, איז איהם זעהר שווער צו לעבען אויף דער וועלט.

ר ח י ל

און איהר וואָלט געקענט ווען ס'איז בעליידיגען ? ניין, לע־אַניד, איהר קענט ניט.

ל ע אַ נ י ד

איך שפּיר מיך גאַנץ דרייסט . . . איהר שמייכעלט ? געוויס, יעדער מאַן מוז בעזיצען דרייסקייט ; ניט צו לאָזען זיך טרעטען מיט די פיס.

ר ח י ל

און דעם צווייטען טרעטען ?

ל ע אַ נ י ד

דאָס איז גלאַט א קליינליכע ארבייט. דאָס איז א נארישע בעשעפּ־טיגונג. מענשען וואָס האָבען פערדיענט, אָדער דערוואַרט, מען זאָל זיי טרעטען מיט די פיס, זענען קיין מענשען ניט. אזעלכע בעשעפּע־נישען מייד איך אויס .

ר ח י ל

דאָס איז בלויז ווערטער : דאָס איז שעהן בלויז, ווען דאָס בלייבט אין דעם וואָרט. מען האָט מיר געזאָגט, אז די רויטע רויזענבלעטער אויף מיינע שווארצע האָר זעהען אויס ווי בלוט־פלעקען, ס'איז אמת ?

ל ע אַ נ י ד

עס זעהט אויס, ווי אָבגעריסענע רויטע רויזענבלעטער אויף א שווארצען קאָפּ.

ר ח י ל

ווי אָבגעריסענע רויטע רויזענבלעטער אויף א שווארצען קאָפּ.

ל ע אַ נ י ד

ער זעצט זיך נעבען רחיל'ן.

ר ה י ל

מיט אַן'איינגעהאַלטענער אויפרעגונג.

פון וואַנען האָט איהר געוואוסט, אז כ'וויל איהר זאָלט זיך זעצען נעבען מיר ? איהר האָט פריהער געזאָגט, אז איהר בעזיצט פרעכ־

הייט.... טהוט אוים דאָס ווייסע מיצעל פון קאָפּ. עס קלײדט אײך נאָרניט. אָהן א היטעל איז בעסער. אָט אזוי . . . דער קאָפּ איז דאָס שעהנסטע, וואָס א מענש פערמאָגט. און אז מען פערמאָגט א שעהנעם קאָפּ בעדאַרף מען איהם ניט פערדעקען. אײך איז דאָ לאַנגווײליג נעבען מיר? טאָ וואר וואָס האָט איהר זיך געזעצט נע־בען מיר? איך האָב דאָך אײך ניט געבעטען. פאַר־וואָס געהט איהר ניט אַוועק? זעהט, איהר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אז איהר בעזיצט פרעכהייט . . . יאָ, אפשר דרייסט זענט איהר, אָבער נישט פרעך. אײך קומט עס איצטער אוים זעהר פרעך אויפצוהויבען זיך און אַוועקגעהן? איהר ווילט עס מיר ניט טהאָן. לעאָניד, פאַרוואָס שווייגט איהר? זאָגט איין וואָרט, יאָ אָדער ניין. . . זייט אויף א סעקונדע, אויף איין אויגענבליק, אזוי פרעך צו מיר ווי צו אנ׳אַנדערן . . . נו, טהוט עס; וואָס זיצט איהר נעבען מיר? זאָגט, וואָס זיצט איהר איצטער נעבען מיר? איהר קענט מיך ניט בעליידיגען. אָ. איהר קענט מיך ניט בעליידיגען . . .

ל ע אָ נ י ד

ער וויל זיך אויפהויבען.

ר ח י ל

אך, ניין! געהט ניט, געהט ניט. איך האָב שפּאַס געטריבען. איך האָב ,בלויז שפּאַס געטריבען. כ׳האָב ניט געמיינט ערנסט . . . ליאָליא, מיך בעליידיגט אייער בעציהונג צו מיר. זייט ווייסען, אז עס בעליידיגט מיך . . .

ל ע אָ נ י ד

איהר אליין זענט אין דעם שולדיג.

ר ח י ל

איך וואָלט וועלען זיין מיט עפּעס שולדיג, מיר זאָל אזוי לאַנג־ווײליג ניט זיין.

ל ע א נ י ד

איהר זענט שולדיג מיט דעם, וואס איהר רופט צו זיך בלויז ארויס אכטונג.

ר ח י ל

בלויז אכטונג. ווי לאנגווייליג ! . . . יא, אייך איז דא שווער נע־בען מיר ? טהוט מיר די טובה — געהט אוועק פון דאנען. נו, כ'בעט אייך.

ל ע א נ י ד

איהר, רחיל, זענט פאר מיר א דונקעלער סוד . . . איך האב פאר אייך ניט קיין מורא — נאר מיר ווילט זיך אייך אויסמיידען.

ר ח י ל

אויסמיידען ?

ל ע א נ י ד

צייט איהר זענט געקומען אהער... איהר האט מיט זיך געבראכט אנ'אטמאספערע פון אנ'אנדער וועלט. מיין מוטער איז זעהר א שטאלצע געווען, דאך איז זי מיר נאהנט געווען. א מוטערליכע שטאלצקייט איז זעהר שעהן. איך האב עס געוואוסט ווי אבצור־שאצען. נאר איהר . . . — און ווען איך הער אייך איצטער רע־דענדיג, דאכט זיך מיר אויס, אז דאס רעדט גאר אנ'אנדערער. אבער ניט איהר.

ר ח י ל

איהר ווילט איך זאל היינט אוועקפאהרען ?

ל ע א נ י ד

דאס ווענדט זיך אן אייך. איך האב געזאגט.

ר ח י ל

שפאצירט אום געהיימניספאל, רופט פלוצלונג :

ליאלא ! . . .

ל ע א נ י ד

איהר ווילט מיר עפעס זאגען ?

ר ח י ל

זי געהט צו איהם, נעהמט איהם פאר בײדע הענד און קוקט איהם שטאַלץ אין די אויגען.

ניין, גאַרניט. כ'וויל איך גאַרניט זאָגען.

ל ע אָ נ י ד

איך וויל וואָס זאָגען . . .

ר ח י ל

ניין, ניין, מען בעדאַרפט ניט.

ל ע אָ נ י ד

רחיל . . . וואָס איז מיט איך ?

ר ח י ל

זי לאָזט זיך אראָב נעבען איהם אויף דער זאָפע, בעהאַלט איהר קאָפּ אויף זיין אקסעל. איהר גאנצער וועזען ציטערט פאר אינערליכען שטורם. זי הויבט אויף אַ ווײַלע איהר קאָפּ, רעדט שטיל, צושטרייט: איהר ווייסט, ליאַליא, איך האָב געהאט א חבר, דאָס איז געווען מיין פאָטער, איז ער געשטאָרבען. ער איז זעהר שטאָלץ געווען. איז ער געשטאָרבען... מען זאָגט, אז איך בין א יתומה. מען זאָגט אזוי . . . מען האָט מיך גערופען אין דער היים „די שטאָלצע יתומה“ . . . אמת, זעהר איטערעסאַנט ? געהט אום איבער דער וועלט א שטאָלצע יתומה . . . ס'זענען פאַרהאַן מענשען. וואָס קענען זעהר שעהן לאַכען — איהר ווייסט עס, ליאַליא ?

ל ע אָ נ י ד

קושט זי שטיל אויפ'ן קאָפּ.

ר ח י ל

שעפּטשעט.

ניין, ליאַליא, ניין, לאָזט מיך. אַך, ניין. זייט שטאָלצער. אַך ניין, ניט דאָס האָב איך פון איך פערלאַנגט, ניט דאָס... כאַ־כאַ־כא — „די שטאָלצע יתומה“ האָט מען מיך גערופען . . . וואָס זענט איהר אזוי בלאַס, כ'האָב איך שמערצען פערשאַפט ? . . . נו, געווים האָב איך קיין פאָטער ניט, יאָ. עס פערשאַפט שמערצען...

זי בעפרייט זיך פון איהם און פערבאָרגט איהר קאָפּ אויפ'ן זאָפע.

אַ צייט שטיל.

ל ע אָ נ י ד

בלאס, אויפגערעגט. גלייבט זיך אויס, טהוט אָן זיין היטעל און געהט ארויס, ניט ווארפענדיג זאָגאר קיין בליק צו רחיל'ס זייט.

ר ח י ל

בלייבט נאָך אַליין אין איהר פריהערדיגער פּאָזע ווי פערגליווערט.

א י ד ע

קומט אריין. זי טראָגט א לאנגען שנור מיט מעערקעפּלעך אָנגעצויגען. זי בעמערקט רחיל'ן, פער'גנב'עט זי זיך צו איהר אויף די שפּיצען פינגער און וויל איהר אָנטאָן אויפ'ן האלז דעם שנור.

דריטער אקט

ביים ים. א הויכער ברעג, שיטער בעוואקסען מיט גראָז. סוף זומער. דער מזרח־הימעל איז גראָה און עס פערגעהמט זיך אויף טאָג. פון ציט צו ציט לויפט אָן אַ כוואליע צום ברעג. ס'הערט זיך אַ גערויש. ווען זי צושלאָגט זיך צווישען די שטיי־נער, און באלד ווערט ווידער שטיל.

ש א ו ל   פ א א ו ל א   א ו ן   א י ד ע   קומען אָן.

פ א א ו ל א

ס'איז מיר שוין קאלט געוואָרען.

ש א ו ל

נעגען טאָג כאפט שטענדיג קיהלער די לופט.

פ א א ו ל א

ס'איז מיר קאלט און ס'איז מיר היים. א מאמעס הארץ פלאָגט זיך. מיינסט געוויס, עס ציהט מיך זעהר צו זעהן, ווי די זון געהט אויף.

א י ד ע

איהר בעדארפט נאָר איינמאָל זעהן, ווי די זון קומט פון ים ארויס, וועט איהר שוין וועלען אלע מאָל אויפשטעהן.

ש א ו ל

דו האָסט שוין איצטער נעמענט שלאָפען. א מיידעל פון צוועלף יאהר זאָל וועלען נאכטהאָן אליין, וואָס די גרויסע טהוען.

א י ד ע

נעכטען האָסטו געזאָגט, אז כ'פיהר מיך אויף ווי א קליין קינד, און היינט זאָסטו, אז איך טהו נאָך די גרויסע.

ש א ו ל

האָסט שוין איצטער געמענט שלאָפען און ניט נאכגעהן, הערען וואָס יענער רעדט.

א י ד ע

האלב וויינענדיג.

איך הער זיך גאָר ניט צו ווענען וואָס מען רעדט.

ש א ו ל

רעדסט נאַרישקייטען.

פ אַ א ו ל א

זאָל זיין, שאול : זאָל זיין . . . מען זעהט זיי ניט און מען הערט זיי ניט.

ש א ו ל

דאַכט מיר, אַז דאָ האָבען זיי זיך בעדאַרפט געפינען.

פ אַ א ו ל א

זעה, אידע, דאָס שיפעל שטעהט ביים ברעג ?

א י ד ע

לויפט אַראָב צום וואַסער און שרייט פון דאָרטען :

צוגעבונדען !

פ אַ א ו ל א

איך וועל עס ניט איבערטראָגען, שאול, איך וועל עס ניט איבער־טראָגען. איך בין דאָך אַ מאַמע און איך זאָל ניט וויסען, וואָס ביי מיין איין און איינציג קינד אויפ'ן הארצען איז . . . כ'וועל עס ניט איבערטראָגען.

ש א ו ל

בערוהיג זיך, ביסט נערוועז. אויף דיר האָט דאָס וואוינען ביים ים ניט גוט געווירקט .

פ אַ א ו ל א

אָך, דער ים... וואָס געהט מיר דאָ אָן דער ים ? וואָס קריך איך דאָ אום אַזוי שפעט ? וואָס טהו איך דאָ ? וועמען זוך איך דאָ ? מיר איז שלעכט. זי האָט דאָך אָן מיר קיין מינוט ניט געקענט זיין. ביי מיר אויף די הענד איז זי אויסגעוואַקסען. כ'האָב זיך שטענדיג צוגעהערט צו איהר הארץ ווי עס קלאַפט און געוואוסט וואָס עס בעדייט. דאָס איז אונערטרעגליך פאַר מיר...

ש א ו ל

ס'איז גאנץ נאטירליך. קינדער־מוזען דאך אמאל זעלבסטשטענ־
דיג ווערען.

פ א א ו ל א

זעלבסטשטענדיג... צי דען וויל איך עס פון איהר רויבען? צי דען
פערלאנג איך פון איהר, זי זאל מיר רעכנונג אבגעבען פון אלץ וואס
זי טהוט? צי דען בין איך אזוי? זאל איך נאר א צופרידען פנים
איהרס זעהן, איז דאך שוין פאר מיר גענוג. זי מיידט אבער אויס
מיר גלייך אין די אויגען צו קוקען; ווי זי זאל מורא האבען, איך
זאל אין איהרע אויגען ניט דערקענען וואס ביי איהר אין הארצען
איז . . . און טראכטען טראכט זי פון גאר ניט קיין פרעהליכעס.
קיינער וועט מיר שוין ניט איבער־רעדען.

ש א ו ל

אידע! וואו ביסטו דארט?

א י ד ע

איך זיץ אין שיפעל!

ש א ו ל

יעדע זאך האט זיך איהר צייט. איך געפין עס פאר גאנץ נאטירליך.

פ א א ו ל א

א, מיר איז עס שווער ארויסצורעדען. מיין הארץ האט מיך נאך
קיינמאל ניט אבגענארט.

וויינט.

ש א ו ל

מיר געהען אהיים. זעהסטו, דאס געפעלט מיר שוין גארניט פון
דיין זייט. ווילסטו בעגעגנען די זון מיט א פערוויינט פנים. קום
לאמיר זיך האטש ניט פערשעמען פאר די יונגע. אידע! מיר געהען
אהיים! . . .

א י ד ע

איך וועל בלייבען דא אליין, ביז די זון וועט אויפגעהן.

ש א ו ל

משוגע ביסטו? וואס הייסט דו וועסט בלייבן?! ...

פ א א ו ל א

קום, מיין קינד, אהיים. מיר איז קאלט, כ'קען דא לענגער ניט בלייבן.

א י ד ע

קומט אן

בלייב דא, מאמא, איך בעט אייך. איך וועל אייך נאך מיין טוך געבען, אייך זאל ווארימער זיין — בלייבט דא, איך בין שולדיג אז איהר ווילט שלאפען? איך האב מיט רחיל'ן געקענט געהן.

ש א ו ל

זעהסטו דאך, אז רחיל האט דיך גאר ניט געוואלט מיטנעהמען.

א י ד ע

איך וועל זיי אויפזוכען ... ר—חיל! ר—חיל!

ש א ו ל

וואס שרייסטו גלאט אין דער וועלט אריין?

פ א א ו ל א

רוף מיין קינד נאך אמאל אפשר וועלען זיי דערהערען.

א י ד ע

ר־חיל! לא־לא!

פ א א ו ל א

איך קען גאר פון דעם ארט ניט אבטרעטען זעצט זיך ניין, איך וועל דא בלייבען, ביז די זון וועט אויפגעהן.

ש א ו ל

מאכסט זיך נאריש; און דערצו קען איך דאך פון דיר פערלאנגען, דו זאלסט ניט וויינען. כ'וועל דיר זאגען דעם אמת: צו טרעהרען בין איך ניט געוואוינט.

פ א א ו ל א

איך געה אהיים; איך געה אהיים.

שאול

איך קען דאָ בלייבען מיט דיר, אויב דו ווילסט.

אידע

איך געה אויף אהיים. קומט, מאמא. איך געה אויף אהיים. דאָס האָב איך נאָר אויף אַ געלעכטער געזאָגט, אז כ׳וועל דא בלייבען. דעק זיך צו גוט, מיין קינד; ס׳איז זעהר קאלט געוואָרען אויף דרויסען.

אידע

ס׳איז גאָר ניט קאַלט.

שאול

איך קען דאָך בלייבען, אויב דו געפינסט עס דורכאויס פאר נויטיג.

פּאַאולא

איך געה, איך געה... געהט און קעהרט זיך יעדע ווייל׳ע אום הינטער זיך און הערט זיך צו, ביז זיי ווערען אינגאַנצען פערשוואונדען.

רחיל און לעווענשטיין

קומען אַן

רחיל

איך האָב קלאָר געהערט אידעס קול.

לעווענשטיין

זעהט איהר דאָך אז קיינער איז ניטאָ.

רחיל

בעשטימט געהערט. וואָס קען זי דאָ טהאָן אזוי שפּעט? אַך, סארא קינד דאָס איז! כ׳האָב זיך אזוי שטיל פון איהר אָבגע׳גנב׳ט.

לעווענשטיין

איך האָט זיך נאָר אויסגעדאכט. מען הערט קיינעם ניט.

רחיל

זעהט, לעווענשטיין, דאָס שיפעל שטעהט דאָ אונטען?

לעווענשטיין

ער געהט אראָב צום וואסער.

ר ח י ל

עס שטעהט דאָרט?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

ס'איז פארהאן: נאָר צוגעשלאָסען צו קיים.

ר ח י ל

און די רודערן?

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

צוגעשלאָסען צום שיפעל.

ר ח י ל

קוקט זיך אַרום אונרוהיג.

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

קעהרט זיך צוריק.

נאָך אין אַ האַלבע שעה װעט די זון אויפגעהן. זעהט איהר, װי עס בייטען זיך די פאַרבען אויפ'ן האָריזאָנט? און דער ים, זעהט איהר, װי ער װאַלט זיך דאָרט ביים האָריזאָנט אויסגעבויגען האַלב־קיילעכדיג אַרויף און זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן הימעל? ערשט װען די זון װעט אויפגעהן, װעט איהר ריכטיג דערקענען, װאו איז הימעל און װאו איז װאַסער. מערקװירדיג! איהר האָט פיליכט געמערקט: אין דעם מאָמענט, װען די זון קלייבט זיך אַרויס פון װאַסער צום הימעל אַרויף, איז זי װי צוזאַמענגעדריקט, פון איין זייט שמעלער — איהר האָט עס געמערקט?

ר ח י ל

איך?...

ל ע װ ו ע נ ש ט י י ן

ענטשולדיגט מיר; איך האָב פערגעסען, אז איהר האָט פיינט, װען מען בעװאונדערט די נאַטור אויפ'ן הויכען קול.

ר ח י ל

פון װאַנען װייסט איהר דען, אַז כ'ליעב ניט צו בעװאונדערן די נאַטור אין דער הויף?

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

װײל כ'האָב קײנמאָל ניט געהערט אײך רעדן װעגן דער נאַטור. אױסער אין דעם ערשטן אָװנט פון אונזער בעקאַנטשאַפט האָט איהר כאַראַקטעריזירט דעם שטילן ים. איך געדענק זעהר אײער פערגלײך.

ר ח י ל

װאָס האָב איך געזאָגט?

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

אַז װען דער ים שװײגט, מאַכט ער אַן אײנדרוק, װי ער װאָלט זיך פערשלאָסן אַלײן מיט זיך און אין זיך. יאָ, ריכטיג?

ר ח י ל

ריכטיג.

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

זעהט, װי כאַראַקטעריסטיש: מען זאָל צוזאַמענרעכענען, װעט אױסקומען, אַז אױף מײנע צװאַנציג װערטער ענטפערט איהר מיט אײן װאָרט.

ר ח י ל

װאָס בעװײזט עס, צי איך רעד װעניג, אָדער איהר רעדט צופיעל?

ל ע װ ע נ ש ט ײ ן

מיט קײנעם רעד איך ניט אַזױ פיעל װי מיט אײך. איהר װײסט, אַז נעבען אײך קען איך די שטילקײט ניט פערטראַגען. איהר װײסט, צײטענװײז בײ מיר אין צימער רעד איך אַלײן מיט זיך. דאָס איז אַזױ די לעצטע צײט געװאָרען. עס טרעפט צײטענװײז, אַז די שטילקײט בײ מיר אין צימער פערקערפּערט זיך, בעקומט אַ פיזיאָגנאָמיע. און מיר װילט זיך זי אַרױסטרײבען פון מײן שטוב. דאַן הױב איך אָן רעדן אַלײן צו זיך, — צוגיסט זי זיך, די שטילקײט, אין אַלע־װינקעליך און װערט פערשװאונדען; װי באַלד נאָר אָבער איך װער אַנטשװיגען, הױבט זי צוריק אָן אַרױסקריכען פון אַלע װינקעליך און פילט אָן מײן צימער . . . נאָר צו װאָס דערצעהל

איך עם אייך? איך זעה, אז אייערע געדאנקען מיט אייערע געפיהלען זענען פון דאנען ערגעץ גאנץ ווייט.

ר ח י ל

יא, „אייערע געדאנקען, אייערע געפיהלען“ . . . זאגט שוין: „און אייער הארץ“ . . .

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

יא, טאקי, און אייער הארץ, — נאר גאט אליין אפשר ווייסט, וואס אין אייער הארצען טהוט זיך; וואס אין אייער הארצען וועבט זיך.

ר ח י ל

איהר ווילט וויסען וואס איצטער וועבט זיך אין מיין הארצען? איך וועל אייך דערצעהלען: איך וואלט וועלען צוקלערען די צווייטע העלפט פון א געשיכטע, וואס מיין ניאניע האט מיר קינדווייז אנגעהויבען צו דערצעהלען. די ערשטע העלפט האט זי מיר דערצעהלט און די צווייטע העלפט האט זי מיר צוגעזאגט, מיר דערצעהלען, ווען איך וועל גרויס ווערען — איז זי אבער געשטארבען איידער איך בין גרויס געווארען. אט אזוי האט זי מיר דערצעהלט — פאלט אריין אין א קינדערשען טאן . . . אויף איין זייט טייך איז א גרויסער וואלד געוואקסען, נעבען וועלכען ס׳האט זיך זיין דארף ארויסגעזעהן; און אויפ׳ן צווייטען זייט טייך האבען זיך גרינע לאנקעס געצויגען, פון וואנען ס׳האט א הייזעל ארויסגעקוקט — דארט איז איהר היים געווען. ער האט ביים ברעג וואלד זיין פאטערס שאף געפיטערט, און זי האט צווישען די גרינע לאנקעס איהר מוטערס גענז געפיטערט. ער האט שטענדיג אין הימעל געקוקט און האט אויף א הילצערן פייפערל עפעס אויסגעפייפט און זי האט אין דער ווייט קוקענדיג שטענדיג א מעלאדיע געזונגען. אהן ווערטער איז זיין מעלאדיע געווען און אהן ווערטער איז איהר ליעד געווען. נאר ער האט פערשטאנען, וואס איהר זינגען בעדייט, און זי האט געפיהלט, וואס זיין פייפען בעדייט. און איינמאל, אליין ניט וויסענדיג פארוואס, האט זי צווישען די גרינע לאנקעס בלימעלעך געקליבען: הימעל־בלויע בלימעלעך, וואס ווינקען ארויס פון צווישען

די גראָזען : „פערגעס מיך ניט", „פערגעס מיך ניט" . . . פון די בלומען האָט זי אַ קראַנץ אויסגעפלאָכטען. דעם קראַנץ האָט זי אַ ווייסער גאַנז אויפ'ן האַלז אָנגעטאָן, מיט אַ גראָז צום האַלז צו־געבונדען און די גאַנז אין וואַסער אריינגעטריבען. זי האָט געוואָלט, אז די גאַנז זאָל דעם טייך אריבערשווימען און איהר בלומענקראַנץ אויף דער צווייטער זייט אריבערברענגען . . . די גאַנז אָבער האָט זיך גלייך מיט'ן שטראָם אראָבגעלאָזען. גלייך מיט'ן שטראָם איז זי געשוואומען, טראָגענדיג דעם הימעל־בלויען בלומענקראַנץ אויף איהר קלאָר ווייסען האַלז . . .

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

און ווייטער?

ר ח י ל

ווייטער האָט זי מיר ניט דערצעהלט. זי איז געשטאָרבען, — אדרבה, בעקלערט אליין, וואָס איז ווייטער געווען מיט'ן בלומענקראַנץ. איהר וועט עס מיר מאָרגען דערצעהלען, גוט?

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

זעהר אַ שעהן בילד, ווי די ווייסע גאַנז שווימט מיט'ן שטראָם און טראָגט אויפ'ן האַלז אַ הימעל־בלויען בלומענקראַנץ.

ר ח י ל

געפעלט עס אייך?

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

דערצעהלט נאָך עפּעס... וואָרום זיך זיצט איהר ניט? זעהט, די גאַנצע צייט זיץ איך און איהר שטעהט . . . נו, דערצעהלט נאָך עפּעס.

ר ח י ל

אָבער דאָס ערשטע געפעלט אייך דאָך זעהר, וואָס בעדאַרפט איהר דען נאָך?

ל ע ו ו ע נ ש ט י י ן

איהר בעלײדיגט מיך . . . ס'קען זיין, אז איהר אליין פיהלט עס ניט.

ר ח י ל

איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איך געפעלט וואָס כ'האָב נאָר וואָס דערצעהלט — און אַז איהר וועט ביז מאָרגען דערקלערען די צווייטע העלפט. פון ווייטען הערט זיך א שטימע רופען: „לעווענ־שטיין, יע—קב!" איהר הערט, מען רופט אייך. ווער רופט עס אייך?

לעווענשטיין

קומט, איהר געהט?

ר ח י ל

איך בלייב דאָ.

לעווענשטיין

איך קען דאָך אייך אַליין ניט לאָזען.

מען רופט ווידער.

ר ח י ל

נו, געהט, מען רופט דאָך אייך.

לעווענשטיין

ער איילט אין דער זייט, פון וואַנען דאָס רופען הערט זיך.

ר ח י ל

זי נעהמט ארויס פון קעשענע א בינטעל שליסעלעך און געהט אַראָב צום ברעג. אין א ווײַלע ארום קעהרט זי זיך אום צוריק, טראָגט דעם שלאָס פון שיפעל. זי בעהאַלט איהם אין גראָז.

לעאָניד

קומט אָן

רחיל! איהר זענט נאָר אַליין?

ר ח י ל

ליאַליא? איהר האָט עס גערופען לעווענשטיינען?

לעאָניד

איך. ער איז דאָ געווען?

ר ח י ל

ער איז דאָ געווען

ל ע אַ נ י ד

אין וועלכער זייט איז ער אוועקגעגאַנגען?

ר ח י ל

איהר זענט אויפגערעגט, ליאַליא?

ל ע אַ נ י ד

ס'איז זעהר מעגליך.

ר ח י ל

דאַס האָט איהר גערופען און איך האָב אייער קול ניט דערקענט.

ל ע אַ נ י ד

יאָ, איך האָב גערופען.

ר ח י ל

איהר זענט אויפגערעגט, לעאַניד; אייך פּאַסט ניט צו זיין אויפ־גערעגט. דעריבער האָב איך אייער שטימע ניט דערקענט. איד'ע איז דאָ געווען. כ'האָב געהערט פון ווייטען, זי האָט מיך גערופען... איהר זענט אויך געקומען זעהן, ווי די זון געהט אויף? לאָכט מיט א שטילען איינגעהאַלטענעם געלעכטער. כ'מיין, אז די זון וועט גאָר היינט ניט אויפגעהן... זעצט זיך נעבען מיר, לעאַניד, זעצט זיך און מיר וועלען אין די ווייטקייט קוקען... אָט אזוי. איצטער גיט מיר אייער קאָפּ, לעאַניד... אָט אזוי... און איצטער דער־צעהלט מיר, וואָס איהר זענט אזוי אויפגערעגט. ניין? איהר וועט מיר ניט דערצעהלען?... מיט אַ קינדערשען טאָן. א פויגעלע איז א מאָל אין וואַלד אויף א צווייגעלע געזעסען און דער ווינד האָט דאָס צווייגעלע געוויגט, איז דאָס פייגעלע איינגעשלאָפען... האָט זיך דעם פויגעלע א חלום גע'חלומ'ט: אין וואַלד איז אנ'־אַלטער האָלץ־העקער געקומען און טראָגט א גרויסען, גרויסען האַק — און די האַנד פון האַק איז א לאַנגע, אַ לאַנגע!... האָט זיך דער העקער מיט זיין גאַנצען כח פערמאָסטען און מיט'ן האַק אי־בער'ן בוים דערלאַנגט. די האַק האָט זיך אזוי שטארק אין דעם בוים איינגעשניטען, אז דער העקער האָט איהר צוריק פון דעם בוים ניט געקענט ארויסנעהמען... ער האָט מיט אלע כחות די האַק

נעצויגען, געוואָלט פון דעם בוים ארויסנעהמען, נאָר די האַנד פון האק האָט זיך אָבגעבראָכען און די האק איז אין דעם בוים גע־בליבען. דאָס פויגעלע האָט זיך פאר שרעק פון שלאָף אויפגע־כאַפּט...

ל ע אָ נ י ד

ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט פערדעכטיג רחיל'ן אין די אוי־גען אריין.

ר ח י ל

וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן? איהר דערקענט מיך ניט?

ל ע אָ נ י ד

איך דערקען אייך ניט.

ר ח י ל

לעווענשטיינען האָב איך בלויז איין העלפט פון א געשיכטע דער־צעהלט און די צווייטע העלפט האָב איך איהם געהייסען בעקלעהרען און אייך, זעהט איהר, האָב איך אינגאַנצען דערצעהלט. איהם האָב איך עטוואָס אַנדערש דערצעהלט און אייך גאַנץ אַנדערש . . . וואָס קוקט איהר מיך אַזוי פערוואונדערט אָן? ווירקליך, איהר דערקענט מיך ניט . . . דערצעהלט ווי פריהער א וואַנדערער אין וועג איז אמאָל שטאַרק מיעד געוואָרען, האָט ער זיך ביים זייט וועג, אונטער אַ בוים, רוהען געזעצט. ווען ער האָט זיך שוין אויסגערוהט און גע־וואָלט זיך ווייטער אין וועג ארייןלאָזען, האָט ער בעמערקט, אַז אין דעם בוים, אונטער וועלכען ער האָט גערוהט, איז אַן אויסגעהוילטער אָרט פאַרהאַן. „אַט וועל איך אַ צייכען לאָזען, אַז איך האָב אויף דעם אָרט אמאָל גערוהט", — טראַכט זיך דער וואַנדערער. האָט ער גענומען א שטיין פון וועג און האָט אין דעם בוים אריינגעלעגט און איז זיך ווייטער זיין וועג געגאַנגען. דער בוים אָבער האָט מיט דער צייט טריקענען אָנגעהויבען, ביז ער איז אינגאַנצען פערטרי־קענט געוואָרען . . . און מענשען, וואָס געהען פאַרביי מיט'ן וועג, שטעלען אָב זייער בליק א ווײלע אויף דעם פערטריקענטען בוים און פרעגען ביי זיך אַליין אָהן ווערטער: „פאַרוואָס טריקענט דער

בוים?"... וואס זענט איהר אזוי בלאס, לעאניד? איהר מיינט, אז די זון וועט היינט ניט אויפגעהן? דאס האב איך שפאס גע־מאכט. דער הימעל ווערט אלץ העלער און העלער; איהר וועט באלד זעהן, ווי די זון וועט אויפגעהן... לעוועשטיין זאגט, אז ווען די זון געהט פון ים ארויס און הויבט זיך אן אויפ'ן הימעל ארויפגליטשען, איז זי ווי צוזאמענגעדריקט. ניט אמת, לעאניד? ער זאגט...

ל ע א נ י ד

רחיל! וואס איז מיט איך, רחיל?...

ר ח י ל

וואס איז מיט איך, לעאניד? מיט מיר איז גארניט. איהר האט נאך מיט מיר קיינמאל פאר'ן זונענאויפגאנג ניט געשפאצירט. איך בין שטענדיג אזוי. בייטאג שוויג איך און ביינאכט רעד איך. וואס איהר גלויבט ניט?... איהר גלויבט דאך אלץ וואס איך זאג אייך. איהר געדענקט, אמאל האט איהר מיר געזאגט, אז צו מיר מוזט איהר זיך בעציהען בלויז מיט אכטונג... נו, איצטער וועט איהר מיר שוין אפשר אנהויבען א ביסעל ווייניגער צו אכטען?... הא, לעאניד? זאל איך אייך אפשר נאך עפעס דערצעהלען? וואס מיינט איהר, דערצעהל איך אייך רען? דאס איז דאך בלויז מיינע קינדערשע געשיכטען, וואס די ניאניע האט מיר דערצעהלט... זי האט מיך זינגען אויך געלערנט, איך געדענק נאך איין לידעלע נאר א קינדערשעס — ווילט איהר, איך זאל עס אייך זינגען?...

ל ע א נ י ד

ער נעהמט זי פעסט פאר די הענד

רחיל, איך בעט אייך, איהר זאלט שווייגען, רחיל, איך בעט אייך...

ר ח י ל

איהר ווילט, איך זאל שטיל זיין?

ל ע א נ י ד

רחיל...

ר ח י ל

אך, סארא פעסטע הענד איהר האט!

ל ע אָ נ י ד

רחיל, לאָזט מיך אָב. איך וויל אוועקגעהן פון דאנען.

ר ח י ל

איהר האלט דאך מיך פאר די הענד...

ל ע אָ נ י ד

איך וויל, איהר זאָלט אוועקפאָהרען, רחיל.

ר ח י ל

איך האָב דאך שוין לאנג געוואָלט אוועקפאָהרען.

ל ע אָ נ י ד

פאָהרט אוועק פון דאנען.

ר ח י ל

נו, גוט. איך האָב דאך שוין לאנג געוואָלט אוועקפאָהרען.

ל ע אָ נ י ד

אָט בעסער שווייגט. רעדט גאָרניט. גאָרניט...

ר ח י ל

איהר זענט נאָך גאָר אַ קינד, לעאָניר. איך וועל שווייגען...

שווייגען ביידע.

ל ע אָ נ י ד

מיט אַ ציטערנדער שטימע.

פארוואָס זענט איהר בייז אויף מיר, רחיל? איהר פערפאָלגט מיך. צי דען בין איך שולדיג? פארוואָס פערפאָלגט איהר מיך? איהר האָט אונזער שטוב אָנגעפילט מיט אַ געהיימניספולע דונקעלהייט. איך האָב מורא פאר אייך... א י ך ל י ע ב ג אָ ל ע ן.... איך שעם מיך ניט פאר אייך און איך לייקען ניט פאר אייך... וואָס קומט מיר דערפאר?... פארוואָס פערפאָלגט איהר מיך?... ווען איהר שווייגט, איז מיר שווער, און ווען איהר רעדט, איז מיר נאָך טויזענד מאָל שווערער. רעדט וועגען וואָס איהר טראַכט; רעדט ווע־

גען וואָס איהר פיהלט... איהר אָבער רעדט וועגען גאַנץ אַנדערש...
איך ליעב גאַלען...

ר ח י ל

פאַרוואָס האָט איהר זי אַליין געלאָזען?

ל ע אָ נ י ד

איך האָב מיט איהר אָבגערעדט, זי זאָל אהער קומען.

ר ח י ל

פאַרוואָס האָט איהר זי אַליין געלאָזען? פאַרוואָס האַלט איהר מיך אַזוי פעסט פאַר די הענד? זעהט, איהר האָט מיר שוין געוויס צייכענס געמאַכט אויף די הענד.

ל ע אָ נ י ד

רחיל... איך טוליע מיך צו אייך ווי אַ קליין קינד... מיר איז שלעכט. רחיל... נו, פיהלט מיר מיט בלויז איין מינוט; בלויז איין אוי־גענבליק. פאַרוואָס זענט איהר אַזוי שרעקליך?...

ר ח י ל

אַך, מיין קליין קינד... איהר זענט דאָך שלעפריג, מיין קליין קינד...
אַז די זון וועט אויפגעהן, וועל איך אייך אויפוועקען...

זינגט צערטליך מיט אַ ציטעריגער שטימע:

שלאָף מיין קינד,
שלאָף מיין קינד,
אַ ווייסער מלאך שוועבט אין רוים...
שלאָף מיין קינד,
עס וועהט אַ ווינד
און טראָגט פון וויט פאַר דיר אַ טרוים...

זעהט איהר, דאָס ליעדעל האָט מיר אויך מיין ניאַניע געזונגען. די מעלאַדיע אַליין האָב איך געדענקט, אָבער די ווערטער ניט. נאָר קיין אַנדערע ווערטער האָבען צו דער מעלאָדיע ניט געקענט זיין... אַך, ווי בלאַס איהר זענט, לעאָניד... ווען אייער געזיכט איז בלאַס, זענען אייערע אויגען נאָך פיעל בלויער...

ל ע א נ י ד

ניין, איך ליעב זי ניט, גאלען. רחיל, דאס האב איך בלויז פון זיך
אליין שפאס געמאכט. איך האב געוואלט הערען, ווי עס וועלען
קלינגען די ווערטער : „לעאניד ליעבט גאלען“...

ר ח י ל

איהר זעהט, ווי דער הימעל איז שוין ראז געווארען ? איהר וועט
מיט מיר ארויספאהרען אויפ׳ן ים בעגעגנען דעם זונענאויפגאנג?
איהר וועט מיט מיר ארויספאהרען ?

ל ע א נ י ד

שווייגט.

ר ח י ל

אך, ווי גוט, אז מען וואוינט ביים ברעג ! נארישע מענשען זאגען,
אז צום מענשענס וועג איז קיין ברעג ניטא. איהר זעהט, לעאניד,
מיר זיצען דאך ביים ברעג... אמת ? ווייטער געהן קען מען דאך
ניט. אמת, לעאניד ? א נארישקייט, וואס מען האט צוגעקלערט א
מיטעל, ווי אזוי דעם ים איבערצושווימען פון איין ברעג צום צוויי־
טען... דאס האט געווים א בייזער ליז צוגעקלערט, כדי צו פערלענ־
גערן דעם מענשענס וועג און אזוי זאל ער אומבלאנדזשען דעם גאנ־
צען לעבען פון וועג צו וועג... איהר זעהט, דער בלויער פאס אויפ׳ן
הימעל איז מיט א ראזען זוים אונטערגעשלאגען... איהר שלאפט,
לעאניד ?... טרעהרען אין אייערע אויגען ? אך, ניין... כ׳האב מיך
שוין געוואלט צולאכען. אייך פאסט ניט, איהר זאלט וויינען. דאס
איז גאר דער מארגענטוי אויף אייערע אויגען געפאלען, און אז די
זון וועט אויפגעהן, וועט זיך אין דעם טוי, אבשפיגלען די פארבען
פון דעם זונענאויפגאנג. זי בעפרייט זיך פון איהם. ער בלייבט אויף
זיין ארט. זי געהט אום ביים ברעג און קלייבט גראזען׳ איך האב
אמאל פון גרינע גראזען שעהנע קרענץ געקענט פלעכטען, אט וועל
איך זעהן אויב איך געדענק נאך... אט פון דעם בוימעלע וועל איך
אויך צווייגעלעך אריינפלעכטען. אך, האב איך געקענט קינדווייז

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE

קרענץ פלעכטען! ניט שעהן זענען די גראזען, וואס וואקסען ביים ברעג. קוקט זיך ארום. רופט: א־הו! א־הו!... קומט אהער!

ל ע א נ י ד

וועמען רופט איהר?

ר ח י ל

גאלא איז דא געווים פארהאן ערגעץ נאהענט... אהו! אהו!... קומט אהער!...

ל ע א נ י ד

רופט ניט קיינעם... איך וויל אייך וואס זאגען...

ר ח י ל

וואס דארפט איהר מיר זאגען? איך ווייס דאך אלץ. טהוט איהם אן דעם קראנץ אויפ'ן קאפ. ווי שעהן איז אייער קאפ מיט דעם קראנץ בעציערט... קומט לאמיר צום וואסער אראבגעהן, וועט איהר אין דעם וואסער־שפיגעל זעהן.

ל ע א נ י ד

ער נעהמט אראב דעם קראנץ פון קאפ.

אין ים ציטערט דער וואסער־שפיגעל.

ר ח י ל

לאכט געהיימניספאל.

אין ים איז זיך שווער צו שפיגלען אהו! אהו... אט געהט שוין נאלא אהער!

ל ע א נ י ד

נאך וואס האט איהר זי גערופען?

ר ח י ל

איהר האט דאך מיר שוין אלץ געזאגט... אט איז נאלא.

לויפט איהר אנטקעגען.

ג א ל א

קומט אן, זינגט.

א, איהר שטראהלען, מארגענספיילען!... ברעכט די וואלקען פון מיין הארץ... זי ווארפט זיך רחיל'ן אויפ'ן האלז. ווי גוט דא איז!

די שאַטען צולויפען אין אַלע ווינקעלעך: כ׳האָב אהין אוועקגע־שיקט לעווענשטיינען אויך... ברולל, ברולל... ווי לאַנגווייליג ער איז!...

ר ח י ל

געפעלט אייך איצטער לעאָניד, רחיל?

ג א ל א

עפּעס איז ער מיר גאָר פערשלאָפען. וואָס פאַר א קראַנץ האָט איהר עס, לעאָניד?

ר ח י ל

דאָס ערוואַרטעט ער די זון מיט א קראַנץ אין האַנד. איהר זעהט, ווי דער הימעל איז רויט געוואָרען? אָט, דאָרט וואו דאָס ראָזע וואָלקענדעל הענגט, דאָרט וועט די זון ארויסשווימען עך, וועט דאָס וואָלקענדעל זיך אָנצינדען! עך, וועט זיך עס אָנצינדען... אָט באַלד וועט די זון אויפגעהן; באַלד וועל איך איהר אנטקעגען לויפען..

זי לויפט אַראָב צום ברעג.

ג א ל א

וואוהין?

ל ע אָ נ י ד

וואוהין, רחיל?

ג א ל א

וואָס איז מיט איהר היינט? איך דערקען זי ניט היינט.

זיי קוקען ביידע אָנגעשטרענגט אין דער זייט, וואו רחיל איז אוועק.

ל ע אָ נ י ד

זי איז צום שיפעל אוועק!

ג א ל א

וואָס וויל זי טהאָן?

ל ע אָ נ י ד

דאָס שיפעל איז מיט קייטען צוגעשלאָסען?

נ א ל א

ניין, ס'איז ניט צוגעשלאָסען . . . אַט ריהרט זי עס ! . . . זי פאָרט דאָך פון ברעג אַב . . . רחיל, וואוהין ? מיר פאָהרען אויך ! . . . איהר פאָהרט אנטקעגען דער זון ? . . געוויס ניט פערשלאָסען געווען . . . זעה, ווי די כוואַליעס ווארפען זי ! זי שטעהט אין שיפעל, זי וועט נאָך אריינפאלען. זעצט זיך, רחיל! איהר וועט נאָך אריינפאלען ! . . . זי פאָלגט זיך ניט. וואָס איז מיט איהר ? . . לעאָניד, וואָס זענט איהר אזוי בלאס ? וואָס איז מיט איך, לעאָניד ? . . . זאָגט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען ? . . . לעאָניד, וואָס איז דאָ געווען ? . . .

ל ע אָ נ י ד

שטעהט די גאַנצע צייט ווי פערגליווערט און קוק צום ים. אויפ'ן האָריזאָנט הויבט אָן די זון אויפגעהן.

נ א ל א

וואָס איז ? ! . . . זי ווארפט די רודערן אין וואסער אריין . . . זי צולאָזט איהרע האָר . . . . זי צולאָזט די האָר . . . ווי שעהן! האַפּט לעאָנידען מיט שרעק. פלוצלונג : לעאָניד, איך פערשטעה אלץ ! איך פערשטעה אלץ וואָס דאָ איז געווען . . . שרייט רחיל, וואָס טהוט איהר ? ! . . . רחיל וואָס טהוט איהר ? ! . .

ביידע בלייבען שטעהן שטיל. ציטערט פאר קעלט, האלטענדיג זיך פאר די הענד און שרייען פלוצלונג ביידע אויס „האָ !" . . . לאָזען זיך ביידע לויפען אראָב, צום ברעג, רופענדיג צו הילף. די שטימען ווערען בילעכווייז שטילער און אין גאנצען שטיל . . .

א י ד ע

איהר שטימע הערט זיך פון ווייטען, שרייט:

די זון ! די זון ! . . .

קומט צום ברעג און בלייבט שטעהן א פערנאפטע, קוקט צום זונען־אויפגאנג.

ע נ ד ע

.1910

דער תקיעת כף

פערזאנען:

הענאך — א מולנער.

פעסיל — זיין פרוי.

חנה'לע — זייער טאכטער.

חאשע.

דוד — איהר זוהן.

פייע.

ערשטער ארימאן.

צווייטער ארימאן.

פ ר אָ ל אָ ג.

א גרויסער צימער, רעכטס און לינקס טירען און פענסטער. רעכטס שטעהט א בעט. אויפ'ן בעט ליגט ד ו ד ' ל. נאַכט. אויפ'ן וואַנד ברענט אַ בוימעל־לעמפּיל. דער בוימעל געהט אויס.

ח אַ ש ע

זיצט ביים בעט. קוקט אָן דעם קראַנקען. איהר געזיכט איז פול מיט שרעק און אונרוהיגקייט. זי הויבט זיך אויף פון איהר אָרט, ווי זי זאָל זיך מישב זיין אליין מיט זיך צו לאָזען דעם קראַנקען. זי נעהמט פאָרזיכטיג דאָס לעמפּיל פון וואַנד און געהט שטיל ארויס.

ד ו ד ' ל

הויבט אָן צו קרעכצען. פלוצלונג אין שרעק:

חנה'לע! ס'טעם נישט טהאָן . . . ווארט ביז כ'וועל שטארבען. געהט, זאָגט, אז כ'וועל שטארבען . . .

שטיל.

ח אַ ש ע

קערט זיך צוריק מיט'ן ליכטיגען לעמפּיל. שטעלט עס אויפ'ן אָרט.

ביזט וואַך, מיין קינד? א וועלט מיט רשעים. נישט פערגונען מיין גליק. כ'בין ביי אלעמען אויף דער צונג געווען... שלאָפסט ווידער . . .

הערט זיך צו.

ד ו ד ' ל וואכט אויף דערשראָקען.

ח א ש ע

וואָס איז, מיין קינד!

ד ו ד ' ל

ווען כ'פערמאַך די אויגען . . . ווען כ'וויל איינדרימלען . . .

חאשע

קושט איהם.

אויף מיר, מיין גאָט, גיס אויס דיין צאָרן... וואָס זעהסטו, מיין לעבען ?

דודל

בליבענט פון געוויין.

מאמע, שיק אין מיל אריין. חנה'לע ווערט פער'קנס'ט פאר אנ־אנדערען. זי וויינט . . . זי וויל נישט . . . מיט געוואלד.

חאשע

ס'א חלום, מיין קינד.

דודל

מיך פרעגט מען נישט . . . חנה'לע, מיך נישט. מזל־טוב, שרייט מען. הענאך'ס שטוב איז בעלויכטען. דער שבת'דיגער הענגלייכטער, אין אלע העסעס ליכט . . .

חאשע

מיין קינד, וועסט געזונד ווערען. חנה'לע וועט דיינע זיין. מען וועט אייך ביידען אי"ה צו דער חופה פיהרען. דו וועסט געזונד ווערען . . .

דודל

רעדט ווי פון היץ.

גערענקסט, האָסט מיר דאָס וואָרט געגעבען ? . . . וועסט מיין טייבעלע זיין. אין וואלד שבת... קיינער ט'ניש געוואוסט . . . גערענקסט — ס'וואָרט געגעבען, וואָרט, ווען כ'וועל שטארבען . . .

חאשע

מיין קינד, וועסט זיין געזונד. דער, וואָס אין הימעל וועט אזוינס דיין מאמען נישט טהאָן.

דודל

קלערער.

זאָג מיר, מאמע, פאר וואָס איז שוין אזוי לאנג ביי מיר חנה'לע נישט געווען ? ווער לאָזט זי נישט אריין צו מיר ? מאמע,

שיק צו הענאָך דעם מילנער : איך וויל זי אליין פרעגן — היינט ווערט זי א כלה . . . וואָס שווייגסטו, מאמע ? ווייסט אלץ . . . זאָג, דו ווייסט אלץ . . .

ח א ש ע

איך האָב געשיקט רופען אין שול, תהילים זאָגען. די רפואה, מיין קינד, וועט גיך קומען. זעה, דיין מאמע איז פערפינסטערט — פינסטער איז איהר געוואָרען ארום.

ד ו ד ' ל

די גאנצע שטאָדט איז דאָרט. מענשען א פולע שטוב. מען נעהמט פון מיר חנה'לען צו . . .

ח א ש ע

מיין נשמה פאר מיין קינד. ווער וויל עס בייז טהאָן? ווער וויל עס דער מאמען פינסטער מאכען ?

א ציוט שטיל.

ד ו ד ' ל

ער ציטערט אויף, פאַלט שיעור פון געלעגער אראָב.

מא — מע !

ח א ש ע

ווער טהוט מיין קינד ? . . . ווער שרעקט מיין קינד ?

ד ו ד ' ל

מיך לאָזט מען נישט פון בעט אראָב. מיך האָט מען פערשפּאַרט. איהר וועט מען באלד צו דער חופה פיהרען.

ח א ש ע

ווער צורייסט עס מיר מיין הארץ ? זי קוקט זיך איין אין דוד'ס געזיכט מיין קינד, וואָס זעהסטו ? דו קוקסט צושראָקען. זעה, דיין מאמע שטעהט נע'ם דיר. אלץ וועט זי טהאָן. און אויב ס'איז א גזר דין, וועל איך איהם צורייסען . . . מיין קינד ! מיין קינד ! קוק גלייך אויף מיר. קוק גלייך אויף דער מאמען . . .

ד ו ד ' ל

רעדט צושטרויט :

איך בין געשטאָרבען . . . חנה׳לע וויינט. רייסט זיך צו מיר. מע לאָזט נישט. דוד׳ל שטאַרבט . . . חנה׳לע, כ׳וועל נישט לאָזען . . . מאמע, וואָס וויינסטו ?

ח א ש ע

יאָמערליך :

מיין לעבען . . . מיין לעבען . . . וואָס וויל מען פון מיין קינד ?

ד ו ד ׳ ל

ווייסט אַלץ. דערצעהל, דערצעהל . . . כ׳ווייס אויך אַלץ. זעה, מען צוקאַמט איהרע האָר . . . מען טהוט איהר דעם חופה־שלייער אָן . . . כ׳בין נישט מוחל . . . ניין . . . קיין מאָל נישט . . .

שטיל

ח א ש ע

מערקט עפּעס אונהיימליכעס אין דוד׳ס פּנים. קוקט מיט שטאַרע אויגען אפשר געהט ווער. לויפט שנעל דורכ׳ן טיר לינקס. איילט גלייך צוריק. דאָס געזיכט ווייס, ווי קרייט. זי שטעלט זיך הינטער דוד׳לס צוקאָפּענס. ברעכט די הענד. דערנעהנטער זיך אויף די שפּיצען פינגער. בויגט זיך איבער׳ן בעט און קוקט דוד׳ן גלייך אין פּנים . . .

ד ו ד ׳ ל

גאַנץ הויך.

מא־מע וואו ביזטו ?

ח א ש ע

דיין מאמע היט דיך.

ד ו ד ׳ ל

מאמע, וואו ביזטו ?

ח א ש ע

איך היט דיין געלעגער.

ד ו ד ׳ ל

נ . . . . ניין . . . . כ׳בין ניש׳ מו—חל . . .

ח א ש ע

רייסט אויף זיך דאָס לייב. רייסט זיך די האָר. קוקט יעדע ווײַלע

צום טיר, אפשר געהט ווער. קנייפט זיך די באַקען פון שמערצען יאָמערליך.

מיין קינד ! מיין קינד !

זי רייסט איהם פאר די הענד, שרייט העכער.

מיין קינד ! מיין קינד !

איינס נאָכ'ן אַנדערען קומען אריין מענשען מיט ערנסטע, בלאסע געזיכטער און בלייבען שטעהן ארום בעט.

ח א ש ע

רייסט דוד'ן.

מיין קינד ! מיין קינד !

איינער פון די מענשען האלט זי פעסט פאר בײדע הענד. דער צווייטער ווינקט צו איהר, זי זאָל שוויגען.

I.

ביי הענאָך דעם מילנער.

אַ וויס, אויסגעקאַלכט היזעל. רעכטס צוויי פענסטער. לינקס אַ טיר און אַ צווייטען צימער אַריין. אָבענד, אין שבת'דיגען הענגלייכטער ברענען ליכט.

ה ע נ אָ ך

זיצט ביים טיש, פערזונקען אין געדאַנקען.

פ ע ס י ל

קוקט צו הענאָך'ן, ווי זי וואָלט ווארטען אויף א תשובה.

ח נ ה ' ל ע

זיצט ביים פענסטער אויף א שלאָף־באַנק, דאָס פנים בעהאַלטען אויפ'ן אָרעם.

ה ע נ אָ ך

הויבט זיך אויף פון זיין אָרט. זיבער.

אַזוי בלייבט עס. וויפיעל איז דער שיעור צו וואַרטען ? דאָס
איז ניט פאַר מיינע זינד.

פּ ע ס י ל

דיר איז עס גרינג פון מויל אַרויסצורעדען . . . פערגעסען, הע־
נאָך, די אַמאָליגע יסורים. ביי אונז איז אַמאָל אַ רחל'ע געווען
— אויך גרייט צו דער חופּה געוועז.

ה ע נ אָ ך

לאָז צו רוה אַ ווייל'ע ! איך בין אַ טאַטע בין איך, און דו —
אַ מאַמע, אויך ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. טאַטע מאַמע
מעגען נחת האָבען פון זייערע קינדער. — נאָט אַליין הייסט —

ח נ ה ' ל ע

געהט צו פּעסל'ען נעהמט זי אַרום.

איך שרעק זיך אַזוי, מאַמעשי . . .

פּ ע ס י ל

אַליין מיט איהר האָט ער דוקא געוואָלט בלייבען. — האָט ער
צו דיר וואָס גערעדט ?

ה ע נ אָ ך

און איך וואָלט עס נישט דערלאָזען.

פּ ע ס י ל

ווי דערלאָזט מען עס נישט ?

ח נ ה ' ל ע

אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער גלייך אָנגעהויבען וויינען.
אין דער שטיל, אָן ווערטער האָט ער געוויינט.

ה ע נ אָ ך

און זכות־אבות איז אויך קיין קליינינקייט נישט. מיין טאַטע,
זאָל זיין אין גן־עדן, האָט מיך קיינמאָל נישט פערלאָזען.

ח נ ה ' ל ע

אין זיינע אויגען איז אַזוי פיעל רחמים געווען. אָהן ווערטער האָט
ער געקוקט אויף מיר. מיר האָבעןביידע געוויינט.

ה ע נ א ך

האָסט קלאָרע דבורים געדאַרפט זאָגן. טאַטע, מאַמע וויינע, האָסטו געדאַרפט זאָגן; אונזער שטוב ווערט פאַרפינסטערט; טאַטע, מאַמע ווילען פון זייער קינד א שמחה דערלעבען.

פּ ע ס י ל

די מאַמע האָט שוין גענוג איהרע אויגען אויסגעקלאַגט — אזוי האָסטו געדאַרפט זאָגן. די מאַמע האָט איהר שעהנסטעס קינד אין דער ערד בעגראָבען און איינס איז איהר נאָך אויף דער ערד פערבליבען. זאָל איהר דאָס אייניינציגע שטערענדעל לייכטען.

ח נ ה ׳ ל ע

ווי זאָל איך איהם אזוינע ווערטער זאָגען? כ׳וועל עס איהם קיינ־מאָל, קיין מאָל נישט זאָגען. האָסט דאָך מיר אליין געהייסען. איך זאָל איהם ליעב האָבען. און איך האָב איהם, ווי דאָס לעבען, ליעב געהאַט. צו די תנאים איז ער דאָך אזוי שעהן געווען . . . האָסט דאָך, מאַמעשי, אליין געזאָגט.

קושט דער מוטער שטיל.

פּ י י ע

קומט אריין.

א גוטער אָבענד!

פּ ע ס י ל

ס׳קאַציל קומט. גאָר אליין?

ה ע נ א ך

ווער ס׳איז נישט געוואוינט אליין צו געהן ביי נאַכט . . .

פּ י י ע

אז מען דאַרף — געהט מען . . . וואָס מאַכסטו, חנה׳לע? חנה׳לע זיצט נאָך ביי דער מאַמע אויף די הענד. ליכטיג ביי אייך אין שטוב. אזא ליכטיג מזל זאָל זיין!

ה ע נ א ך

די שטוב געקאַלכט; אַלץ גרייט געווען.

פעסיל

אוי . . . אויף זיין נאָמען טאָר מען קיין קשיות נישט פרעגען.

הענאך

איך האָב קיין מאָל קיין קשיות נישט געפרעגט.

פייע

גלעט חנה'לען. קושט זי.

חנה'לע, מיין קינד, וואָס ביזטו אזוי בלייך ? האסטו זיך נישט אויסגעשלאָפען ?

חנה'לע פערשעמט זיך.

פעסיל

מיינס א קינד שלאָפט נישט שפּעט. מיט זון צו גלייך איז עס וואך.

פייע

נישט אמת, חנה'לע ? ווילסט מיינע א טאָכטער זיין ?

חנה'לע

פערבאָרגט איהר קאָפּ.

פייע

וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג. אז ס'האָט זיך געמאכט אנדערש, בין איך א צייט ברוגז געוועז. ווען זי איז נאָך א קינד געוועזן,האָב איך שוין אויף איהר אנ'אויג געוואָרפען . . . דאָס איז דער זיוג, האָב איך פון שטענדיג אַן געשריען. א מאַמע ווייס, וואו דער זיוג פון איהר קינד איז. זעהט מען דאָך, וואוהין איהר זייט פערקראָכען.

הענאך

האָב איך דען א ווילען ? אז גאָט וויל בעשטראָפען, געפינט ער דעם אָרט. מען טאָר ניט רעדען. איך בין א פּראָסטער מענש; א מילנער. נאָר דאָס ווייס איך: איך זעה, אז דער וואָס אין הימעל שיקט זיין ווינד וואָס א מאָל פון אנ'אנדער זייט. . . . איך ? א ווילען ? . . .

פ ע ס י ל

א מאמע׳ס הארץ איז אין הוילע וואונדען. וואס האב איך געקאנט טהאן?

פ י י ע

איצטער איז דאך אלץ קלאר; אלץ אויף דער האנד.

פ ע ס י ל

ס׳איז נאך גאר נישט בעוואוסט. אמאל קאן איך שטעלען א נפש אין קאן.

ח נ ה ׳ ל ע

ער קאן נאך, חלילה, שטארבען. איך וויל נישט ער זאל צוליעב מיר שטארבען.

אלע קוקען פערוואונדערט צו ח נ ה ׳ ל ע ן.

פ י י ע

נאריש קינד, א מענש שטארבט פאר זיינע אייגענע חטאים — אזוי איז עס געשריבען. ס׳איז אמת. א בת־יחידה — גאט אליין איז פאר דעם מוחל.

פ ע ס י ל

איך שווייג גאר. א צופלאגטע מאמע בין איך. חלילה איין האר אויף מיין קינד זאל פאלען — וואס איז מיין לעבען?

פ י י ע

טא הערט זשע אויס: איך געה איצטער פון רב, געה איך. איך האב דערצעהלט ווי דער אמת, האב איך. הענאך דעם מילנער׳ס טאכטער איז פער׳קנס׳ט געווארען פאר גבריאלס זוהן. און ס׳איז שוין באלד א יאהר, אז ער קרענקט — אויף וויסטע פעלדער זאל אויסגעהן, וואס פון איהם איז געווארען. חנה׳לע זאג איך, איז א יונג קינד. טאטע־מאמע ווילען פון איהר נחת האבען. א א יאהר צייט — וויפיעל איז דער שיעור? רבי, זאג איך, איהר דארפט און איהר מוזט דעם קנופ לויז מאכען...

ה ע נ א ך

וואס האט ער, זאל לעבען, געזאגט?

פ י י ע

זי אליין, זאָגט ער, זאָל געהן צו איהם, מיט איהר איינען מויל בעטען, ער זאָל זי פריי לאָזען.

ח נ ה ' ל ע

איך וויל גאָר נישט, איך האָב מורא.

פ ע ס י ל

וועסט עס טהאָן, מיין קינד?

ח נ ה ' ל ע ענטפערט נישט.

ה ע נ א ך

די מאמע פרעגט דאָך עפּעס ביי דיר!

פ י י ע

די גאנצע שטאָדט פערגיסט טרערען. אלע בעטען ביי גאָט ער זאָל מוחל זיין.

ה ע נ א ך

איך בין א פּראָסטער איד, אויב דער רבי אליין האָט מיט זיין מויל געהייסען — פאָלג איך.

פ י י ע

אליין פון זיין כשר מויל געהערט.

פ ע ס י ל

געהט צו חנה'לען נעהמט זי ארום.

מיין הארץ ווערט מיר צופלאַנט פאר וועהטאָג און שרעק. הער זיך גוט איין. איך וועל דיר לערנען. ווי דו זאָלסט רעדען.

פ י י ע

דאָס גלייכסטע, דאָס גלייכסטע!

ח נ ה ' ל ע

אוי מאמעשו, כ'וועל נישט קאָנען, כ'וועל נישט קאָנען!

פ ע ס י ל

זאָלסט וויינען פאר איהם. זאָלסט איהם זאָגען, וועסט פאר איהם גאָט בעטען.

חנה׳לע

אוי, מאמעשי כ׳וועל עס נישט קאָנען. ער האָט דאָך מיך אזוי ליעב געהאט . . . ווייסט נישט מאמעשו ווי ער האָט איבער מיר גע־וויינט, יום־טוב, אז איך בין געווען ביי איהם.

פייע

אזוינע ווערטער טאָר א אידיש קינד פאר׳ן מויל נישט ארויפ־ברענגען.

חנה׳לע

ווישט די טרערען.

הענאך

שעהם זיך, טהוסט דעם טאַטען חרפות אָן.

פייע

חנה׳לע, אנדערש רופט מען זי נישט אין גאנצען שטאָדט. די גאנצע שטאָדט וועט פאר דיר גאָט בעטען, זאָלסט חלילה, נישט בע־שטראָפט ווערען.

הענאך

קושט חנה׳לען, רעדט צערטליך.

פאָלג דיין טאַטען. אז א טאַטע זאָגט, מסתמא ווייסט ער. איך אליין געה מיט דיר, ער וועט דיר מוזען מוחל זיין. איך וועל פאר דיר רעדען. זאָלסט נאָר זאָגען : טאַטע, מאמע פאָלג איך.

חנה׳לע

וויינענדיג

טהוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט.

פייע

מיין טאַטע, דער צדיק, וואָלט לעבען, כ׳וואָלט גאָר צום רב נית גע־גאַנגען.

הענאך

ניין. צו א רב געהן בעדארף מען. א רב טראָגט אַ גאנצע שטאָדט אויף זיינע פלייצעס. חנה׳לע, נאָך היינט וויל איך, זאָלסטו מיט מיר געהן.

פ י י ע

היינט, היינט וועט מען נאָך טעלער ברעכן ! איך בין גרייט. מיין זוהן איז מסכים . . .

פ ע ס י ל

זי טראָגט ארויס פון צווייטן צימער נייע קליידער. לעגט אויפ׳ן טיש.

אלץ פארטיג, אלץ גרייט, ווען דער מאמען. געמיינט, אין זייד, אין סאמעט מיין קינד איינהילען, צו דער חופה עס פיהרען. וועה צו דער מאמעס יאהרען. אט אזוי האָט זיך געוואָלט מיין הארץ פרעהען, אז כ׳האָב רחל׳ן פער׳קנס׳ט.

ח נ ה ׳ ל ע

ווארפט זיך דער מוטער אויפ׳ן האַלז.

אוי מאמעשי, וואָלסט וויסען, ווי עס שרעקט מיך ! . . . וואָלסט וויסען, ווי עס קלאַפּט מיר דאָס הארץ. ווי זאָל איך אזוינע ווערטער זאָגען ? . . . ער האָט די אלע קליידער געזעהן. איך האָב איהם דערצעהלט, אין וואָס פאר א קלייד מען וועט מיך צו דער חופה פיהרען.

פ י י ע

חופה־קליידער ליגען אויפ׳ן טיש און איהר פילט אייער שטוב מיט טרויער אַז — אויף וויסטע פעלדער זאָל עס אויסגעהן !

ה ע נ א ך

ס׳איז מיין קינד, מיין בלוט, איך האָב רשות.
איך בין אויך א מאמע פון א קינד.

ח נ ה ׳ ל ע

קום איך צו איהם . . . אז איך קען ניט רעדען. מאמעשי אפשר וועט ער צוריק געזונד ווערען און איך וועל איהם ווידער ליעב האָבען פונקט ווי דו, מאמעשי האָסט איהם ליעב געהאַט.

פ ע ס י ל

איך האָב איהם ליעב געהאַט, מיין קינד. ער איז ביי מיר אנ׳־אויג אין קאָפּ געווען. דו ביזט אָבער מיין גאנץ לעבען. חלילה,

עפּעם אויף דיר — איז שוין דיין מאַמע אויף דער וועלט נישטאָ. קום מיט מיר, מיין קינד,ביידע וועלען מיר גערן. מיט טרערען וועלען מיר איהם בעטען ער זאָל אונז מוחל זיין... זאָל ער אונז אַנקוקען און זעהן ווי גרויס איז מיין פּיין. זאָל ער רעם תקיעת־כף מוחל זיין... וועסט געהן? יאָ?

ה ע נ א ך

דער טאַטע איז מסכים, זי וועט געהן.

פּ י י ע

אַלע מסכים . . . צינדט נאָך ליכט אָן, ליכטיג זאָל זיין. אַלע מסכים! איהר געהט און איך וועל דאָ בלייבען וואַרטען ביז איהר וועט צוריק קומען מיט אַ פרעהליך הארץ.

ח נ ה ' ל ע

פערבאָרגט איהר קאָפּ אויף דער מוטער'ס אַקסעל. וויינט.

אוי, מאַמעשי, מאַמעשי, ווי עס שרעקט מיך מיין הארץ . . .

II.

ב י י ה ע נ א ך ' ן

אין שטוב איז האַלב־פינסטער. אויפ'ן קוימען דערברענען שטיקלעך קין. אַ צייט איז אין שטוב קיינער נישטאָ. ס'הערט זיך נאָר דאָס קנאַקען פון די גלימענדע העלצלעך. אונטער'ן פענסטער רייסט דער ווינד און וויינט זיך פונאנדער פון צייט צו צייט. אויפ'ן טיש ליגען די חופּה־קליידער.

ה ע נ א ך

קומט אריין פון דער גאַס. אונרוהיג. ער לעגט צו שטיקלעך קין צום פייער. ס'ווערט ליכטיגער. דער ווינד שטאַרקט זיך. ער געהט צום פענסטער און קוקט אין דער פינסטערער נאַכט אריין. רעדט צו זיך אליין:

כ'האָב עס נישט געדאַרפט. כ'האָב עס נישט געטאָרט. ס'וועט נאָך מיר דעם מיל אונטער'ן באַרג פאַרטראָגן!

דער ווינד פאַרגעהט זיך הינטער'ן פענסטער, ער איילט אויף דער גאַס אַרויס.

פעסיל און חנה'לע קומען אַריין. חנה'לעס אויסזעהן איז פאַרענדערט פאַר שרעק.

פעסיל

ס'א קללה! פאַר וועמעס מעשים? פאַר וועמעס חטאים?

חנה'לע

בעהאַלט מיינע קליידער. כ'האָב מורא צו קוקען אויף זיי.

פעסיל

טראָגט די קליידער אין צווייטען צימער אַריין.

מיין בלוט, מיין האַרץ. גאָט אין הימעל וואָס איז געשעהן? וואָס איז געשעהן? . . .

קערט זיך צוריק.

חנה'לע

מיר איז קאַלט, מאַמע.

פעסיל

קושט חנה'לען. דעקט זי איין מיט א טוך.

מיין וועהטאָג און מיין פיין זאָלען זיך אין איין גרויסער תפילה פאַר דעם וואָס אין הימעל אויסגיסען.

חנה'לע

זיצט ביים טיש אָהן ווערטער. איהר בליק בלאָנדזשעט אום צו־שראָקען.

פעסיל

קוקט אין פענסטער.

ס'האָט זיך דער שטורם אויך אויף מיין קאָפּ אַראָבגעלאָזען. אזא בייזע נאַכט. אליין אין מיל. ווי וועט ער עס זיך קאָנען אליין אנ־עצה געבען? ס'טראָגט דעם מיל גאָר אָהן רחמנות. לאָמיר געהן צום טאַטען געוואָהר ווערען.

חנה׳לע

ענטפערט ניט.

פעסיל

מיין קינד, גאָט וועט אונז מוחל זיין.

חנה׳לע

הער, ווי דער ווינד פייפט. הערסט, ווי ער וויינט ? דאָס וויינט ער .

פעסיל

מיין קינד, מיר וועלען נאָך מארגען אלע געהן. אינאיינעם וויינען דאָרט.

חנה׳לע

דער ווינד רעדט ווערטער. אויפ׳ן וועג האָב איך געהערט מיט׳ן ווינד — „חנה׳לע" . . . אָט הער זיך איין.

פעסיל

נאָר דיין מאמען וועט גאָט בעשטראָפען, נאָר דיין מאמען . . .

הענאָך

לויפט אריין.

איהר זענט דאָ ? גיכער העלפט מיר, אונגליקליך זענען מיר ! ער וועט דעם מיל צוטראגען אויף שפענער.

פעסיל

ברעכט אויס מיט געוויין.

נאָך אלעמען, הענאָך נאָך אלעמען.

הענאָך

מיר ווערען די האָר, ווי שפילקעס אויפ׳ן קאָפּ . . . קומט מיט מיר אויף דער גאס !

לויפט ארויס.

פעסיל

צום טאטען קום, מיין קינד. ווינדען, שטורעמס — אלץ אויף מיר... אלץ אויף מיר . . .

חנה׳לע

כ׳וועל אויף דער גאס נישט געהן. מאמע, לאז מיר נישט אליין!

פעסיל

ער וויים נאך גאר נישט. ער וויים נאר נישט. ווי זאגט מען עס איהם אן אזא קלאג ?

חנה׳לע

אויב איך וועל אליין נישט געהן . . . ער וועט מיך פון שטוב ארויסשלעפען, מיט געוואלד פאר די האר וועט ער מיך שלעפען . .. „מיט מיר קום", ט׳ער שרייען . . .

פעסיל

קוקט אין פענסטער.

פאמעלעך . . . פאמעלעך . . . וואס אין הימעל דערבארימט זיך ער האלט איין. געלויבט ביזטו, גאט ! ער וועט דארט אהן כחות בלייבען. ער וועט די נשמה לאזען. געלויבט ביזטו, גאט . . .

זי קוקט אנגעשטרענגט אין פענסטער.

חנה׳לע

זאג מיר, מאמע, פאוואס האבען זיי מיך ארויסגעטריבען פון שטוב? כ׳האב געוואלט איהם זעהן, בעטען . . זאג, ווייסט אלץ . .

פעסיל

ער האט איהם איינגעהאלטען! ער פערבינדט מיט קייטען די פליגעל . . . געלויבט ביזטו, גאט. . . געלויבט ביזטו, גאט !

חנה׳לע

איך האב געוואלט שרייען : „דוד׳ל, כ׳בין דיינע" און זיי האבען מיך פון שטוב ארויסגעטריבען. זאג, וואס זענען ליכט אנגעצונדענע געשטאנען אויף דער ערד ?. . . מאמע, דערצעהל מיר.

פעסעל

טרעט אב פון פענסטער. ס׳איז צו מערקען, אז זי האט גארנים געהערט, וואס חנה׳לע האט גערעדט.

וואס ציטערסטו אזוי פון קעלט ? גאט האט רחמנות געהאט. אלץ אויף מיר ווארף ארויף. אויף דער מאמען . . .

ה ע נ אָ ך

קומט אַריין בלאַס, צושראָקן. אָטעמט שווער, ווי נאָך אַ גרויסע מלחמה.

דערצעהלט, וואָס איז געשעהן ? וואו האַלט ?

פּ ע ס י ל

זעץ זיך, האָסט די כחות פערלאָרען. .

ה ע נ אָ ך

דאָס איז נישט קיין ווינד געווען. ניין, ס'איז נישט קיין ווינד גע־יוען. ס'האָט די פינגער אין ראָד געבראָכען. ס'האָט די ווענד געריסען. ניין, נישט געריסען — נאָר ווי אַ וואָלף געוויינט . . . האָט גערעדט. כ'האָב די לעכער אין אַלע ווענד פערשטעקט און ס'האָט צוריק דורכגעריסען פון אַלע זייטען . . . צום ערשטען מאָל טרעפט עס. כ'האָב געפּרובט די פליגעל אָן אַ זייט אַבדרע־הען — ס'האָט נישט געהאָלפען. ער איז וואָס אַמאָל פון אַנ'אַנדער ווינקעל פערלאָפען . . .

פּ ע ס י ל

קוקט העגאָך'ן אין פּנים אַריין. ווישט איהם דעם שווייס פון שטערען.

אַ קאַלטער שווייס אויפ'ן שטערען ארויסגעטראָטען . . .

ה ע נ אָ ך

וואו זענט איהר געווען ? און וואָס איז געשעהן ?

פּ ע ס י ל

ווען איז פּייע אַוועק ?

ה ע נ אָ ך

ס'האָט גענומען רייסען דער ווינד, איז זי אַוועק אין שטאָדט אַריין. ס'האָט זי פון אָרט אַ ריס געטהאָן, איז זי אַוועק . . . שטעהט פארטראכט. זיי קוקן איהם אָן. דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס, האָט איהר זי גוט אָנגעקוקט ? איז עס אויך געווים פּייע געווען ?...

דאָס איז פּייע געוועזן? ... הא, וואָס שווייגט איהר?

אַ טויטע שטילקייט.

ה ע נ א ך

חנה'לע, וואָס זיצטו אזוי? ... העכער רעד. זאָג מיר! ס'שפּרינגט מיר דאָס הארץ ארויס פאר שרעק. זאָגט מיר ...

פּ ע ס י ל

פרעג נישט פרעג נישט. לאָמיר צו גאָט תפלה טהאָן. זוך דעם טאַטענ'ס תהלים — זאָג, זאָג, הענאך, מיר זענען נישט אליין.

ה ע נ א ך

קוקט אין פענסטער.

פינסטער, מורא'דיג פינסטער! פּלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. דערצעהלט, וואָס איז געשעהן?! זעה, איך דערקען זי דאָך נישט!

פּ ע ס י ל

ס'איז שלעכט, הענאך. שלעכט. אַ מורא'דיגען זינד בעגאנגען.... אַ מורא'דיגען זינד.

ח נ ה ' ל ע

ער האָט אונז נישט מוחל געווען. געשטאָרבען און נישט מוחל געווען ....

ה ע נ א ך

און ער וועט מאָנען זיינס! ער מאָנט זיינס. שלעכט; אין מיל, אנטקעגען מיינע פענסטער, האָט ער זיך פערקליבען ... ער האָט מיר דעם מיל געוואָלט פערטראָגען ... פון מיל האָט ער אנגעהויבען ... צום רב! לאָמיר אלע אין שטאָדט ארייַנגעהן — אלע!

כאַפּט נערוועז אָנטהאָן זיין קאַפּטען.

פּ ע ס י ל געהט צו נאָהנט צו הענאָכ'ן, קוקט איהם צושראָקען אָן.

ח נ ה ' ל ע

טאַטע! דיין קאָפּ ... דיין באָרד ... ווייס געוואָרען ...

III.

פארנאכט. אויף דער גאס. רעכטס זעהט זיך הענאך'ס שטוב מיט א שטרויענעם דאך. פאר'ן שטוב — א פריזבע צום זיצען. א ברונעם. אין דעם הינטערגרונד א ווינד־מיל אויף א בערגיל. ניט וויט פון מיל א זעמדיגער וועג. הענאך זיצט אויפ'ן פריזבע, אויף די קניע ביי איהם זיצט חנה'לע.

הענאך

מען וואלט עס קאנען מיט א פוהר פערפאהרען אין וואלד אריין, צוזאמענגעהמען די אבגעבראכענע צווייגען. דער ווינד האט גע־נוג אנגעדרעהט. און ס'בעווייזט אלץ אויף שטורם.

חנה'לע

אזוי לאנג די מאמע נישטא, ס'ווערט שוין באלד נאכט.

הענאך

בערג טראגט איבער דיין מאמע יעדען טאג פון ים צו ים.

חנה'לע

אלע נאכט פאר'ן שלאפען געהן, זאלסטו די פליגעל גוט מיט קייטען איינבינדען.

הענאך

יא, ווען ס'וואלט העלפען!

שטיל.

חנה'לע

ווי האסטו עס געקאנט אליין איינזיין אין מיל?

הענאך

דיין טאטע וויל נישט מיט דער טארבע אוועקגעהן. קוקט צום הימעל אויפ'ן הימעל א רעגענבויגען . . . אויף דער ערד א שטורם.

ח נ ה ׳ ל ע

פאַרוואָס איז צו דער לויה פּייע נישט געקומען ? פאַרוואָס איז זי נישט געגאַנגען ?

ה ע נ א ך שווייגט. ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. ח נ ה ׳ ל ע קוקט איהם אָן. מיט׳ן וועג בעווייזט זיך אַנ׳אַרימאַן. טראָגט אַ גרויסען פּאַק אויף די פּלייצעס. ביים זייט אַ טאָרבע, אין האַנד אַ לאַנגער שטעקען. ער פערנעהמט זיך צום שטוב. ה ע נ א ך און ח נ ה ׳ ל ע מערקען איהם ניט.

אַ ר י מ אַ ן

געהט צו גאָר נאָהנט.

אַ גוטער אָבענד !

ה ע נ אָ ך א ו ן ח נ ה ׳ ל ע וואַכען אויף האַלב דערשראָקען. ח נ ה ׳ ל ע זעצט זיך בעזונדער.

ה ע נ א ך

ער קומט צו זיך.

שלום עליכם ! פון וואַנען קומט אַ יוד ?

אַ ר י מ אַ ן

עליכם שלום ! די נאַכט האָט מיך פערכאַפּט. ס׳וויל זיך אויסרוהען.

ער נעמט אַראָב דעם פּעקעל פון פּלייצע.

ה ע נ אַ ך

פון ווייט ?

אַ ר י מ אַ ן

גאָר ווינציג היינט דורכגעמאַכט, אַ וויאָרסט אַכט פון דאַנען אינגאַנצען גענעכטיגט.

ה ע נ אַ ך

אינגאַנצען אַ וויאָרסט אַכט פון דאַנען ?

אַ ר י מ אַ ן

זעצט זיך.

עה, די פיס פּאָלגען נישט. כ׳פּלעג אין די גוטע יאָהרען אַ שפּרייז

טהאָן — מיט פערד נישט געווען צו דעריאגען.

הענאָך

זיפצט אָב.

אָט דאָס איז די מעשה . . . און אלט ווערט מען אמאָל אין איין נאכט.

אָרימאַן

קוקט אָן חנה'לען.

א טאָכטער, מסתמא ?

הענאָך

א בת יחידה .

אָרימאַן

מהום . . . .

שטיל.

הענאָך

איז אין יענע געגענדען, כ'מיין פון וואנען איהר נעהט . . . האָט זיך דאָרט גאָרנישט געהערט ?

אָרימאַן

שרפות מיינט איהר, וואָס ?

הענאָך

אזוי מיין איך. ס'הערט זיך גאָרנישט . . . א ווינד האָט געמוזט זיין א גרויסער ?

אָרימאַן

הא, הא ! דאָס מיינט איהר ? יאָ, א שטאַרקער ווינד געווען. ס'האָט דעכער געריסען, די שטרוי פון די שייערען, עט וואו פער־טראָגען.

הענאָך

בעווייזט צום מיל.

אָט שטעהט דער בעל־מפרנס מיינער. ס'האָט א בארג אש געקענט ווערען פון איהם. גאָט'ס חסד איז ביינעשטאַנען.

ח נ ה ׳ ל ע

דער טאטע האט איהם אליין פערהאלטען.

א ר י מ א ן

קריגט מען ביי אייך אביסעל וואסער, די הענד צו וואשען?
כ׳האב נאך קיין מנחה נישט געדאווענט.

ה ע נ א ך

נעה, ברענג ארויס, מיין קינד, א קענדעל וואסער.

ח נ ה ׳ ל ע לויפט אין שטוב אריין.

א ר י מ א ן

א שידוך וואלט נישט שאדען צו טהאן, נחת האבען.

ה ע נ א ך

קוקט אן דעם ארימאן פערדעכטיג.

א ר י מ א ן

אין וועג איז אין אלע פיער זייטען מזרח. צום עלענדען אין וועג
לונט נאט ארויס פון אלע זייטען.

ה ע נ א ך

אך, ווי ס׳איז אמת! ווי ס׳איז אמת! מען זינדיגט אמאל
מיט׳ן מויל, מיט שלעכטע מעשים . . . איך בין אפראסטער
מענש; נאר א פראסטער — נאר פאר איין מאל האט מען מיר די
אויגען געעפענט.. בעוויזט זיינע גרויע האר אין בארד. איהר זעהט?
אט דאס איז פאר איין נאכט . . .

ח נ ה ׳ ל ע

טראגט ארויס וואסער.

איך קאן אנשעפען פרישע וואסער, אויב איהר ווילט.

א ר י מ א ן

ס׳גוט, ס׳גוט אזוי, שעהנע טאכטער.

ה ע נ א ך

איהר פערשטעהט, רב יוד, אז א שטורם רייסט זיך ארויס, איז
גארנישט צו מאכען: קערט ער איבער מערב צו מזרח, מזרח
צו מערב.

אריטאן

אך, מנחה, מנחה . . .

ער וואשט די הענד.

חנה׳לע

וועסט בעטען דעם אידען, ער זאָל ביי אונז נעכטיגען.

הענאך

איהר וועט קאָנען איבערנעכטיגען ביי אונז, אויב איהר וועט וועלען.

אריטאן

יא, ס׳איז וואויל, ס׳איז וואויל.

פעסיל

קומט אָן מיט׳ן וועג טראָגט א זעקיל אויפ׳ן פלייצע. זי מערקט דעם פרעמדען, איהר געזיכט דריקט אויס וואונדער און פרייד צוזאמען. ווארפט אראָב דעם זעקיל.

נאָט האָסט אָנגענומען מיינע תפלות !

חנה׳לע

קושט דער מוטער.

ביזט אזוי פרעהליך, מאמעשי, אזוי פרעהליך ! . . .

הענאך

קוקט זי אָן פערוואונדערט.

פעסיל

כ׳האב געבען מיינע פענסטער דעם צייכען געפונען. גאָט זאָגט : ס׳איז צייט ! . . . ווער האָט איך, ליעבער יוד, געשיקט צו מיר ?

אריטאן

די נאכט האָט מיך בעפעהלען. אמאָל, אין די יונגערע יאהרען, אז ס׳פלעגט זיך נישט מאכען אנטקעגען נאכט א שטוב מיט א מזוזה, פלעג איך אין פעלד הינטער׳ן דאָרף אויסרוהען, אדער אין וואלד ערגעץ אונטער א בוים. היינט מוז איך מיין עלטער אנפרעגען.

פעסיל

נאט האט איך צו מיר געשיקט ! מיין שטוב איז פאר איך אפען. מיין ברויט, מיין זאלץ איז פאר איך געגרייט. העניך ! נאך היינט וועל איך שיקען אין די נאהנטע דערפער, אויפכאפען אלע אורחים, זאלען זיי קומען צו מיר. גלייך מיט דער זון וועל איך אויפשטעהן און פאר זייער געזונד בעטען.

ארימאן

יא, הכנסת אורחים, הכנסת אורחים מאכט עלענדע פאר אומעלענד...

העניך

ווער האט עס דיר אזוינע הייליגע ווערטער אונטער דער צונג געלענט ?

ארימאן

איך בין שוין נישט מיעד; שוין נישט מיעד.

העניך

ס'הארץ וואקסט אין מיר פאר שמחה, כ'וויל וויסען דעם וואונדער. דיין פנים איז אויפ'סניי געבוירען געווארען.

פעסיל

דען אזוי האט דער רבי געהייסען : יעדען אורח אויף נאכט־לעגער פערהאלטען. מיט מיין ברויט און זאלץ איהם זאט מאכען. פאר יעדען אורח מיין ביטער הארץ אויסגיסען, דערצעהלען דאס אונגליק און זאל יעדער אורח בעזונדער פאר אייער שטוב און הויזגעזינד גאט בעטען ! חנה'לע מיין ליכט, מיין לעבען ! פאר דיר זאל די גאנצע וועלט גאט בעטען . . .

חנה'לע

קלעבט זיך צו דער טוטער. קוקט איהר פערוואונדערט אין די אויגען.

העניך

מיין קינד, נאר מיט שכל. ס'הארץ קאן ארויסשפרינגען פון איהר שייד. טרויער איבער דער מאס קאן יעדע בעשעפעניש איבער־

טראַגען. נאָר איבער דער מאָס שמחה, מיין קינד איז נישט אַזוי גרינג צו בענעהמען.

ארימאן

דערצעהלט, וואָס ס'איז געשעהן?

פעסיל

יעדען טאָג וועט די מאַמע איהרע ליידען אויסדערצעהלען און באַרימהערציגע מענשען וועלען פאַר איהר אין הימעל בעטען. פער־שטיינערט איז מיין האַרץ געווען, מיט שטומע אויגען האָב איך געקוקט אַרום מיין שטוב. כ'האָב געוואַכט ביי טאָג, כ'האָב געוואַכט ביי נאַכט אַרום מיין קינד. כ'האָב צו מזרח, מערב, צפון, דרום מיינע אויגען געווענדעט, פון וואַנען זאָל מיין הילף קומען? . . היינט האָב איך דעם ערשטען צייכען געהאַט — דער מאַמעס טרערען איז פאַר'ן כסא הכבוד פערנאָסען געוואָרען.

ארימאן

וואָס איז דער מער?

הענאך

אין גאָטעס ווילען וואָס איז געשעהן?

פעסיל

אויף מיין שטוב איז אַ קללה געלעגען, פאַר מיינע זינד. פאַר מיינע חטאים . . . ביז אייער קומען האָט זי נאָך אונטער מיין פענסטער געלויערט. אַ פערשאָלטענע אשה בין איך געווען. צעהן יאָהר האָב איך מיט מיין בעשערטען געלעבט, און דער וואָס אין הימעל האָט מיר מיט קיין איינציג קינד נישט געוואָלט אויפריכ־טען. אויף'ן עלפטען יאָהר זענען מיינע תפלות אָנגענומען געוואָרען און כ'האָב אַ טאָכטער געבאָרען. ס'האָט זיך זיין חסד ווידער דערבאַרימט און האָט מיר נאָך אַ טאָכטער געגעבען. מיין בעכער איז מיר מיט איין מאָל פול געוואָרען. דאָס גליק האָט זיך מיר איבער די ראַנדען געגאָסען. פרייטאָג האָב איך ביים ארון קדש ליכט געצונדען און ביי נאַכט האָב געקוקט מיט פאַרכט, אין דער שטיל, ווי עס לייכט דער מזל מיינער. איך האָב גאָט'ס שול בע־

לויכטען און ער האָט מיין שטוב געבענשט. . .

ה ע נ א ך

ס'איז אמת . . . ווי זיין נאָמען.

פ ע ס י ל

ווי זאנגען אין פעלד זענען זיי ביי מיר געוואקסען. איך האָב מיר געפּאַרכטען זייער נאָמען אַנצורופען. זאָל איבעריג זייער נאָמען, חלילה, ביי דעם וואָס אין הימעל נישט ווערען. רחל'ע די עלטסטע האָט ווי די ליכטיגע זון געשיינט. פון איהר איז אונזער שטוב שטענדיג פול געווען מיט געזאנג. ווען זי איז נאָך א קינד געווען איז זי שוין אין שול אריינגעלאָפען איהר ליכטעלע אָנצינדען. נאָר מעהר האָט זיין נאָמען נישט געוואָלט . . . כ'האָב זי מיט א חתן, א גאָט'ס־פּאַרכטיגען פער'קנס'ט. און ווען די צייט איז געקומען איהר די חופּה־קלײדער צו נייען — איז שוין פערקעהרט געווען מיין פרייד צו לייד. איז מיר דאָס מיין גאנצע לעבען פערבליבען. מיין טרייסט, מיין נשמה. כ'האָב זי מיט א חתן פער'קנס'ט, איז ער אין א פינסטער־ער קרענק אריינגעפאַלען. א יאהר צייט האָט עס געדויערט. זיין גוף איז אין גאנצען געוואָרען ווי א צווים־שטעקיל אויסגעטריקענט. . . מיר האָבען געוויינט ער זאָל אונז דעם תקיעת־כף מוחל זיין — ער האָט נישט געענטפערט.

אַ ר י מ א ן

און וואָס ווייטער ?

ה ע נ א ך

דעם תקיעת־כף געבראָכען.

אַ ר י מ א ן

און איצטער ?

פ ע ס י ל

איצטער . . . איצטער . . . שוין נאָך דער לויה. ער קומט אלץ מאָנען זיינס.

אַ ר י מ א ן

ס'איז נאָר נישט קיין הימליכע זאך. א ים רחמים בעדאַרף מען.

פ ע ס י ל

ניין. דאס געבעט פון א פולע ווערט אנגענומען. אזוי האט ער מיט זיין כשר מויל געזאגט. איך זאל אורחים זוכען. מיין שטוב זאל א נעסט פאר אורחים ווערען. איך וועל זיי די פיס וואשען און ס'וואסער טרינקען . . . זי נעהמט דעם ארימאנ'ס פעקלעך. צו מיר אין מיין שטוב אריין ! . . .

ח נ ה ' ל ע העלפט מיט.

ארימאן

פערטראכט.

א סך רחמים, א סך רחמים . . .

געהט אין שטוב.

ה ע נ א ך

טרייסעלט זיך פון די פיס.

איך בין גרייט . . .

IV.

ביי טאג. ביי הענאך'ן אין שטוב.

א ר י מ א ן

שטעהט אין מיטען שטוב, טארבע און פאק אויף זיך, גרייט צום אוועקגעהן.

אלע ברכות זאלען אויף אייער קאפ רוהען.

ח נ ה ' ל ע

אז איהר וועט טרעפען נאך ארימעלייט, שיקט זיי צו אונז.

פ ע ס י ל

שטופט איהם עפעס אין טארבע אריין.

אט דאס וועט איהר האבען אויפ'ן וועג ביז איהר וועט אין א דארף אריינקומען.

אַ ר י מ אַ ן

אַ גוט יאָהר אויף אייך, אַ גוט מזל אויף אייך!

פּ ע ס י ל

שטעהט, שטעהט, איך האָב נאָך עפּעס פאַר אייך.

איילט אין צווייטען צימער אריין.

אַ ר י מ אַ ן

אברהם אָבינו'ס שטוב, פון אַלע פיער זייטען אָפען די טירען פאַר אורחים.

פּ ע ס י ל

ברענגט עפּעס איינגעוויקעלט, לעגט איהם אין טאָרבע אַריין.

אַט דאָס וועט איהר ברענגען פאַר אייערע קינדערעלעך.

אַ ר י מ אַ ן

אברהם אבינו'ס שטוב . . ווי קאָן עס גאָר דער וואָס געוועלטיגט איבער אַלץ זיין האַנד אויף אַזאַ שטוב הויבען?

פּ ע ס י ל

פון אַלע עקען שיקט אורחים צו אונז. מיין שטוב איז פריי פאַר אַלעמען. איך, מיין מאַן מיט מיין קינד וועלען אַלעמען בעדינען.

אַ ר י מ אַ ן

הייליג, הייליג! אַזוינע מעשים וועלען נישט פערפאַלען, ניין, ניין, קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט . . . זייט געזונד, זייט געזונד.

געהט ארויס.

פּ ע ס י ל און ח נ ה ' ל ע קוקען איהם נאָך אין פענסטער.

פּ ע ס י ל

איצטער, מיין קינד וועלען מיר זיך נעהמען פאַר אונזערס.

ח נ ה ' ל ע

איך וועל איהם אַזוי לאַנג נאָכקוקען ביז כ'וועל איהם שוין מעהר נישט זעהן.

פּ ע ס י ל

קוקט אויף חנה'לען פערזאָרגט.

ח נ ה ׳ ל ע

אָבגעהענדיג פון פענסטער.

ער איז שוין נישטאָ מיר זענען ווידער אליין. וואָס קוקסטו מיר אזוי אָן, מאמעשי, פער׳דאָג׳ט ?

פּ ע ס י ל

לאָמיר זיך נעהמען פאר אונזערס. מיר וועלען נאָך הערען מיט וואָס דער טאטע וועט קומען פון שטאָדט . . . נו, מיין קינד.

ח נ ה ׳ ל ע

איך וועל עס גאָר ניט קאָנען, מאמעשי.

פּ ע ס י ל

דער וואקס איז ווייך און ריין.

ח נ ה ׳ ל ע

טאָמיר וועלען היינט קיין אָרימעלייט אויף נאכט צו אונז נישט קומען ?

פּ ע ס י ל

לעגט אויפ׳ן טיש וואקס און קנייטען באוועל.

איך וועל דיך צו זיך נעהמען. וועסטו זיך צו מיין האלז צוסניפען. איך וועל די גאנצע נאכט וואכען איבער דיר.

צושניידט די קנייטען.

ח נ ה ׳ ל ע

מיר וועלען אַלע וואָך זיין.

פּ ע ס י ל

די ליכט וועלגערנדיג.

ניין מאָל האָב איך געמאָסטען רחל׳עס קבר און איין מאָל דעם גאנצען בית־עולם געמאָסטען... נא דיר, מיין קינד, א קנייטעלע און זאָג: די נשמה פון מיין שוועסטער רחל׳ע זאָל פאר מיר ביי־שטעהן, אויף מיר און אויף מיין חתן זאָל קיין פּלאָג נישט פאלען.

ח נ ה ׳ ל ע

אוי, מאמעשו, רעד עס ניט. מיר ווערט אזוי אומעטיג.

פ ע ס י ל

אַט, די ליכט איז שוין באַלד פאַרטיג. וועלגער זי און זאָג: די נשמה פון מיין שוועסטער רחל׳ע זאָל פאַר מיר און מיין חתן גאָט בעטן.

ח נ ה׳ ל ע

אוי מאַמעשי, רעד עס ניט... מיר קלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ... איך וויל די ליכטעלעך וועלגערן פון ריינעם וואַקס און כ׳וועל, מאַמעשי, אַזוי זאָגן: שוועסטערל מיינע, שוועסטערל ליעבע, די וועלט איז אַזוי שעהן, דאָס לעבען — אַזוי גוט — איך וויל דאָס לעבען האָבען און וועל צו דער חופּה נישט געהן...

פ ע ס י ל

וועלגער, מיין קינד, וועלגער. די כּלה פון אונזער שטוב איז שוין פאַרביי.   צו דער חופּה וועט דיין שוועסטערל קומען... פון׳ם ארון קדש וועט מען דעם יום־טוב׳דיגען פּרכת אַראָבנעהמען, אויף שטאַנגען אָנציהען. נעבען דער גרויסער שול וועט מען דיין חופּה שטעלען. אַט, האָסטו דיר נאָך אַ קנייטעלע. שוין מיט וואַקס בעלעגט. וועלגער, וועלגער און זאָג:

שוועסטערל מיינע, ניין מאָל האָט מען דיין קבר׳ל געמאָסטען. ניין מאָל ט׳אונזער מאַמע דיינע ביינדעלעך געמאָסטען. בעט ביי גאָט פאַר דער יונגסטער שוועסטערל, ער זאָל דעם זינד פון איהר היים אַראָבנעהמען... זאָג מיין קינד: אונזער מאַמע האָט געזינדיגט. זי האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטען. שטראָפען זאָל מען די מאַמען. אָבער נישט איהר קינד׳ס יונגע ביינדעלעך..

ח נ ה׳ ל ע

אוי, מאַמעשי. אין האַרצען ווערט מיר אַזוי באַנגליך. כ׳וועל ליכטעלעך צינדען אין שול ביים ארון קדש. און זאָגען וועל איז אַזוי: ניין מאָל האָט מיין מאַמע מיט אייערע קנייטען מיין שוועסטערס ביינדעלעך געמאָסטען. ברענט זשע, ברענט זשע, ליכטעלעך. זאָל זיך דער פייער ביז צום הימעל דערהויבען. זאָל עס אין הימעל אַלע מלאכים אויפוועקען. בעט רחמים פאַר חנה׳לען, זי וויל צו דער חופּה נישט געהן.

פ ע ס י ל

[illegible] איז דער מאַמען! וואָס רעדט עס איהר קינד?

ח נ ה'ל ע

דיין שוועסטערל וועט אַ נעסטעלע זיך אויסבויען אין גרינעם וואלד אליין. ווי די שטערענדלעך אין הימעל אזוי וועט דיין שוועסטערל אליין אויף דער ערד פערבלייבען. און אז דער חתן וועט צו איהר קומען וועט זי איהם אזוי זאָגען: זיי זשע דו אַ פויגעלע וואָס איז אויפ'ן ווינטער אין אַ ווייט לאַנד פערפלויגען. איך וועל זיין אַ פויר־געלע, וואָס מען האָט אין אַ שטייגעלע פערשלאָסען און ארום — פליהט איהר געליעבטער, קלאַפּט מיט זיינע פליגעלעך אַן פערמאַכ־טען שטייגעלע....

פעסיל פערבאָרגט איהר קאָפּ אויפ'ן אָרעם. איהר גאַנצער קערפּער ציטערט פאַר געוויין.

ח נ ה'ל ע

וואַרפט זיך דער מוטער אויפ'ן האַלז.

מאַמעשי, ווייַן נישט איך וועל צו דער חופה געהן. אויף בלאָהען זייַ־דענס וועל איך שטערענדלעך ליכטיגע אויסשטריקען. איינס פאַר רחל'ען און איינס פאַר חנה'לען.. זאָג מיר, מאַמעשי, ווער וועט איצטער מיין חתן זיין?

פ ע ס י ל

וואויל געלערנט וועט ער זיין און אויף זיין קאָפּ וועט די שכינה רוהען.

ח נ ה'ל ע

און וואָס זאָל איך איהם זאָגען, אז איך וועל איהם צום ערשטען מאָל זעהן?

פ ע ס י ל

איך בין אַ אידישע טאָכטער און כ'האָב אַ כשר הארץ... תורה וועס־טו לערנען און איך וועל זיצען אין אַ ווינקעלע, וועל צו גאָט מתפלל זיין.

חנה׳לע

און כ׳וועל איהם זאגען: איין חתן האב איך שוין געהאט, פוילען זיינע ביינדעלעך...

פעסיל

מיין קינד! מיין קינד!

חנה׳לע

וויין נישט מאמעשו, אלץ וואס דו וועסט הייסען, וועל איך פאל־גען. און ווען איך וועל מיט מיין חתן אונטער דער חופה שטעהן וועט ער גאר ניט וויסען, אז נעבען אונז שטעהט דוד׳ל און קוקט מיט זיינע טויטע אויגען. און וועט אין אויער אריין שטיל אריינ־רוימען: חנה׳לע האט אמאל א חתן געהאט, דוד׳ל האט ער גע־הייסען... האט זי איהם דאסווארט געגעבען...

פעסיל

מיין קינד, די מאמע וועט פאר טרויער שטארבען...

חנה׳לע

יא, מאמאשי, כ׳וועל צו דער חופה געהן. און ווען איך וועל מיי־נע חתונה־קליידער אנטאן, וועל איך אזוי זאגען: איין שוועסטערל האב איך געהאט האט מען פאר איהר זיידענע קליידער גענייט און געוואלט צו דער חופה פיהרען, איז דאס מזל איהרס שלעכט גע־ווען, האט מען איהר אין ווייסע תכריכים׳לעך...

פעסיל

ווער רעדט עס ארויס פון דיין יונג הארץ?!

חנה׳לע

לעבען וויל דיין איינציג קינד. לעבען וויל דאס הארץ. און אונ־טער דער חופה, אינאיינעם מיט מיר וועט דער מלאך־המות שטעהן מיט זיין שארפער שווערד... ער וועט מיך א היים פון דער חופה פיהרען...

פעסיל

דריקט צו זיך חנה׳לען.

שטילער, שטילער... דער מאמעס הארץ ווערט צוריסען פאר פיין...

שטיל. זיי בלייבען בײדע זיצען צוגעקלעבט אײנס צום אַנדערען. הינטער'ן פענסטער הערט זיך אומיצענס רעדען.

ח נ ה ' ל ע

פלוצלונג.

כ'האָב מורא. מאמעשי, כ'האָב מורא!...

צעווײנט זיך קינדיש. קניפּט זיך אָן דער מוטער'ס האַלז.

V.

ביי הענאָך'ן. שפּעט ביי נאַכט. אין הענגליכטער ברענט אַ ליכט. אויפ'ן טיש ליגט אַ בארג וועקסענע ליכט.

פעסיל קומט אַרויס פון צימער לינקס. אונרוהיג, קוקט לאַנג אין פענסטער. קוקט זיך אַרום אין שטוב פון אַלע זייטען. פונקט ווי אין שטוב וואָלט זי עפּעס אונהיימליבעס מערקען. אַן אַרימאַן קומט אַרויס פון צווייטען צימער.

פ ע ס י ל

לאָזט נישט מיין קינד אליין!

אַ ר י מ אַ ן

קיין בייז, קיין בייז, די מזוזה'ס זענען כשר'ע, כ'האָב זיי איבער־געזעהן. אין שטאָדט נאָך מענשען וואָלט אפילו נישט שאַדען.

פ ע ס י ל

וואָס רעדט איהר אַזוינס?

אַ ר י מ אַ ן

גאָט איז מיט אייך! איך זאָג, אַז גאָט וועט איהר שיקען זיין רפואה. בייטאָג איז זי דאָך געווען געזונד און פריש!

פ ע ס י ל

וואָס מיינט איהר מיט דעם?

אַ ר י מ אַ ן

קיין בייז זאָל נישט זיין, אַזוינע הייזער שטראָפט נישט דער וואָס

אין הימעל. מען וועט ווארטען ביז טאג, נענעז טאג קומט שטענדיג די ישועה!

ער געהט אין צווייטען צימער.

פ ע ס י ל

קוקט ווידער אין פענסטער.

ה ע נ א ך

קומט אריין, בלאס.

פ ע ס י ל

נו, וואס? זאג שוין, גיכער!

ה ע נ א ך

ארום אונז איז נישט פרעהליך...

פ ע ס י ל

האסט אליין מיט דיינע אויגען געזעהן?

ה ע נ א ך

אליין מיט מיינע אויגען געזעהן... דער מיל איז געשטאנען מיט די פליגעל צו מזרח. איצטער... געה צום פענסטער... קוק, אפשר איז מיר אין די אויגען פינסטער געווארען.

זיי קוקען ביידע אנגעשטרענגט אין פענסטער.

פ ע ס י ל

צום שטוב מיט די פליגעל!

ה ע נ א ך

מערב! מיט די פליגעל צו די פענסטער. נישט גוט, נישט גוט, אז איך בין שוין געריהרט. צי האב איך איהם אליין ביים קבר מחילה נישט געבעטען? וואס האט מען זיך אויף מיר אנגעזעצט?!

פ ע ס י ל

הענאך, דו זינדיגסט!

ה ע נ א ך

א לעבען פאר א לעבען — כ׳וויל עס נישט צאהלען!

פ ע ס י ל

מיר דוכט, דער מיל סקריפעט... ווי מען וואלט איהם דרעהען.

ה ע נ א ך

קוקט פארזיכטיג אין פענסטער, שטעהענדיג פון ווייטען. שעפּ־טשעט.

ער דרעהט זיך... זעה, מיט דיינע ליכטיגע אויגען. קוק, מען פּאדערט א נפש פון מיין שטוב, מען פּאדערט.

פ ע ס י ל

זאלען בעסער דער מאמע'ס אויגען אויסרינען!

א ר י מ א ן

קומט ארויס פון צימער אונרוהיג.

איהר זינדיגט דארט מיט אייערע מיילער. עפעס... כ'וויים נישט אויף נעוויס. ס'דוכט, איהר פּנים איז פערענדערט געווארען. צי שלאפט זי...

פ ע ס י ל

איילט אין צימער אריין.

ה ע נ א ך

שטעהט פערטראכט. האלט זיך פאר'ן קאפּ מיט בײדע הענד.

פ ע ס י ל

רופט פון צימער.

הענאך! גיכער, מיר זענען פערביי!

ה ע נ א ך

איז זיך מישב צו געהן.

פ ע ס י ל

הענאך! הענאך!

מאכט האפּנונגלאז מיט'ן האנד. געהט אין צימער אריין.

נאך אלעמען...

א ר י מ א ן

טאפּט די מזוזה, שעפּטשעט וואס.

ה ע נ א ך

לויפט ארויס. האלזט דעם ארימאן.

איך בין א פליג, א זינדיגע פליג. איך פאלג.

א ר י מ א ן

קומט, לאמיר משנה מקום זיין. לאמיר זי מיט'ן בעט אהער אריינ־טראגן!

פ ע ס י ל

הענאך! הענאך!

הענאך און דער ארימאן גיהען אין צימער אריין. אין א ווײלע ארום קערען זיי זיך צוריק. זיי טראגען חנה'לען מיט'ן בעט אין שטוב אריין.

פ ע ס י ל

גיהט נאך. ברעכט די הענד.

אין אזא שעה, וואס מען טראגט דיך איבער אין אנ'אנדער שטוב, זאל דאס שלעכטס פון דיין גוף אבגעטאן ווערען.

זיי שטעלען די בעט אויפ'ן מיטען שטוב.

ח נ ה ' ל ע

ליגט מיט פערמאכטע אויגען אונבעוועגליך. דאס געזיכט ליכטיג.

ה ע נ א ך

ביי דער מזרח־וואנד שטעלען!

א ר י מ א ן

ביי דער מזרח־וואנד, ביי דער מזרח־וואנד, פון דארט גיהען אלע תפלות אויף...

פ ע ס י ל

נעבען די פענסטער... ניין, ניין! אין מיטען שטוב...

בלייבען שטיהן ארום בעט.

ח נ ה ' ל ע

ניט בעוועגענדיג זיך. רעדט גאנץ קלאר.

אלע שטעהען ארום מיר.

פ ע ס י ל

פאטער, ליעבער!...

ה ע נ א ך

רעדט הויך, ווי ניט ביים פערשטאנד.

הענאך! אויף דיר וועט היינט די גאנצע שטוב איינפאלען!..

פעסיל

שוויינ, שווייג!

אדימאן

שווייגט, קיין ווארט!

חנה'לע

ברעננט מיר אהער מיינע ווייסע קליידער. די ווייסע קליידער מיט די שטערענדלעך, וואס מען האט מיר צו דער חופה גענייט... ברעננט מיר דעם שלייער אהער...

הענאך

אז מען רופט, טאר מען זיך נישט אבזאגנען.

פעסיל

ווינקט. ער זאל שווייגען.

חנה'לע

מאמע... שרעקסט זיך פאר דיין איינען קינד. אזוי האב איך דאך שטענדיג גערעדט.. ברעננט מיר מיינע חופה-קליידער.

פעסיל

נאט'ס נאמען האב איך זינען. נאט'ס נאמען!

חנה'לע

מיינע חופה-קליידער. וואס שווייגט איהר? ער שטעהט איבער מיין בעט. ער לאזט מיך נישט רוהען... ער שענקט נישט, איך זאל מיט איהם צו דער חופה גהען. ער ווערט פערוואגעלט פון וועלט צו וועלט. ער וועט קיין רוה נישט האבען, ביז ער וועט אונטער דער חופה מיט מיר נישט שטעהן... איהר זעהט קיינעם נישט אין שטוב?...

שטיל. אלע קוקען זיך אום.

פעסיל

שעפטשעט.

שטיין און ביין ווייסען פון זייער רוה, אזוי זאלסטו דיין רוה געפי־

נעז. פערלאָז מיין קינד, איך וועל טאַנ־טענליך מיינע תפלות שיקען
צו גאָט פאר דיין רוה!

חנה'לע

ברענגט מיר מיינע חופה־קליידער!

אַרימאַן

שעפּטשעט.

מען מוז פּאָלגען... מען דארף פּאָלגען...

הענאך

ברענגט פון צווייטען צימער איהרע חופּה־קליידער.

חנה'לע

רעדט, בעת מען ציהט אויף איהר די קליידער.

כ'האָב קיין תקיעת־כף נישט געהאלטען... כ'האָב דאָס וואָרט געבראָ־
כען... צוליעב מיר איז ער פון דער וועלט געגאנגען... מען טרייבט
איהם, ער זאָל מיך ברענגען... ער זאָל אָהן מיר נישט קומען..

אַרימאַן

שעפּטשעט.

אזוי וויל גאָט, אזוי וויל גאָט... איהר מוזט איהר בענעהר דערפילען...

הענאך

איך וועל פּאָלגען...

פּעסיל

זאָלען דער מאמעס אויגען בלינד ווערען...

חנה'לע

דעם ווייסען חופה־שלייער!...

הענאך

הענאך דער מילנער איז אויף אַלץ נרייט!

ער טראָגט צו איהר בעט איהר חופּה־שלייער. מען טהוט איהר איהם
אָן. פּעסיל קוקט אויף הענאָך'ן מיט גרויס שרעק.

חנה'לע

צינדט אָן דעם שבת'דיגען הענגלייכטער... ליכט אין אַלע רערען..

ה ע נ א ך
צינדט אָן ליכט פון די, וואָס ליגען אויפ'ן טיש און ער צו־ שטעלט זיי אין די רערען פון הענגלייכטער. ציטערט אַזש.

ח נ ה' ל ע
צינדט אָן ליכט און שטעלט זיך ארום מיר... מיט ליכט ארום מיר...

אַ ר י ט א ן
ציטערט.

זאָל מען...

ה ע נ א ך
אוילט אין צווייטען צימער אַריין. זיי קוקען איהם נאָך.

ח נ ה' ל ע
צינדט אָן ליכט ארום מיר.. אלע מיט ליכט!

פ ע ס י ל
צינדט מיט שרעק אָן ליכט פון טיש און שטעלט זיך ביי איהר צוקאָפּענס.

ה ע נ א ך
געהט אַרויס פון צימער. אָנגעטאָן אין טלית און קיטעל. שרייט: דעם טאַטען אַ ליכט... מיר... ער צינדט אָן אַ ליכט. איך בין גרייט! הענאך דער מילנער געהט מיט זיין קינד!...
די פיס ברעכען זיך איהם אונטער הייבט אָן פאַלען נעבען קינדס בעט....

ע נ ד ע.

תרס"ח.

דאס קינד פון דער וועלט

פערזאנען:

אפרים ברוינשטיין
פרוי ברוינשטיין — זיין מוטער
אדאלף פאלק
ראלאנד
לענטער
קינדער

ערשטער אקט

ביי אפרים ברוינשטיין. א גרויסער צימער אין אַנ'אלט געמויערט הויז. הויכע האַלב־קיילעכדיגע פענסטער. אַ טיר לינקס, אין הינטערגרונד, רעכטס, טרעפּ וואָס פיהרען אויפ'ן צווייטען שטאָק. דאָס מעביל אַלט, בעצויגען מיט ברוינעם סאַמעט. אין צימער זענען פיעל בלומען־טעפּ פארהאַנען. ס'איז צו מערקען, אַז אין הויז איז פארהאַן אַ טיכטיגע האַנד וואָס האַלט אַלץ אין אָרדענונג. פריהלינג, ארום האַלבען טאָג, דרויסען רעגענט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַ בע'כבוד'דיגע אלטע פרוי, זויבער געקליידט, צושטעלט די כלומען אויף זייערע ערטער.

ל י ב ע

קומט אַריין, טראָגט א בלומען־טאָפּ.

ווי שווער עס איז! האָט מיר שיעור די הענד ניט אָבגעריסען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַט אזוי, זעהסטו? גאָט'ס האַנד איז נישט קיין מענשענס האַנד. כ'האָב זיי געוואשען און געבאָדען דעם גאַנצען ווינטער און איין ווארימער רעגען האָט מעהר אויפגעטהאָן ווי איך מיט מיינע אַלטע הענד... ס'האָט שוין אויפגעהערט צו רעגענען דרויסען?

ל י ב ע

דער רעגען פערנעהמט זיך ערשט פון דאָס ניי.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהסט, אַט דער דאָזיגער בלאָט האָט שוין אָנגעהויבען צו טריקענען א שאָד, אַלץ דער שטויב שולדיג. אזוי איז עס שוין — א מענש — אפילו להבדיל א ב ה מ ה, אז מען האַלט עס ניט ריין...

ל י ב ע

די בוימער אין פעלד וואקסען שטאַרק און הויך כאָטש קיינער ווישט

פון זיי דעם שטויב ניט אראָב.

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

פאַר די בוימער אין פעלד בעדאַרפסטו שוין נישט זאָרגען. אויף זיי גיט שוין אַכטונג א בעסערע האַנד. פאַר זיי איז די זון בייטאָג, דער קילער טוי ביינאַכט — מיר קענען די בלומען אונזערע נישט געבען נישט קיין זון און נישט קיין טוי...

ל י ב ע

איך האָב מורא אז דער רעגען איז נאָך צו קאַלט פאַר זיי; שפּעטער וועט איהר מיר שולדיג מאַכען, אז איך האָב אייך צוגערעדט זיי אַרויסטראָגען דרויסען.

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

קיין בייז זאָל נישט זיין, ס'וועט דיר גאָרנישט שאַדען. טאָמער ביי־זער איך זיך אַמאָל אָן אויף דיר — וועסט דאַפון נישט שטאַרבען.

ל י ב ע

איך זאָג דען, אז איהר זענט א שלעכטע?

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך האָב נאָר ליעב, אז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

ל י ב ע

איך ווייס עס גוט. וואָס קען איך אָבער מאַכען, אז דער הער האָט ניט ליעב קיין אָרדענונג.

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

אפרים'ען מיינסטו? איהם איז שוין נישט איבערצומאַכען אָט זעהסטו?...

פון אויבען קומען אראָב אייניגע אינגלאַך, קענטיג שול קינדער טראָגען שפּיל־צייג: מיניאַטור מעביל, שטיבעלעך א. ד. ג. זיי געהן דורך, זאָ־געענדיג „א גוטען טאָג". זעהן אוים זעהר צופרידען, טאַנצען אזש אונ־טער צום טיר קומענדיג. די אַלטע קוקט זיי נאָך צופריעדען.

ל י ב ע

איך געפעלט עס ניט?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

האָב איהם א גוט יאָהר. ווען איך זעה די קינדער דאָ, קען איך מיר נישט איינהאלטען, איך מוז לאַכען. ווילסטו מאַכען אַנ'אָרדע־נונג ביי איהם דאָרט. ביזט א נאַריש קינד — אז ער אַליין איז עפּעס אזא שטיקעל מעביל וואָס פאַר דעם איז קיין פּלאַץ נישט אויס־צוגעפינען —

ל י ב ע

איך מיין, אז ער איז שוין גאָר קיין שטיק מעביל נים. אזא קינד איז א צירונג.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

אזוי, געפעלט ער דיר גאָר? וואָס קומט אָבער ארוים, אז ער האלט נים ביי שדוכים.

ל י ב ע

איך מיין נים אויף אזוי ווייט. איך בין נים מעהר ווי א דינסט־מיידיל —

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָלט ער נאָר וועלען נעהמען א ווייב—איך וואָלט שוין מסכים גע־ווען, ביי מיר אין שטוב איז מען נישט קיין דינסט־מיידיל. ביי מיר אין שטוב איז מען א מענש. אפילו מיין אפרים איז אויך א מענש.

ל י ב ע

אפילו אפרים? אזוי ווינציג האלט איהר פון אייער זוהן?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס דען האָסטו געמיינט? פון אויבען קומען ווידער צוויי קינ־דער געהן דורך דעם זאַל, זאָגענדיג „א גוטען טאָג“ געהן זיי ארוים. זעהסטו, א מענש שוין באַלד אכט און פיערציג יאָהר אַלט, און מיט וואָס ער פערנעהמט זיך.

ל י ב ע

אכט און פיערציג יאָהר?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וויפיעל דען האָסטו געמיינט?

ליבע

איך? וויפיל... איך וויים אליין ניט.

פרוי ברוינשטיין

א מענש אין זיינע יאהרען, איז שוין ווייס ווי א טויב. איך אין זיינע יאהרען בין נאך נישט גרוי געווען.

ווישט די טרערען.

ליבע

מען קען טאקי מיינען אז איהר האט איהם פיינד.

פרוי ברוינשטיין

איז דען פאראהאנען איין מענש אויף דער וועלט וואס זאל איהם פיינד האבען? רירט ער דען אן א פליג אויף דער וואנד?

ליבע

זינט איך בין אין שטוב האט ער זיך נאך קיין מאל ניט געשאפט מיט מיר, איך לאך ווי דער הער פערבעט זיך אליין די בעט.

פרוי ברוינשטיין

ער זאגט, אז יעדער מענש בעדארף אליין פאר זיך זיין בעט אויס-בעטען.

ליבע

ער איז טאקי גערעכט. איך וואלט אויך ניט געקענט שלאפען ווען אנ'אנדערער בעט מיר אויס מיין בעט.

פרוי ברוינשטיין

ער מיינט מיט דעם עפעס אנדערש. ער איז דאך א מענש מיט גע-דאנקען. פון וואנען דאס האט זיך גענומען צו איהם? — דער גר-טער יאהר ווייסט.

ליבע

מיר נעפעלט זיין ארבייט.

פרוי ברוינשטיין

א שעהנע ארבייט... מען זאגט אז אלטע לייט און קינדער זענען גלייך. קינדוויי איז ער גאר געווען פערקאכט אין שפילצייג, די שטוב איז געווען פול מיט דעם. וואלט ער עס כאטש מאכען פאר אייגענע

קינדער... און בערמאַן איז עס זיין עצה געבער. וואָס אַרט עס בערמאַנען? אבי ער האָט חיונה פון דעם, ער מיינט, אז בערמאַן איז אויך אזא נאַר און משוגענער ווי ער . . . ער רעדט אַמאָל מיט דיר?

ל י ב ע

יאָ, ער רעדט אַמאָל... נעכטען האָט ער מיר געפרעגט אויב מיר געפעלט זיין ארבייט? האָב איך איהם געענטפערט, אז ווען איך וואָלט א קליין קינד געווען וואָלט עס מיר זעהר געפעלען און כ'האָב מיר אליין פערשעמט פאַר מיינע ווערטער.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

האָסט איהם דעם אמת געזאָגט.

ל י ב ע

האָט ער מיר געפרעגט פון וואַנען איך וויים, אז איך בין שוין קיין קינד נים? צי האָב איך עס אין שפּיגעל געזעהן? כ'האָב מיר פערשעמט. א מענש, זאָגט ער, וואַקסט אוים, ווערט גרעסער, אָבער ער ווערט ניט אוים קינד. דער מענש דאגה'ט — דאָס קינד לאַכט; דער מענש איז גראָב — דאָס קינד איידיל: דער מענש זאָגט אַ ליגען — דאָס קינד שעהמט זיך.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהסטו, אָט איז א טרוקענער בלאַט אין גאַנצען טרוקען . . . און דער וואַזאָן זעהסטו, הויבט שוין באַלד אָן צו בליהען: טראָג עס ארויף צו איהם אין צימער אריין — שטעל דאָרט נעבען פענסטער.

ל י ב ע

טראָגט דעם בלומען־טאָפּ, ביי די טרעפּ בעגעגענט זי זיך מיט אפרים ברוינשטיין, וועלכער קומט אָן פון אויבען, בלייבט שטעהן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זיין קאָפּ און באָרד כמעט ווייס, דאָס געזיכט יונג און פריש. בלויע אויגען, טראָגט אַ בלויער אַרבייטער בלוזע און א פאַרטוך, ער טראָגט א קליין מילבעל. ער טרעפט זיך מיט ליבען אויף די טרעפּ; בלייבט אויך

שטעהן מיט זיין מילכעל אויפ׳ן האַנד.

ברוינשטיין

אָ, דו גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב! אַ לעבעדיגע סטאַטוע מיט לעבעדיגע בלומען!

ליבע

אין פערלעגענהייט.

אייער מוטער האָט עס געשיקט.

פרוי ברוינשטיין

זאָל עס שטעהן דאָרט; עס הייבט שוין באַלד אָן צו בליהען.

ברוינשטיין

לאָזט די בלומען אַ ווײַלע אויף די טרעפּ און קומט צוריק לאָמיר אין איינעם בעטראַכטען מיין נייע ערפינדונג קומט אראָב. אַ שאָד וואָס גרויסע ווינד־מילען זענען שוין לאַנג אויסגעקלערט געוואָרען: אַז ניט וואָלט איך געמאַכט די גאַנצע וועלט זאָל מיך בעוואונדערען — וואָס זאָגסטו מוטער? צו ליבע׳ן וואָס שטעהט נאָך אַלץ מיט׳ן בלומען טאָפּ אויף די טרעפּ. איהר זעהט, די בלומען האָבען זיך צו־בליהט ביי אייך אויף די הענד!

ליבע

געהט אויבען.

פרוי ברוינשטיין

שרייט איהר נאָך.

שטעל נאָר אויף אַ זיכערען אָרט.

ברוינשטיין

דו בעוואונדערסט גאָר ניט מיין ארבייט? אָט גיב נאָר אַ ציה פאַר דעם פאָדים אָט אַזוי . . . נו שעהם זיך ניט, ציה . . . זעהסטו ווי די פליגלען דרעהען זיך? וואָס, ביזט ניט צופרידען מיט מיין ארבייט?

פרוי ברוינשטיין

אפשר נאָך אין אַ יאָהר צוואַנציג ארום, אַז איך וועל שוין אַלט זיין פינף און אַכציג יאָהר, אויב איך וועל צו יענער צייט דערלעבען,

אפשר יעמאָלט וועט עס מיר געפעלען זיין.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קושט זי אויפ'ן שטערן.

ביזט טאַקי ניט צופרידען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

טאָמער וואָלט שוין זיין געוווּנג, זיך פערנעהמען מיט דעם ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס מיינסטו ?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

אט האָסטו געמאַכט אַ מילבעל: דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס דאָס איז.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אט וועֶר עס ווייסט אָבצושאַצען מיין ארבייט — בערמאַן ! ער איז נאָך היינט ניט געווען ? ער וועט דאָך טאַנצען פאַר שמחה . . . און, אז אזוי פיל קינדער האָבען דיר היינט געמאכט „א גוטען טאָג" — ביזטו ניט צופרידען, לאַכסט שוין, הא ? און דאָס מילבעל גע־פעלט דיר דאָך ניט. איך גלויב, אז ניט נאָר בייטאָג — אפילו ביי־נאַכט, איידער דו שלאָפסט איין איז דיין לעצטער געדאַנק ווי אזוי צו פערזאָרגען דיין קליין ,עלענד קינד.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס דען מיינסטו איך האָב עס אַנדערע דאגות ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אדרבה, דערצעהל מיר, איז עס טאַקי א גרויסע דאגה ? זעהר א גרויסע דאגה ?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהסטו, ביזט שוין ווייס ווי א טויב.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קענסט מיר טאַקי זאָגען פאַר וואָס איך בין אזוי פריה גרוי געוואָרען?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

ביזט דאָך שוין באַלד אַכט און פיערציג יאָהר אַלט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס דו זאָגסט! אכט און פיערציג יאָהר . . . נעבעך: אַ רחמנות אויף דיר מוטער. צו דער עלטער און דו מוזט זאָרגען פאַר אַ אכט און פיערציג יאָהריגען אידען. ער זעצט זיך נעבען איהר. נו, און וואו האָלסטו שוין מיט דיין זאָרג — ביי אייניקלעך אָדער אור אייניקלעך? זיי זיך מודה . . .

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

מאַכסט חוזק.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך? ווי פאַלט עס דיר גאָן איין?

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס וואָלט מיר פעלען ווען איך זאָל טאַקי האָבען אור אייניקלעך?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אָט וואָס! אור־אייניקלאך, אזא קליינינקייט. איך בין מסכים. טאַקי אַ גרויסע עולה. אַ שלעכטער בן יחיד, איהם געהט עס ניט אָן, ווען די מאַמע קען ביי נאַכט מיט קיין אויג ניט צו מאַכען; פערנעהמט זיך מיט קינדערשע שפּילכלאך. נו, וואָס האָסטו זיך אזוי פער־טראַכט? הייסט עס געפעלט דיר ניט מיין ארבייט. ער שטעלט דאָס מילכעל אויף איהר שויס ציהט פאַר'ן שנירל און די פליגעל דרעען זיך.

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַנ'איינפאַל אביסעל.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אמת אַנ'איינפאַל?

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי אזוי האָסטו עס געמאַכט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווילסט וויסען ווי אזוי? אָט שוין דערקלער איך דיר עס: זעהסט, קוק אריין דורכ'ן פענסטערל . . .

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי זי וואָלט זיך פּלוצלונג ארומגעזעהן, אז זי פערנעהמט זיך מיט

נאַרישקייטען.
זעה, נעהם עס צו פון מיר איך בעט דיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו שפּעט האָסטו זיך ארומגעזעהן, כאַ־כאַ־כאַ— איך זעה, אז עס גע־
פעלט דיר, שעהמסט זיך אויסצוזאָגען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך שעהם מיר; געוויס שעהם איך מיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווען איך וואָלט עס געלד נעהמען פאר מיינע ארבייטען — מיר וואָל־
טען שוין אפשר פאר דעם געלד געקענט מאכען א גאָלדענעם דאַך
אויף אונזער אַלטען מויער.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

האָסט געמעגט אמאָל אבנעמען חשבון פון בערמאנען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס הייסט חשבון, מוטער? יעדען אבענד זעצען מיר זיך ביידע
אנידער, איך און בערמאן, באַרפוס, און מען בענוצט אין רעכענונג
גאַנצע פיערציג פינגער. צוואַנציג זיינע און צוואַנציג מיינע — אַ־אַ
וואָס פאר א חשבון עס איז שוין דאָרט!

ער וויל געהן צו זיך.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

געה נישט — זאָל זי דאָרט מאכען א שטיקעל ארדענונג, זי וועט זיך
פערשעהמען און ארויסלויפען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זי שעהמט זיך גאָר פאר מיר און איך האָב עס גאָר ניט געוואוסט.

ל י ב ע

קומט אַראָב

ב ר ו י נ ש ט י י ן

א ארדענונג געמאכט?

ל י ב ע

כ'האָב נאָר אביסעל צוגעקליבען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

די געציינג אונטער'ן בעט בעהאלטען ?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואלסט זיי טאקי איין ערגעץ בעהאלטען ער זאל נישט קענען געפינען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ליבע וועט עס ניט טהאן, איהר געפעלט דאך מיין ארבייט — וואס ניט ?

ל י ב ע

פערשעהמט, געהט ארויס.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

געהט שוויינענדיג צו אפרים'ען קושט איהם.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זאג דעם אמת, דיר וואלט זיך ניט וועלען, אז איך זאל זיין נאך גאר א קליינינקער — אזוי, למשל. דו זאלסט מיר נאך בעדארפען דאס נעזעלע אבווישען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

כ'וועל פון דיר בעטען נאר איין טובה: אז דו קומסט אראב פון אויבען זאלסטו דיין פארטוך אויסטהאן, איך קען עס נישט פערטראגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעצט זיך נעבען איהר.

איך קען דיר צוליעב טהאן אויב דאס שטערט דיר, וואס זאגסטו מאמע, צו דעם וואס מיין באָרד איז אזוי וויים געווארען ?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואלסט אבער זיין מיט אלעמען צוגלייך, כ'מיין מיט אלע מענשען צוגלייך . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

פראכטפאל ! איך פערשטעה — וואלט הייסט עס מיין באָרד ניט גרוי געווען, אט, אדרבה, איך וועל לעגען מיין קאפ צו דיר אויפ'ן שויס, אט אזוי — און דו דערצעהל מיר ווי אזוי עס לעבען מענשען

וואָס האָבען ניט קיין גרויע בערד פאַר דער צייט בעקומען, און ווי אזוי פיהרט זיך די וועלט ?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

די וועלט לעבט ווי גאָט האָט געהייסען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

בעמיהט זיך ניט צו לאַכען.

ווען דו וואָלסט געווען א גוטע מאַמע וואָלסטו עס מיר אַמאָל דער־צעהלען ווי איך בעדאַרף זיך פיהרען ; וואָס האָט גאָט געהייסען ? א גוטע מאַמע לעהרענט איהר קינד.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

קען זיך ניט איינהאַלטען ניט צו לאַכען.

איך זאָג עס דיר אפשר הונדערט מאָהל א טאָג.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאַכט אפענהערציג.

אָ, דו ביזט א גרויסער ליץ, מאַמע, דו מאַכסט מיר אזוי לאַכענדיג . . . נו שוין, איך פערשטעה דאָך וואָס דו מיינסט, גוט איך בין מסכים. ווער וועט מיך אָבער ווילען ? דו אַליין וועסט דאָך מיר דעם שידוך קאַליע מאַכען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

ס'וואָלט שוין קיין זאָרג נישט געווען, זאָלסטו נאָר ווילען, איך וועל שוין זאָגען ווי דו זאָגסט — די וועלט האָט מען קרום אוועקגע־שטעלט . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאַכט.

מוטער, דו ביזט אַנ'אפיקורוס, איך האָב עס קיין מאָל ניט געזאָגט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס איז מיט דיר היינט כ'בעט דיר ? גענוג דיר שוין צו לאַכען. איך מיין, אז פאַר מיר זענען אַלע גלייך, איך וואָלט אפילו מסכים געווען דו זאָלסט נעהמען ליבע'ן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

רופט

פריילין ליבע! פריילין ליבע!

ל י ב ע

קומט בלייבט אין טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיין מוטער בעדארף אייך האבען.

ל י ב ע

וואס, מאדאם?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

ער האט חוזק געמאכט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך מיין גאנץ ערענסט, איהר וועט מיך וועלען נעהמען פאר א חתן?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

אבער אפרים . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואס האט איהר זיך אזוי פערשעהמט? קלערט איהר דען ניט אמאל וועגען א חתן?

ל י ב ע

שטעהט נאך אלץ אויף איהר פלאץ ניט פערשטעהענדיג וואס עס קומט פאר.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

הער איהם ניט, ער מאכט חוזק פון דיר.

ל י ב ע

שמייכעלט אין פערלעגענהייט, געהט ארויס.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי פאלסטו עס אוים צו טהאן אזא זאך? נעהמען און פערשעמען א מענשען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאכט.

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס איז מיט דיר היינט? ס'האָט זיך דיר די ווינד־מיל איינגע־געבען דאריבער ביסטו אזוי לוסטיג?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס דען מיינסטו? א קנאַפּע שמחה? דערגאַנגען ווי אזוי צו מאכען, אז מיט א קורצען שנירעל זאָלען זיך אַהן אויפהער די פליגעל דרעען... פריילין ליבע!

פ ר ו י   ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס ווידער? וואָס רופסטו זי ווידער? אָבגעהעדיג צו ליבע'ן וועלכע קומט אָן. און זי הערט זיך איין, געה, ער מאכט ווידער חוזק.

ל י ב ע

אין טיר.

איהר האָט מיך גערופען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יא, איך האָב אייך גערופען, איך וויל אייך בעטען איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען וואָס כ'האָב פריהער שפּאָס געמאכט. און איך וועל אייך בעדאַנקען וואָס איהר האָט געמאכט א אָרדענונג אין מיין אַר־ביים צימער... אייך געפעלט דאָס מילכעל?

ל י ב ע

ס'איז שעהן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווילט איהר איך זאָל עס איינאָרדענען איהר זאָלט קענען אין דעם פעפער מאָהלען? נו, געווים פעפער, אין קיך צו מאָהלען... איהר האָט זיך פערשעמט, איך האָב פריהער אויך קיין שפּאָס נישט גע־מאכט, מיין מוטער וויל איך זאָל אייך נעהמען פאַר א כלה — וואָס זאָגט איהר צו דעם? איהר זענט אַלט א יאָהר אַכצען אָדער ניינצען און איך מיט צוואַנציג יאָהר עלטער פון אייך... איהר שווייגט. וואָלט איהר מיר וועלען פאַר א חתן? ווען מיין מוטער זאָל אייך פרעגען וואָלט איהר געענטפערט און, אז איך פרעג — שעמט איהר זיך.

ל י ב ע

איך האב דעם בלומען־טאָפּ געשטעלט ביי אייך אויפ'ן פענסטער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

א שעהנעם דאַנק אייך נאָך א מאָהל. ווילט איהר נעהמען פון מיר דאס מילכעל?

ל י ב ע

קינדער זענען בילכער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

און איהר וואָלט ניט האָבען קיין חשק זיך צו שפּיעלען מיט דעם?

ל י ב ע

איך בין שוין צו גרויס פאַר דעם.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווער האָט עס אייך געזאָגט אז איהר זענט שוין צו גרויס, האָט איהר זיך עס אליין דערוואוסט?

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

קומט אָן.

אימיצער קלאַפּט אין טיר, געה, ליבע, זעה ווער איז דאָרט.

ל י ב ע

געהט ארויס.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהסטו, אפרים, איך זאָג דיר אז צייטענווייז פיהרסטו זיך אויף ווי א קינד, האָסט איהר געווים ווידער געפרעגט די אייגענער נאַריש־קייט?

ל י ב ע

אין טיר

הערר אדאָלף פאַלק שטעהט אין דרויסען אונטער'ן רעגען. ער פרעגט אויב ער קען אריינקומען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווייסט ווי רען! פאַלק מיט זיינע איינפאַלען. גאָר אונטער'ן רעגען. מיט'ן גרעסטען כבוד. וואו זענען זיי?

אײַלט צום טיר

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס יונגוואַרג קענען; אין אַזאַ רעגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זיין שטימע הערט זיך פון צווייטען צימער.

אַ גוטער פריינד איז דער וואָס קומט אין אַ רעגען און אַ נאַר איז דער וואָס בלייבט הינטער דער טיר וואַרטען ווען עס גיסט אַ רעגען.

ביי די לעצטע ווערטער בעווייזט ער זיך אין טיר. לאָזט אַריין אויף פריהער די געסט, ר אַ ל אַ נ ד ל ע נ ט ע ר און א ד אַ ל ף פ אַ ל ק קומען אַריין.

פ אַ ל ק

פריילין ראָלאַנד האָט אַנדערש ניט געוואָלט אַריינגעהן, ביז כ׳וועל ניט אָנפרעגען שטעלט פאָר. פריילין ראָלאַנד... און דאָס איז די בעסטע און ליבענסווירדיגסטע פרוי ברוינשטיין, וואָס האָט בע־גליקט דער וועלט מיט אַזאַ גוטען און אַזאַ שעהנעם און אַזאַ האַרצי־גען זוהן ווי אפרים ברוינשטיין, איך האָב די הערע!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווייניג שבחים. אין פריהלינג, און ווען דער רעגען גיסט און ווען...

פ אַ ל ק

וואַרט, וואַרט איך האָב נאָך ניט געענדיגט, און דאָס איז פריילין לענטער, אַלזאָ, דאָס איז הערר אפרים ברוינשטיין, וואָס איז אַלט אַכצען יאָהר און ווען ס׳איז פאַר שרעק אויסגעוואַקסען אַ גרויע באָרד און וועלכער ס׳איז אַזוי גוט הערציג, אַז ספּיציעל פאַר די פליגען פיהרט ער אימער אַ קיך און האַלט פאַר זיי אָפען טיר און פענסטער.

אַלגעמיינער געלעכטער.

ר אָ ל אַ נ ד

שעהן געוואַקסען. דרייסטע בעוועגונגען. דונקעל בלאָנד. מיט גע־שמאַק געקליידט.

דאָס וואָס איהר האָט נאַר וואָס געזאָגט דאַצו נאָך צוגעבען

אלץ וואס איהר האט מיר ביז איצטער וועגן הער ברוינשטיין דערצעהלט — אין איינעם קומט עס אויס זעהר אינטערעסאנט. עס געפעלט מיר זעהר און זעהר.

זי דריקט נאך אמאל ברוינשטיינס האנד.

פרוי ברוינשטיין

אביסעל אמת איז אין דעם פארהאנגען.

פאלק

זעהט איהר, די מוטער געפינט עס אויך.

ברוינשטיין

ווייל דאס לעצטע מאל, ווען דו ביזט דא געווען, האסטו זיך מיט מיר נעקריגט דאריבער ווילסטו עס ערשט פאריכטען — אט, גלויבט איהם ניט. זאג מיר נאר אבער וואו ביזטו טאקי געווען? פערפאלען געווארען אויף גאנצע צוויי וואכען?

לענטער

זעהט אויס עלטער פון ראלאנד. מאכט דעם איינדרוק פון א מענשען וואס האט פיעל געלעבט, די גאנצע צייט האלט זי זיך ווי אבגעזונדערט. זי מערקט דאס מילכעל אויף א שטול שטעהענדיג. עס רופט ביי איהר ארויס א שמייכעל.

פאלק

שוין צוויי וואכען אז איך בין ביי דיר ניט געווען. איך געפין אויך, אז דאס איז א גרויסע עולה. וואס מאכסטו?

ברוינשטיין

מילכלאך מאך איך איצטער.

ער בעווייזט זיין ווינטמילכעל. אנ'אלגעמיינער געלעכטער און צו דער אייגענער צייט בעוואונדערונג.

פאלק

דו שטיינסט, ברוינשטיין! דו שטיינסט!

ברוינשטיין

אמת איך שטייג? וואו ביזטו טאקי געווען די גאנצע צוויי וואכען?

פ א ל ק

כ'האָב דעם גאַנצען ווינטער פאַנטאַזירט דאָס מאָל צו בעגעגענען דעם פריהלינג ביים ים, און זעהסטו אויף מיין מזל — כ'האָב ווירקליך דאָרט בעגעגענט דעם פריהלינג מיט'ן ים.

ציינט אויף די מיידלאך.

ר אָ ל אַ נ ד

איך האָב שוין אָנגעהויבען אליין צו גלויבען אז איך פערדין אזוי פיעל קאָמפּלימענטען; איך האָב אין מיין לעבען זעהר פיעל קאָמפּלימענטען געהערט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווארום זיצט איהר ניט? טאַקי צופיל שטולען אין צימער פאַרהאַנען. דאָך, וואו ביזטו פאַלק געווען די גאַנצע צייט?

פ א ל ק

ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. צו פרוי ברוינשטיין. און איהר, זעה איך זענט נאָך אלץ ניט צופרידען מיט אייער זוהן.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך בין מיט איהם שטענדיג צופרידען געווען.. אפילו א שלעכטער זוהן, נאָר כ'בין מיט איהם צופרידען... פאַרברענגט זיך דאָ, איך בין נאָך אביסעלע פערנומען.

געהט אַרויס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו לענטער.

אייער שטימע האָב איך נאָך אפילו נימ געהאט דאָס פערגעניגען צו הערען.

ל ע נ ט ע ר

מיין שטימע וועט אייך קיין פערגניגען ניט פערשאַפען.

ר אָ ל אַ נ ד

זי איז שטענדיג אזוי! ווען עס רעגענט דרויסען האָט זי ליעב צו שווייגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זענט איהר שוין לאנג אין אונזער שטאדט?

ר א ל א נ ד

היינט געווארען צוויי וואכען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זענט איהר נאך צופרידען?

ר א ל א נ ד

קאקעטיש.

איך האף נאך צו זיין צופרידען. איך בין ווי די ביהן וואס זאמעלט האניג נאר צווישען בלומען. די לעצטע צייט ווערט מיר קיין פלאץ ניט דערעסען. אט זעהט איהר מיין פריינדין, פריילין לענטער, וואלט שוין וועלען יעדען טאג א נייעם פלאץ. און דאצו האט זי זעהר פיינד דעם טאג. זי וואלט וועלען דער טאג זאל זיין וואס קירצער און די נאכט וואס לענגער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו לענטער.

אזוי נאר? זענט איהר פון די וואס האסען דאס ליכט?

ל ע נ ט ע ר

לאכט.

פ א ל ק

זעהסטו, ברוינשטיין, דערפאר וואס איך בין גאנצע צוויי וואכען צו דיר ניט געקומען — האב איך געזעהן מיין שולד אויסצוקויפען: איך בין געקומען דאס מאל ניט אליין. איך וויל האפען, אז די געסט וועלען דיר זיין ווילקאמען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נייגט זיך.

ווייסט ווי דען! אויף וויפיעל אונזער הויז קען זיין פאר זיי אינטערעסאנט און אנגענעהם... אויף וויפיעל איהר זעהט, דאכט זיך פריילין ראלאנד? יא — איז אונזער הויז זעהר אלט, פענסטער אלטמאדישע, נאר גרויסע. אונזער הויז איז בלויז אביסעל אבגעריי-

סען פון דער אויסערליכער וועלט.

פ א ל ק

גלויבט איהם ניט. איהר וועט זעהן, אז ער וועט נאָך די וועלט איבערמאכען... אויב ברוינשטיין וועט אונז ערלויבען וועלען מיר ארויפגעהן צו איהם אויבען, אין זיין ארבייט־צימער און איהר וועט זעהן ווי ער האלט די וועלט אויף זיין ווארשטאט און ער... דו ווילסט עס ניט ליידען ? עס שאדט ניט, אייגענע מענשען; יונגע מענשען... כא — כא — כא...

ר אָ ל א נ ד

מעג מען בעטראכטען דאָס מילכבעל ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ביטע זעהר.

ר א ל א נ ד

צו לענטער.

זעהסט, פוינעלע, וואָס פאר א שעהנע מענשען עס זענען נאָך פאר־האן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס וועלען מיר לאָזען צורוה; ווי געפעלט אייך דאָס מילכבעל? אפשר ווילט איהר עס האָבען קען איך עס אייך אוועקשענקען. דאָס איז די לעצטע ערפינדונג מיינע.

ר אָ ל א נ ד

מיט פערגנינגען. איך בין זעהר צופרידען. ווי געפעלט עס דיר, פוי־נעלע ?

ל ע נ ט ע ר

אז נאָט וועט דיר בענטשען מיט א פּאָר קינדערלאַך וועט עס דיר צונוץ קומען.

איין אונאנגענעהמע שטילקייט.

ר אָ ל א נ ד

ווינקט אונצופרידען צו לענטער.

פ א ל ק

ווינקט צו ראלאנד זי זאל זיך בערוהיגען.

הערסט, אפרים, איך האב זיי דערצעהלט פון דיר — כ'מיין פון דיין הויז — קענסט זיך נאך בעלעדיגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואס רעדסטו פאר א נארישקייטען? דו פאלק בעלעדיגסט זיך פאר מיר און דו ענטשולדינסט זיך פאר מיר. וואס, האב איך אפשר א טעות?

ר א ל א נ ד

איהר האט גאר קיין בעסערע כאראקטעריסטיק פאר הער אדאלף פאלק ניט געקענט צוקלערען... ווי אלט זענט איהר?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך האב אייגענטליך מיין לעבען אנגעהויבען פון פינף און אכציג יאהר — נאר איך ווער אלץ יונגער און יונגער. איך שפיר עס. איך וויל שטארבען ווען איך וועל אלט ווערען פינף יאהר. אין דער צייט, וואס א קינד מיינט, אז אלע שטערען זענען מלאכים־אויגען און, אז גאט אליין איז שטענדיג אויפ'ן הימעל און צו אונז אויף דער ערד שיקט ער אלע שעהנסטע און אלע בעסטע מלאכים.

ר א ל א נ ד

איך גראטוליר אייך מיט אזא עלטער!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך וואלט וועלען, אז אזוי זאל זיין די גאנצע וועלט. די וועלט זאל ווערען אלץ יונגער און יונגער.

ל ע נ ט ע ר

שפרינגט אויף מיט איין אויסגעשריי. קוקט צום סופיט.

עס רינט דאך גאר ביי אייך פון סופיט! צוויי מאל מיר א טריף געטהאן אויפ'ן האנד — א, איהר זעהט?

דער עולם קוקט צום סופיט.

פ א ל ק

ווען די גוטע פרוי ברוינשטיין זאל עס זעהן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס קען נאָר דער פריהלינג רעגען אזא אלט הויז ניט צו שעהנען.

ער געהט צו א שראנק, נעהמט ארויס אַ גרויסען, אַלטען זילבער־נעם בעכער און שטעלט אונטער אויף דעם פלאץ וואו עס טריפט.

ר אַ ל א נ ד

אפלאָדירט.

ל ע נ ט ע ר

צום שטארבען... כא — כא — כא...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קיין בעסערע זאך אונטערצושטעלען האָב איך ניט. איך מיין, אז דער דאָזינער בעכער איז אזוי אלט ווי אונזער הויז. און איהר פריילין זעצט זיך אַט דאָ. דאָ איז טרוקען — איך וועל מיר זעצען אַט דאָ און איצטער דערצעהלט מיר וואָס הערט זיך עפּעס נייס אויף דער וועלט. דערצעהלט פון וואנען איהר קומט... צו לענטער. איהר האָט זיך הערשראקען?

ל ע נ ט ע ר

איך האָב זיך ניט דערשראקען; כ'ליעב נאָר ניט ווען אויף מיר גיסט.

אַלע לאַכען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ס'איז אויך אנ'אמת... נו פאלק, ווילסט מיר טאַקי ניט זאגען פאר וואָס דו ביזט די גאנצע צוויי וואכען ביי מיר ניט געווען?

פ א ל ק

ווירקליך, איך וויים אליין ניט ווי די צוויי וואכען זענען אריבערגע־לאָפען. אביסעל בין איך געווען פערנומען מיט מיין אייגענער זור־מער־וואוינונג; אביסעל צייט האָט פערנומען ביז איך האָב איינ־געאָרדענט אַט די דאָזינע צוויי פריילינס... איך האָב דיר טאַקי אין אמת'ען אזוי געפעלט?

ר אַ ל א נ ד

און איך האָב גאר ניט געוואוסט, הערר פאלק, אז צוליעב אונז פער־

לאָזט איהר אַזאַ גוטען פריינד.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אויב זיין צייט איז אוועק פאַר אַזאַ נוצליכען צוועק בין איך געווים צופרידען. איך האָב געוואָלט מיט דיר וועגען איינינע זאכען אי־בעררעדען.

פ א ל ק

האָסט דאָך מיר געקענט אנשרייבען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אבער דאָס איז דאָך אַלץ אזוי אונוויכטיג. עס לוינט נאר ניט צו רעדען וועגען דעם. נו און איהר פריילין, איהר האָט זיך פריהער גוט דערשראָקען? אָך דער פריהלינגס רעגען... ווי איך זעה האָט איהר ליעב צו שווייגען.

ל ע נ ט ע ר

ס'איז אייננענעהמער צו הערען ווען יענער רעדט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וועל איך שווייגען און געבען די מעגליכקייט אנדערע צו רעדען. אַלע שווייגען. הייסט עס דאס אין גאנצען האָב איך אויסגעפיהרט?

פ א ל ק

דאָס וואסער טריפט זיך פון אויבען; האָט נאר קיין דרך־ארץ ניט פאר אנ'אלטען זילבערנעם בעכער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ניט פון רעספעקט וועגען האָב איך איהם אונטערגעשטעלט.

פ א ל ק

מען קען ארויפגעהן צו דיר אויבען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיט פערגניגען. צו ראלאנד. אפשר ווילט איהר אויך בעקוקען מיינע ארבייטען — כ'וועל אייך פיהרען.

ר א ל א נ ד

איך וועל זיי נאָך זעהן. מיר איז דאָ אזוי בעקוועם, אז כ'פויל מיר אויפצוהויבען פון אָרט.

לענטער

און מיר ווען איהר ערלויבען גענהן צו אייך אויבען?

ברוינשטיין

געוויס, געוויס!

פאַלק און לענטער גענהן אַרויף אויבען.

ראַלאַנד

דאָרט איז עס אייער ארבייט-צימער?

ברוינשטיין

יא, מיין ארבייט-צימער. אבער מיין ארבייט זעהט אויס פאַר דער וועלט-זעהר אונוויכטיג. איך מאַך שפּילצייג פאַר קינדער.

ראַלאַנד

מיר האָט הער פאַלק דערצעהלט. ער האָט אייך זעהר ליעב. ער רעדט מיט בעגייסטערונג וועגען אייך.

ברוינשטיין

אַ וואונדער.

ראַלאַנד

ער האָט אונז שוין לאַנג געוואָלט פיהרען בעקאַנט מאַכען מיט אייך. מיר זענען נאָך אַלץ ניט געווען איינגעאָרדענט. פרײלין לענטער, דאָס איז מיינע אַ פריינדין. מיר וואוינען צוזאַמען.

ברוינשטיין

זענט איהר שוין לאַנג דאַ?

ראַלאַנד

עטוואָס מעהר ווי צוויי וואָכען. אויב מיין פריינדין וועט נאָר ניט האָבען דאַגעגען וועל איך דאַ בלייבען דעם גאַנצען זומער. זי האָט זעהר פיינד צו זיצען אויף איין אָרט. פריהער בין איך געווען אַזוי און איצטער איז עס איבערגעגאַנגען צו איהר.

ברוינשטיין

קומט איהר פון ווייט, אויב מען קען פרעגען?

ראַלאַנד

איך? פון וואַנען איך קום? ווי זאָל איך אייך זאָגען? איך בין

דאַס קינד פון דער וועלט. און געבוירען בין איך געוואָרען אין פּאַ־ריז אונטער דעם בריק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען. אויף דעם טייך סען איז דאָ אַזאַ בריק.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַך, דאַס איז אַ צו ערענסטער וויץ.

ר אַ ל אַ נ ד

ס'איז קיין וויץ ניט און ס'איז גאָר ניט אַזוי ערענסט ווי איהר מיינט. דאַס קינד פון דער וועלט — גאַנץ איינפאַך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

עס קלינגט אַזוי זאָנדערבאַר.

ר אַ ל אַ נ ד

לאַכט.

איך האָב ניט געגלויבט אייך צו פעראינטערעסירען מיט אַזאַ קליי־נינקייט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

געפעלט אייך פאַלק? מיין פאַלק — אַזוי רוף איך איהם. דער איינציגער וואָס איז צוגעבונדען צו מיר.

ר אַ ל אַ נ ד

איהר זענט דאָך אַזוי ניט עהנליך איינער צום צווייטען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר פאַרשטעהט עס אַביסעל צו איינפאַך — איהר וועט מיר ענט־שולדיגען וואָס איך דריק מיר אַזוי אויס. איך בין דאָך אַן'אַלטער מאַן — מעג איך דאָך געוויס. איך מיין צו זאָגען, אַז די איינצי־גע צייט ווען עס ליגט אַ דייטליכער וועג צווישען איינעם און דעם צווייטען איז דאָס אין דער צייט ווען מענשען זענען נאָך קינדער. יעמאָלט ליגט צווישען פערשיידענע כאַראַקטערע זאָגאָר אַ גלייכער וועג. דאָס קינד וואַקסט אויס און דער גלייכער, ברידערליכער וועג ווערט מיט גראָז פערוואַקסען; מען בעדאַרף איהם אָבער קענען אויפזוכען. דער וועג איז פאַרהאַנען.

ר א ל א נ ד

פאלק, זעהט אויס, ווי ער וואָלט נאָך רעכענען די גאנצע וועלט איינצונעהמען און איהר...

א פ ר י ם

און וואָס וועט איהר זאָגען וועגען מיר?

ר אָ ל א נ ד

איהר שטעהט מיט דער פלייצע צום גאנצען לעבען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאכט גוטמוטיג.

אָ, איך וועל איהם ארויסטרייבען פון מיין שטוב. ער האָט אייך זעהר ניט ריכטיג איבערגעגעבען וועגען מיר, מיר האָבען דאָך ביידע אבגעמאכט צווישען זיך, אז צוזאמען וועלען מיר דאָס לע־בען פאנגען אין אונזער נעץ און גלייך אויף גלייך זיך צוטיילען. אזוי טהוט א פריינד? מיר לאָזט ער מאכען שפּילצייג פאר קינדער און אליין — ניט שעהן: ניט שעהן.

ר א ל א נ ד

לאכט צופרידען.

ניין, ניט הער פאָלק האָט מיר געגעבען וועגען אייך אזא פאר־שטעלונג, דאָס איז מיין אייגענע מיינונג. און מיט אייערע שפּיל־צייג — איז עס ערהענסט אדער נאָר א וויץ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דער גרעסטער ערענסט אין מיין לעבען. מיינע שפּילצייג האָבען שוין א נאָמען אין דער קינדער וועלט. איך האָב מיין אלטען אגענט, בערמאַן, ער פערברייט עס מיין סחורה. זעהר אָפט טרעפען שוין די קינדער צו מיר א היים. איך האָב היינט אויך שוין עטליכע געסט געהאַט. געקומען פרעגען אויף מיין ארבייט. צופרידען שטעלען קינדער. ארויסרופען ביי זיי פרייד דאָס איז מיין גרעסטער אידעאַל.

ר אָ ל א נ ד

געהט פּלוצלונג צו ברוינשטיינען, דריקט איהם די האַנד.

איך וויל זיין אייער פריינד, הער ברוינשטיין.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יוּאס מיט אַ פריינד מעהר — אַלץ בעסער. פריינד פון ווייטען, פריינד פון נאָהנטען, יעדע האנד וואָס ווערט אפּענהארציג דער־לאַנגט איז געבענשט.

ר אָ ל אַ נ ד

איך האָב זעהר פיעל מיט אייך צו רעדען, איך בין זיכער, אז כ'וועל נאָך האָבען דעם פערגניגען אייך צו זעהן ביי אונז.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי ער וואָלט עס ניט הערען.

ר אָ ל אַ נ ד

קען זיך ניט בעהערשען.

איך האָף, אז אין געוויסען ארט וועט איהר מיר קענען צו הילף קר־מען. איך האָב זעהר פיעל... הער ברוינשטיין... איהר זענט געוועזן פרעהליכער ווען איך בין געקומען אהער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר זעהט, דער בעכער איז שוין פול מיט וואסער.

ער נעהמט אַרויס פון שראנק אַ צווייטען בעכער און שטעלט אונ־טער.

ר אָ ל אַ נ ד

ווי איינפאַך עס זעהט אויס ווען איהר טהוט עס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיט וואָס איז דען רעגען־וואסער ביליגער ווי וויין? וויין ליעבען די גרויסע און רעגען ליעבען די קליינע. גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען פאר די קליינע קינדערס וועגען. האָט איהר עס אמאָל געזונגען ווען איהר זענט נאָך געוועזן אַ קינד ביי אייער מוטער — ניט ביי דער וועלט?

ר אָ ל אַ נ ד

הער ברוינשטיין, איך וויל פון אייך נאָך אמאָל בעטען אייער פריינדשאפט. איך וויל איהר זאָלט עס מיר צוזאָגען. איך וויל עס פון אייער מויל הערען.

זי לאָזט אַראָב געבען איהם איהר הענטשקע, און ווען ער בויגט

זיך איין דאָס אויפצוהויבען, נעהמט זי אָרום פעסט זיין גרויען קאָפּ און קוסט איהם שטיל. און ביז ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אויסצוגלייבען, זיך ארומזעהן, געהט זי שנעל פון צימער ארויס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איבעראַשט. בעטראַכט אַ רגע די הענטשקע וואָס אין זיין האַנד און באַלד לאָזט ער זיך צום טיר רופענדיג: „פריילין ראלאנד!" ער בעקומט ניט קיין ענטפער. אַ שמייכעל בעווייזט זיך אויף זיין פּנים און ער זעהט אויס ווי אַ קינד, וואָס מען האָט עס דערשראָקען און איבעראַשט צוזאַמען.

פ אַ ל ק און ל ע נ ט ע ר קומען אַראָב.

ל ע נ ט ע ר

מיר איז דאָ שרעקליך לאַנגווייליג.

פ אַ ל ק

אַבער כ׳בעט אייך בעלעדיגט איהם ניט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אייער פריינדין, ווי עס שיינט, איז אוועקגעגאַנגען.

פ א ל ק

ווי עס שיינט? האָט נאָר קיין אבשייד ניט גענומען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קוקט אויף דער הענטשקע וואָס ביי איהם אין האַנד.

ל ע נ ט ע ר

דאָס איז דאָך איהר הענטשקע.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו לענטער.

האָט איהר זיך נאָר ניט אויסגעקליבען דאָרט ביי מיר אויבען?

ל ע נ ט ע ר

מיר געפעלט ניט אייער ארבייט. איך האָב ליעב צו זאָגען דעם אמת.

א פ ר י ם

אַמאָל איז אַ ערליכער גענגער זעהר נויטיג.

ל ע נ ט ע ר

איך זאָג שטענדיג דעם אמת, נאָר מיינע בעקאַנטע ווילען עס ניט ליידען.

פ אַ ל ק

איך האָב ניט ליעב צו הערען אייער אמת. אלזאָ, אפרים, ווי איך זעה ווילסטו איך זאָל דיך בעפרייען פון דער הענטשקע. גיב זי מיר, איך וועל זי אבגעבען פריילין ראלאנד. א גוטען טאָג, אפרים. איך וואָלט נאָך געבליבען אביסעל ביי דיר נאָר איך בין אונרוהיג וועגען פריילין ראלאנד.

ל ע נ ט ע ר

און דאָצו וויל איך אויך א היים.

געזעגענט זיך אָהן ווערטער מיט אפרים'ען.

פ אַ ל ק

קוקט נאָך צו אפרים'ען, ווי ער וואָלט עפּעס ווילען דערגעהן.

ל ע נ ט ע ר

איך האָב קיין געדולד ניט מעהר צו וואַרטען. איך קען אליין גע־פינען דעם וועג.

פ אַ ל ק

ענטשולדיגט איך נעה שוין. גריס דיין מוטער, אפרים.

געהען אַרויס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעצט זיך אויפ'ן דיוואַן. ווי ער וואָלט זיך איבערלעגען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער געהט צום טיש און נעהמט דאָס מילכעל זיינס; זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט. ער ציהט פאר'ן פאָדים און די פליגלען הויבען זיך אָן צו דרעהען. קינדעריש בעגייסטערט.

צווייטער אקט

אַ גרויסער צימער אין אַ האָטעל ביים ים. אין הינטער־גרונד אַ טיר און אַ טעראַסע צום ים אַרויס. לינקס אַ טיר אין אַ צווייטען צימער אריין. רעכטס אריינגאַנגס טיר. פריהלינג. פארנאכט. אין אַ זייטיגען צימער שפּילט מען פּיאַנאָ.

לענטער

ליגט בעקוועמליך אין אַ וויג שטול, רויכערט אַ פּאַפּיראָס. שטעהט אויף, געהט צו א שראנק, גיסט זיך אָן אַ גלעזעלע ליקיאָר טרינקט אויס און געהט צוריק אויף פריהערדיגען פּלאַץ. רעדט צו דער טיר צו, לינקס.

וואָס טהוסטו דאָרט רונדזשע? ווערסט מיר ניט ענטפערען? איז ניט. מיינסט טאַקי מיך אבצוגעוואוינען פון מיינע חטאים? אדער אפשר מיינסטו... ווילסט ניט ענטפערען. איך האָב היינט מעהר ווי ליקיאָר ניט געטרונקען. וויפיעל? דאָס איז שוין קיין אונטערשייד ניט — אָבער מעהר ווי ליקיאָר האָב איך ניט געטרונקען. וואָס טהוסטו דאָרט?... אזוי הייסט עס. אויף דער עלטער זיך פערליעבט און דוקא אין אנ׳אַלטען מאַן. כאַ—כאַ—כאַ... צייטען בייטען זיך, רונדזשע; אמאָל האָב איך זיך געשעמט צו זעהן ווי אויסגעלאַסען דו ביזט. כ׳האָב געמיינט, אז גאַנץ פאריז ווערסטו פארברענען און וויען און בערלין, כא — כא — כאַ.. און איצטער הייסט עס שעמס־טו זיך מיט מיר. אבער צושייהען זיך מיט מיר פאַלט דיר נאָר ניט איין? וואָס זאָגסטו?

ראַלאַנד

אין אַ ווייסען באָטיסט־פּעניואַר, די האָר צולאָזען און מיט אַ קאַם אין האַנד האַלט זיך אין פארקעמען. קומט אַרויס.

ביז וואַנען דו ווערסט מיך רופען — רונדזשע, וועל איך דיר ניט ענט־פערען.

ל ע נ ט ע ר

חנה ראלאנד איז שעהנער. מיט אזא נאמען ווי חנה מעג מען פריי־טאג פאר נאכט ליכט בענשען אויך.

ר א ל א נ ד

איך וועל נאך ליכט בענשען אויך, און איך וועל מיט פערגעניגען קוקען ווי דו וועסט פון טאג צו טאג אלץ טיעפער זינקען.

ל ע נ ט ע ר

ווילסט איך זאל דיר דערמאנען ווער ס'האט דיר דעם נאמען רונדזשע געגעבען?

ר א ל א נ ד

איך אליין האב מיר דעם נאהמען געגעבען און איצטער וויל איך דעם נאהמען ניט מעהר.

ל ע נ ט ע ר

אדאלף פאלק איז א מענש פון היינטיגער צייט. גלייך פון דעם ערש־טען טאג אז בעציהט ער זיך צו דיר ווי צו איין אויסגעלאסענע פרוי. מיינסט אפשר, אז מיט דיין נאהמען „חנה ראלאנד" וועסטו פער־דעקען דיין אויסגעלאסענעם פנים? דיין פנים איז אויסגעלאסען, דיינע אוינען.

ר א ל א נ ד

כאפט איהר פאר ביידע הענד.

איך היים דיר שווייגען.

ל ע נ ט ע ר

ווי דיינע הענד ברענען! דיינע אויגען ווי זיי ברענען . . . דאס איז אלץ פון ליעבע צום אלטען נאר? וועסטו זיך אפשר שיידען מיט מיר?

ר א ל א נ ד

איך מיט דיר? דו ביזט מיר זעהר נויטיג, איך וועל זיך מיט דיר נאך ניט אזוי גיך שיידען, וואס טיעפער דו וועסט זינקען אלץ העכער וועל איך זיך אויפהויבען.

ל ע נ ט ע ר

נארישקייטען, ווען דער אלטער מלאך וועט קומען מוז איך מאכען ער זאָל רויט ווערען פאר שאנדע.

ר א ל א נ ד

דו וועסט יעמאלט אוועקגעהן פון שטוב.

ל ע נ ט ע ר

אבער דו וועסט מיך ערלויבען דורך א שפארינע קוקען ווי אזוי איהר וועט אויסזעהן? ניין, פאר מיר איז ניטאָ קיין חנה ראלאנד, פאר פאר מיר עקזיסטירט נאר רונדזשע, די געבארענע קאקעטין, וואָס האָט ליעב געהאט צו צינדען אויף רעכטס און אויף לינקס. פאר אנ'עפענטליכע פרוי האסטו מיך געמאכט, ביז דיר בין איך געווען א פליג וועמען א קליין קינד האָט געקענט פערטרייבען, ווען כ'האָב דיך דערקענט האָב איך איצטער פערשטאנען ווער איך בין. צום טייוועל! ניט קיין קייזארים געוועלטיגען — עפענטליכע פרויען רעגירען אויף דער וועלט, כא־כא־כא, דיינע ווערטער, רונדזשע.

ר א ל א נ ד

מאַכט זיך גאָר ניט הערענדיג; רופט צו זיך לענטער, און דער־לאנגט איהר דעם קאם.

ל ע נ ט ע ר

שטעלט זיך אויף די קניה און קאמט ראלאנדס קאָפּ.

ר א ל א נ ד

ווי מיינסטו ער וועט קומען?

ל ע נ ט ע ר

מיין קאָפּ קריכט אויס און דיינע האר ווערען אלץ לענגער און לענ־גער.

ר א ל א נ ד

וואָס מיינסטו, ער וועט קומען?

ל ע נ ט ע ר

פאלק אליין וועט זעהן, אז ער זאָל ניט קומען.

ר א ל א נ ד

פאלק? איך האב איהם פיינד: ער ווייסט עס.

ל ע נ ט ע ר

דאריבער וועט ער איהם ניט ברענגען.

ר א ל א נ ד

ער וועט יא קומען, ער וועט יא קומען!

ל ע נ ט ע ר

פאלק אליין האט איהם געזאגט . . .

ר א ל א נ ד

פאלק האט איהם גאר ניט געזאגט.

ל ע נ ט ע ר

האט ער איהם גאר ניט געזאגט. פאלק איז אייפערזיכטיג. ער וועט איהם היינט אויך ניט ברענגען ווי ער האט איהם די גאנצע צוויי וואכען ניט געבראכט. ער איז גאר ביי איהם די גאנצע צייט אפילו ניט געוועז.

ר א ל א נ ד

אויב פאלק וועט קומען אליין, וועל איך צו איהם ניט רעדען.

ל ע נ ט ע ר

געה צו איהם אהיים.

ר א ל א נ ד

ניין ער וועט אהער קומען! און איך בעט דיר, אז ער וועט קומען זאלסטו נעהמען פאלקען און אוועקגעהן פון שטוב.

ל ע נ ט ע ר

נאר טאמער קומט פאלק אליין זאלסטו אוועקגעהן און מיר לאזען אליין מיט איהם.

ר א ל א נ ד

איך קען דיר פערשאפען דעם פערגעניגען.

ל ע נ ט ע ר

און דאצו רעכען איך אין ניכען זיך צו בעקענען מיט פאלקס פער־מעגען. ער בעריהמט זיך אז ער איז זעהר רייך. איך וויל עס טאקע

זעהן. עס וועט דאָך שוין ווייטער אויך אזוי נעהן : איך וועל פער־
דינען נעלט און דו וועסט פיהרען די ווירטשאפט.

ר א ל א נ ד

דו וועסט פיהרען די ווירטשאפט אויך.

ל ע נ ט ע ר

איך וועל פיהרען די ווירטשאפט אויך און דו וועסט פיהרען א
ליעבע.

ר א ל א נ ד

יא, איך וועל פיהרען א ליעבע... פערדעקט מיט די הענד דאָס גע־
זיכט. אַ, ווען איך פערמאך די אויגען זעה איך פאר זיך אזא ליכ־
טיגע וועלט !

ל ע נ ט ע ר

איך קלער נאָר : וואָס פערבינדט אַט די צוויי מענשען צווישען זיך?
יענער אלטער נאר וואָס מאכט שפילכלאך פאר קינדער און דער
פאלק, וואָס האָט אזוי ליעב מיינע שיך צו פערשפיעלען.

ר א ל א נ ד

זעצט זיך אויף איהר פריהערדיגען פלאץ, ווינקט צו לענטער זי
זאָל איהם די האָר קעמען.

ל ע נ ט ע ר

מהוט עס.

דו ביזט די קעניגען — די פערליבטע קעניגען און איך די דינסט־
מיידעל. אַ, מיין קעניגען, דיר איז אביסעל לאנגווייליג. אפשר
זאָל איך דיר א מעשה דערצעהלען פון דיינע אלטע, גוטע צייטען
ווען דו האָסט רעגירט אויף דער וועלט ? און ווער איז דען ניט צו
דיינע פיס געפאלען ! פון דעם מאטראָז מיט הענד ווי ברעטלאך
ביז צום קעניג פון אלע קעשענע גנבים. און די שעהנע יונגענד וואָס
נארט אַב דעם טאטען, נארט אַב דער מאמען . . .

ר א ל א נ ד

נאאיוו.

ווענע וועמען דערצעהלסטו עס מיר ?

ל ע נ ט ע ר

איך דערצעהל עס פון אַ קינד פון דער וועלט, וואָס האָט ליעב גע־
האָט יונגע מענער און זיסען וויין און האָט ליעב געהאָט . . .

ר אַ ל אַ נ ד

ווענען וועמען דערצעהלסטו עס מיר ?

ל ע נ ט ע ר

אומזיסט, פאלק וועט איהם היינט ניט ברענגען.

ר אַ ל אַ נ ד

געהט צום שראנק גיסט אָן אַ גלעזיל קאָניאַק, דערלאַנגט לענטער.

ל ע נ ט ע ר

אַ דאנק. ווי דו האָסט פערשטאַנען מיין פערלאַנג !

ר אַ ל אַ נ ד

גיסט אָן ווידער.

טרינק נאָך.

ל ע נ ט ע ר

מיינסט מיך אנצו'שיכורען איך זאָל שווייגען ? גוט.

ר אַ ל אַ נ ד

ווילסט נאָך ?

ל ע נ ט ע ר

קושט ראלאנד די האנד.

די פינגער וועל איך קושען, וואָס האָבען זיך נאָך ניט אָבגעוואוינט
צו טהאָן דאָס, וואָס דאָס לעבען פאָדערט. טרינקט. אָבער דיינע
ליפען קוש איך ניט מעהר, ווייל דיין מויל רעדט נארישקייטען.

זי לאָזט זיך אראָב אויפ'ן וויג שטול.

ר אַ ל אַ נ ד

איצטער שווייג. קיין וואָרט ניט מעהר.

ל ע נ ט ע ר

לאַכט.

ר אַ ל אַ נ ד

לאַכען מעגסטו, ווײנען מעגסטו אָבער רעדען — ניט. אויב דו

וועסט מיר פאָלגען ווי דו האָסט שטענדיג געפאָלגט . . . לאַך לאַך, וויפיל דו ווילסט. ווען דו האָסט יעמאלט אָנגעהויבען ביי מיר אויסצופרעגען פאר וואָס איך בין אליין אהיים אָנקלאַפּען פון איהם האָב איך דיר געוואָלט דערשיסען. זי בעקומט פון לענטערס האלז, אויף א גאָלדענעם שנירעל העגגענדיג, א קליינעם גאָלדענעם רעוואָלוועך. מיין רעוואָלווער טראָגסטו? גוט, איך וועל נאָך בעשטעלען דורך פאלקען קוילען פאר איהם. די צייט וועט קומען ווען דו וועסט זיך אליין אריינשיסען א קויל אָט אויף דעם פלאַץ אויפ'ן ברוסט וואו ער הענגט ביי דיר שטענדיג . . . שווייגסט, האָב איך דיר ליעב. בעהאלט דעם רעוואָלווער אויף איהר אייגען האלז. ווען ער וועט זיין אָנגעלאדען וועל איך דיר איהם געבען. און צו מיר זאָלסטו מעהר קיין מאָל ניט רעדען; קיין מאָל ניט. און דערפאר ווען דו וועסט שוין ליגען א טויטע וועל איך דיר אָט אזוי א קוש געבען אויף דיינע ליפען? שווייגסט? הייסט עס, אז דו זאָגסט צו. מעגסט טרינקען וויפיל דו ווילסט. מעגסט רעדען דאָס אויסגעלאסענסטע — נאָר פאר פאלקען . . . ביזט אטייל פון מיר אליין : א גליד פון מיינע גלידער נאָר איך שנייד דיך אָב פון זיך . . . ווי ליעב איך האָב דיר איצטער !

קושט איהרע ליפען, עס זעהט אויס, אַז לענטער איז איינגעשלאָפען.

ל ע נ ט ע ר

ברומט עפּעס פון שלאָף.

ר א ל א נ ד

ניט רעד, ניט רעד. אָט אזוי . . .

זי זעצט זיך נעבען לענטער אויף דער ערד. שטעלט א שפּיגעל אויף די קניה און וויקעלט די האָר ארום קאָם מען קלאַפּט אין טיר. זי שפּרינגט אויף פון איהר פלאַץ לאָזט פאלען דעם קאם און שפּיגעל, לויפט צום טיר, עפענט זי אויף, טרעט באלד צוריק.

פ א ל ק

קומט אריין בלייבט ביים טיר.

ר א ל א נ ד
נו ?

פ א ל ק
איך פערשטעה ניט וואָס איהר מיינט.

ר א ל א נ ד
ער וועט קומען ?

פ א ל ק
אַט בין איך דאָך געקומען.

ר א ל א נ ד
איך פרעג דאָך אויב ער וועט קומען ?

פ א ל ק
מיר איבערראשט אזא טאָן.

ר א ל א נ ד
איהר ווייסט, אז איך בין אנ'עפּענטליכע פרוי ?

פ א ל ק
וואָס מיינט איהר מיט דעם ?

ר א ל א נ ד
איהר ווייסט, אז איך בין אנ'עפּענטליכע פרוי ? איך האָב עס אייך ניט געזאָגט, אָבער איהר אליין ווייסט עס ?

פ א ל ק
ניין, איך ווייס ניט.

ר א ל א נ ד
אויב אזוי זענט איהר קיין מאַן ניט. און איהר מיינט, אז איהר האָט ערפאָלג ביי פרויען.

פ א ל ק
אין גאָטעס ווילען, פריילין ראָלאנד.

ר א ל א נ ד
וואָס זענט איהר אזוי פערוואונדערט ?

פ א ל ק
איהר מיינט מיך צו בעליידיגען ; צום סוף בעלעדיגט איהר נאָר

זיך אליין.

ר א ל א נ ד

איהר האָט געזעהן ברוינשטיינען ?

פ א ל ק

איך וויל, איהר זאָלט מיר פריהער ענטפערען אויף מיין בעגריסונג.

ר א ל אנ ד

איהר האָט מיך ניט בעגריסט ווען איהר זענט געקומען.

פ א ל ק

מעגליך. אייער אויפנאמע, האָט מיך אזוי איבעראשט.

ר א ל א נ ד

יעדען טאָג פרעג איך ביי אייך פאר וואָס ער קומט ניט און אויפ'ן אנדערער טאָג קומט איהר ווידער אליין. איך וויל אייך זאָגען איין מאָל פאר אלע מאָל, אז אזעלכע ווי איהר ענטרעסירען מיר ניט. אזעלכע ווי איהר האָב איך אין דער גרויסער וועלט גענוג בעגעגענט. וועקט לענטער. פייגעלע שטעה אויף !

פ א ל ק

פריילין ראָלאנד...

ר א ל נ ד

פייגעלע שטעה אויף !

ל ע נ ט ע ר

עפענט די אויגען.

הא, הער פאלק. דערלאנגט איהם די האַנד פון איהר פלאַץ האַלב ליגענדיג. זעצט זיך אַט דאָ.

זי ציינט איהם א פלאַץ נעהבען איהרע פיס.

פ א ל ק

מיט פערגעניגען, נאָר צו מיינט איהר ווידער מיך בעליידיגען ?

ל ע נ ט ע ר

ווער בעליידיגט אייך ? מיין קינד, ווער בעליידיגט אייך ?

פ א ל ק

וואָס איז מיט פריילין ראָלאנד ?

ל ע נ ט ע ר

זי איז פערליעבט; נאר ניט אין איך.

ר א ל א נ ד

גיט איהם די האנד.

נו שוין איך פערציי איך; זעצט זיך אט דא, אדער וואו איהר ווילט.

פ א ל ק

איהר האט מיך בעלעדיגט און איהר פערצייעט. מיר — דאס קע־נען נאר פרויען.

ר א ל א נ ד

כ'האב נאר שפאס געמאכט.

ל ע נ ט ע ר

זי האט ערנסט געמיינט.

ר א ל א נ ד

אמת. איך בין גאנץ ערנסט.

פ א ל ק

וואס, אייגענטליך פערלאנגט איהר פון מיר? איך האב אייך דא איינגעארדענט; איהר שפירט זיך דא גאנץ גוט. איך קען שוין געהן פון דאנען.

ר א ל א נ ד

נעהמט פאלק'ן פאר'ן האנד און זעצט איהם, אנידער.

דערצעהלט מיר, ווער איז דער דאזיגער מענש צו וועמען איהר האט מיך געפיהרט מיט צוויי וואכען צוריק?

פ א ל ק

דאס איז אפרים ברוינשטיין.

ר א ל א נ ד

ווער איז ער?

פ א ל ק

אנ'אלט קינד. איך האב אייך געגנוג וועגען איהם דערצעהלט אנ'־אלט קינד און מעהר ניט.

ר א ל א נ ד

ס'איז ניט אמת, ער איז ווי דער פריהלינג רעגנז, וואָס מאכט בליהען פערפרוירענע און פערטריקענטע לעבענס.

פ א ל ק

אפשר זענט איהר גערעכט.

ר א ל א נ ד

וואָס בינדט אייך צו צו איהם?

פ א ל ק

איך האָב איהם צייט דאמאָלס מעהר ניט געזעהן.

ר א ל א נ ד

ניט געזעהן? ווארום?

פ א ל ק

איך קען איהם מעהר ניט זעהן.

ר א ל א נ ד

איך וויל וויסען ווארום?

פ א ל ק

איך וויל ניט רעדען מיט איהם וועגען אייך.

ר א ל א נ ד

איהר ווייסט פאר וואָס איך בין יעמאָלט פון שטוב אוועק?

פ א ל ק

איך שטויס מיר אָן.

ר א ל א נ ד

איהר ווייסט גאר ניט. איהר זענט צופיעל פערליעבט אין זיך. איהר גלויבט צופיעל אין אייער אייגענעם ערפאָלג. איהר זענט איבער־ציינגט, אז פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן קען איך גאר אָן אייך ניט פערגעסען. אָט ווער ס'איז אין אייך פערליעבט. צייגט אויף לענ־מער. זי איז שיכור. זי שלאָפט און זעהט אייך אין חלום.

פ א ל ק

ס'איז בלויז געווען אן איידעלקייט פון מיר ווען איך האָב מיין צייט פערבראכט אייך איינצוואָרדענען. איהר, ווי איך זעה, ווייסט עס

זאגאר ניט ווי אבצושאצען. אויב איך קום אהער, ס'איז פאר מיר א פליכט — ווייל איהר זענט דא פרעמדע.

ר א ל א נ ד

אפשר זענט איהר גערעכט. איך בין צופיעל געוואוינט מיט דעם אנדערען זיך צו שאפען. אזוי האט מען מיך געלעהרענט.

פ א ל ק

איהר האט זיך מיט מיר ניט נעשאפט.

ר א ל א נ ד

איך בין ניט אויסען אייך.

פ א ל ק

ער נעהמט איהר האנד.

פריילין ראלאנד, איך פערליר מיר היינט אין גאנצען ביי אייך אין הויז. וואס קומט דא היינט־פאר? אייער פריינדין — אדער זי מאכט זיך — אדער זי שלאפט אויף אנ'אמת און איהר...

ר א ל א נ ד

זעהר וויכטיגעס איז געשעהן. איהר קענט גאר קיין בעגריף ניט האבען וואס עס איז געשעהן. זי בעקומט פון א קופערט א קעסטעלע מיט צירונג. איהר זעהט, דאס זענען בריליאנטען, דאס זענען פעריל. דא האט איהר צוויי גרויסע רובינען... זעצט זיך נעבען מיר אויפ'ן טעפיך; אט אזוי. איהר זעהט ווי גרויס אט דער רובין איז? איך וועל זיי אט אזוי אויסלעגען און איך וויל, איהר זאלט זיי מיר שאצען וויפיעל איז איטליכעס בעזונדער ווערט.. כ'מיין ניט איהר זאלט שאצען זייער ווערט אין געלד. איך מיין — אט דער דאזיגער בריליאנט — וויפיעל מיידלישע שעהנקייט און מענשליכען שטאלץ איז ער ווערט?

פ א ל ק

אייער שטאלץ קען מען פאר איהם ניט אבקויפען.

ר א ל א נ ד

אמת. נו, און דער שנור־פעריל — ווען יעדער פעריל בעטרעפט איין ביסעלע געפיהל, איין שטראל האפנונג — ווי גרויס בעדארף זיין

דאָס האַרץ וואָס זאָל קענען אין זיך אַריינגעמען די וואָג און מאָס האָפנונג און געפיהל, וואָס די אַלע פּעריל בעטרעפען?

פּ אַ ל ק

ביי איך אין האַרץ וועט זיך עס זעהר לייכט בעהאַלטען.

ר אַ ל אַ נ ד

אַלץ שעהן. זעהר קלוג. איך בין שטאָלץ. איך האָב אַ גרויס און ברייט האַרץ און דאָך בעדאַרף איך אָנקומען צו אייער איידעלקייט. איהר זאָלט פערשטעהן וואָס איך פערלאַנג. איהר ווייסט, אַז איך בין אַן עפענטליכע פרוי? די גאַנצע וועלט בין איך אויסען געווען. איך בין אַ קינד פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב מיט מיין האַרץ, מיט מיינע געפיהלען, מיט מיין שטאָלץ, מיט מיין יוגענדליכער שעהנקייט געצאָהלט אָט פאַר די אַלע בריליאַנטען פּעריל און רובינען. אָט קוקט זיך צו צו דעם בריליאַנט וועט איהר זעהן, אַז ער שפּיגעלט אָב אין זיך דאָס אייגענע ליכט, וואָס דער שוואַרצאַפּעל פון מיין אויג. זעהט איהר די פּעריל — די פאַרב פון מיינע ציינער, — און דעם רובין זעהט איהר? שטעכט זיך דעם פינגער מיט דער שפּילקע, וואו דער רובין איז איינגעפּאַסט, אויפ'ן פינגער שפּראָצט אַרויס אַ טראָפּען בלוט. זעהט איהר!

פּ אַ ל ק

וואָס האָט איהר געטהאָן?!

ר אַ ל אַ נ ד

איהר וועט באַלד זעהן, אַז איהר בלוט האָט אויך דעם אייגענעם קאָליר. איידער פאַלק האָט נאָך צייט זיך אַרומצוקוקען, כאַפּט זי לענטערס האַנד, וועלכע הענגט אַראָב פון וויג־שטול און שטעכט מיט דער אייגענער שפּילקע. איהר זעהט? דער אייגענער פאַרב!

ל ע נ ט ע ר

שפּרינגט אויף אַ געשריי געבענדיג. קוקט צום פינגער אויף וועלכען ס'האָט זיך בעוויזען אַ טראָפּען בלוט. רעדט גאָר ניט.

ר אַ ל אַ נ ד

זעהט איהר, אַז איהר בלוט איז אויך אַזוי. אָבער אייער בלוט...

שרעקט זיך ניט. איך וועל אייער פינגער קיין בייז ניט טהאָן. כאַפּט אָרום פייגעלען׳ אַ פייגעלע! שווייגסט... עס טהוט דיר וועה...

קושט זי היים אויף איהרע ליפּען.

פ אַ ל ק

פריילין לענטער...

ר אָ ל אַ נ ד

זי וועט אייך ניט ענטפערען.

פ אַ ל ק

איך הייב אָן צו גלויבען, אז דאָ קומט פאר א טעאַטר פארשטעלונג. אויב איהר שפּילט פאר מיר ווירקליך טעאַטר, בעדאַרף איך אייך זאָגען, אז איהר זענט אַנ׳אויסגעצייכענטע שוישפּילערין.

ר אָ ל אַ נ ד

כא — כא — כא — געווים א פארשטעלונג! און איהר האָט זיך בלויז איצטער ארומגעזעהן — אַט א קלוגער מענש!

פ אַ ל ק

א שעהנעם סורפּריז האָט איהר מיר צוגעגרייט. כא—כא—כא—...

ר אָ ל אַ נ ד

געפעלט עס אייך?

פ אַ ל ק

געווים געפעלט עס מיר. און פריילין לענטער, זי שפּילט די שטומע אָדער די שלעפריגע?

ר אָ ל אַ נ ד

זי שפּילטביידע ראָלען צוזאַמען.

פ אַ ל ק

ס׳איז אמת, פריילין לענטער, איהר שלאָפט?

ר אָ ל אַ נ ד

איצטער שלאָפט זי ניט. איצטער איז זי שטום.

קושט זי אויף די ליפּען.

ל ע נ ט ע ר

הויבט זיך אויף, נעהמט פאלק׳ן פאר׳ן האנד.

קומט מיט מיר צום ים ארויס.

פ אַ ל ק

אַט אזוי גאר? א מין כשוף? געווים צום ים. ביים ים איז איצטער בעסער. און איהר פריילין ראלאנד?

ר אַ ל אַ נ ד

איך וועל זיך לעגען שלאָפען. איך בין היינטיגע נאכט שלעכט געשלאָפען.

פ א ל ק

ביים ים וועט איהר זיך דערפרישען.

ל ע נ ט ע ר

איך אליין בין אייך ווינציג?

פ א ל ק

צוויי עמער וואסער, אין יעדער האנד א עמער, איז גרינגער צו טראגען. געהן מיר?

ר א ל א נ ד

הער פאלק, איהר וועט קומען צו אונז נאך אמאל?

פ א ל ק

וואס פאר א פראגע! די פאָרשטעלונג געפעלט מיר אויסגעצייכענט.

ר א ל א נ ד

איהר גלויבט די אלע זאכען וואס איך האב גערעדט?

פ א ל ק

ניין.

ר א ל א נ ד

לאכט.

פ א ל ק

איהר ווילט איך זאל יא גלויבען?

ל ע נ ט ע ר

פיהרט איהם צו צום טיר.

ר א ל א נ ד

מאכט מיט'ן האנד זיי זאָלען שוין אוועקגעהן. אימעצער קלאַפּט אין טיר גאנץ פאָרזיכטיג.

פ א ל ק

מען קען בעטען אריינגעהן?

ר א ל א נ ד

עפענט די טיר, הער פאלק.

זי טרעט אליין אָב אין א זייט.

פ א ל ק

עפענט די טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

בעווייזט זיך אין טיר מיט דער הוט אין האנד.

פ א ל ק

ווען עמען איך זעה!

ל ע נ ט ע ר

קומט אריין, קומט אריין.

ר א ל א נ ד

שטעהט ווי א פערגליווערטע פון ווייטען קוקט צום טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

א גוטען טאג אייך אלעמען. ענטשולדיגט וואָס כ'האָב אייך געשטערט. איך האָב אויסגערעכענט אז דאָ וועל איך איהם געפינען. ביזט מיר, פאלק, די לעצטע צייט זעהר נויטיג געווען.

פ א ל ק

וואָס שטעהסטוביים טיר? קום אריין נעהנטער. עס פעררדיסט מיר זעהר שטארק, אז דו זאָלסט מיך בעדארפען ארומזוכען. די לעצטע צייט בין איך זעהר בעשעפטיגט. געוויס זעהר נויטיג, אז דו האָסט זיך געלאזט מיך זוכען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהר פיל וויכטיגעס. איך מאך אזוי פיל פאַרשריט מיט מיין ארבייט, כ'האָב עס איינפאך דיר געוואָלט דערצעהלען. ווייל דו ביזט

געווען מיין גרעסטער גענגער.

פ א ל ק

איינפאַך דו שיינסט, מיין פריינד!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נו גוויס. אזא זיג . . . צו ראלאנד. איך שטער אייך? איך בין אבער ניט שולדיג. וואָס קען איך מאכען אז מיין אלטער און גוטער פריינד אנקלויפט פון מיר.

פ א ל ק

איך האָב זיך פון דיר ניט דערוואַרטעט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך זעה, אז איהר קלויבט זיך געהן, איך וועל אייך ניט שטערען. איך וויל האָפען אז דו, פאלק, וועסט היינט זיין ביי מיר. מיין מוטער וויל דיך אויך זעהן. זי איז דיינע אגרויסער פריינד.

פ א ל ק

פריילין ראַלאנד, איהר געדענקט, דאָס איז דאָך הער אפרים ברוינשטיין, ביי וועמען איהר זענט די ערשטע וואָך געווען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

געוויס דערקען איך זיי.

פ א ל ק

וועסט אפשר מיטגעהן מיט אונז צום ים?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיט פערגעניגען. איך זעה דעם ים אזוי זעלטען.

ר א ל א נ ד

גערהט צו אפרים'ן, אונטערטעניג ווי אַ קינד.

פערצייעט מיר, הער ברוינשטיין. יא, איהר פערצייעט מיר?

פ א ל ק

בלייב דאַ, אפרים: געהענדיג צוריק פון ים וועל איך דאַ אָבטרעטען און מיר וועלען דאן צוזאמען געהן צו דיר אהיים.

ר א ל א נ ד

צו ברוינשטיינען.

איך בעט אייך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיט פערגעניגען וועל איך דא בלייבען אווילע. מיינע אידעען ווי איך זעה ענטערעסירען אייך ניט. אין דער צייט ציהט לענטער פאלקען ארויס אויף דער גאס. וואס זאגסטו פאלק? אך, ער איז שוין אוועקגעגאנגען. א שלעכטער פריינד. האט מיך אין גאנצען אוועקגעווארפען.

ר א ל א נ ד

ענטשולדיגט מיר, איך בעט אייך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אבער גאט איז מיט אייך, פאר וואס בעט איהר ביי מיר ענט־שולידגונג?

ר א ל א נ ד

איך ווייס, אז איך בין בעגאנגען א גרויסען זינד. איך בין אזוי הילפלאז.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך בין היינט אזוי איבערגליקליך. איינער פון די שעהנסטע טעג אין מיין לעבען. וואו איז ער, פאלק אנטלאפען געווארען? און פריילין: שארע איך האב איהר נאמען פערגעסען — זי איז אויך אוועקגעגאנגען?

ר א ל א נ ד

זי איז אויך אוועקגעגאנגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זיי וועלען, גלויב איך, באלד צוריק קומען? אדער איהר מיינט אז מיר וועט אויסקומען לאנג צוווארטען?

ר א ל א נ ד

איך וויל, איהר זאלט ניט שטעהן ביים טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי ערשט איצט וואלט ער בעמערקט אז ער שטעהט נעבען טיר. ער מאכט עטליכע טריט טיעפער אין צימער אריין. געוויס וועל איך

זיצען אויב איך שטער אייך ניט.

ר א ל א נ ד

זי ציהט ארויס א שטוהל נאהנטער צו איהם. איהר וועט זיך זעצען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

געוויס, געוויס וועל איך זיצען . . . יא, דאַ איז שעהן ; זעהר שעהן. נאָר האָטעלס — איך ליעב זיי ניט, צופיעל מענשען ביי־טען זיך דאַ.

ר א ל א נ ד

קינדיש.

איהר קוקט וואָס איך געה אזוי געקליידעט . . . ביים ים שטערט מען זיך ניט. איך וועל זיך געהן איבערטהאָן. ווארום זיצט איהר ניט.

ב ר ו י נ ש ט י ן

זעצט זיך.

אָט זיץ איך שוין. איהר האָט דאָך געהערט, גלויב איך, וואָס איך האָב גערעדט מיט פאלקען. מיין ארבייט געהט פאָרווערטס אייך פרעהט עס, האָף איך.

ר א ל א נ ד

איך בין גליקליך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר האָט זיך יעמאָלט זעהר שארפזיניג אויסגעדריקט. „א קינד פון דער וועלט“. איך האָב יעמאָלט געקלערט וואָס פאר שפּיעלצייג בעדארף מען מאַכען פאר קינדער פון דער וועלט.

ר א ל א נ ד

האָט איהר עפּעס צוגעקלערט ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר זענט שוין מעהר ניט געקומען. איך האָב געגלויבט, אז איהר זענט שוין אוועקגעפאָהרען.

ר א ל א נ ד

איך האָב יענעם טאָג אזוי פיעל געווײנט. די גאנצע נאכט האָב איך געוויינט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

פאר וואָס ?

ר א ל א נ ד

איך בין אין יענעם טאָג געוועזן זעהר שלעכט. אָ, וואָס איך בין יענעם טאָג בעגאנגען ! ווען איך דערמאָן מיר איצטער בין איך גרייט . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

שטעהט אויף.

ר א ל א נ ד

דערשראָקען.

איהר ווילט אוועקגעהן ?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ניין, ניין . . . איך האָב אייך געוואָלט עפּעס דערצעהלען נאָר איהר זיצט ניט, נאָר איהר...

ר א ל א נ ד

זי זעצט איהם אנידער אויפ'ן שטול און אליין לאָזט זי זיך אַראָב אויפ'ן טעפּיך נעבען איהם.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס איז פיין. גראדע ווי קליינע קינדער. וויפיל יאהר זענט איהר אַלט ? זאָל זיין פופצען : זאָל זיין פופציג נאָר ניט צוואנציג : און נאָר ניט דרייסיג. יענע יאהרען ליעב איך ניט. איך האָב אמאָל זעהר פיעל געררייזט. וועלטען האָב איך דורכ־געמאכט. איך האָב יענער צייט אויסגעמעקט פון דעם חשבון פון מיינע יאהרען.

ר א ל א נ ד

פערוואונדערט.

איהר האָט פיעל גערייזט ?

ברוינשטיין

אבער מיט יאהרען צוריק. מעהר טהו איך עס ניט.

ראלאנד

איך האָב היינט פאלקען געוואָלט ארויסטרייבען פון שטוב.

ברוינשטיין

איז שפּאס געווים.

ראלאנד

איך האָב עס געמיינט זעהר ערנסט.

ברוינשטיין

יער איז זעהר אנשטענדיג.

ראלאנד

ניין, ס'איז ניט אזוי.

ברוינשטיין

איך קען איהם אזוי לאנג. דער איינציגער מענש וועמען איך פער־טרוי אלע מיינע נייע געדאנקען.

ראלאנד

טהוט עס ניט מעהר.

ברוינשטיין

ער איז דאָך אזוי שטאָלץ ; אזוי שעהן.

ראלאנד

ער איזביידע זאכען ניט. איך האָב איהם היינט געוואָלט ארויס־טרייבען פון דעם דאָזיגען צימער, נאָר ער האָט עס ניט פערשטאַ־נען. האָב איך איינפאך אויף איהם מיטלייד בעקומען. פאר וואָס איז ער ביי אייך ניט געוועזען די גאנצע צייט ?

ברוינשטיין

און דאריבער האָט איהר איהם געוואָלט פון צימער ארויסטריי־בען ? איהר זענט א גרויסער וויצלינג, עס געפעלט מיר. דאָס קינד פון דער וועלט און געבוירען געוואָרען אונטער דעם בריק פון אלעק־סאנדער דעם דריטען. איך געדענק דעם וויץ. איך קען דעם פּלאַץ אין פאריז אויך. לאכט גוטמוטיג. יאָ, ער איז ביי מיר די גאנצע

צוויי וואכען ניט געוועזן און מיר האָט עס זעהר געוואונדערט.

ר אָ ל א נ ד

דאָ איז ער יעדען טאָג געוועזן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נאָר גאָט אליין קען אין איין צייט זיין איבעראל — א מענש קען עס ניט בעווייזען. ער איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש . . . איך וואָלט אייך וועלען עפּעס דערצעהלען נאָר איך קוק צו אייך — איהר זענט דאָך נאָר גאר אָ קינד. און אָזוי פאָהרט איהר אום גאַנץ אליין איבער דער וועלט. אָך, יא, איהר האָט דאָך אייער פריינדין. זי פאָהרט דאָך מיט. זי זעהט שוין אויס אָביסעל עלטער און אבי־סעל ערפאַרענער.

ר אָ ל א נ ד

האָלט אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און איהרע טרעהרען פאלען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהר שעהן פון איהם. איך בין דאָך קיין קינד ניט. אויב ער איז ביי מיר די צוויי וואָכען ניט געוועזן — אבי ער האָט פאר דער צייט זעהר פיעל גוטס געטהאָן. ער האָט אייך איינגעאָרדענט. איהר זענט צופרידען בין איך אויך צופרידען. פּלוצלונג פאַלען טראָפּענס טרערען אויף זיין האַנד. איבעראַשט. וואָס איז דאָס? טרעהרען? וואָס איז דאָס פאר א טרעהרען.

ער נעהמט זי פאר ביידע הענד און הויבט זי אויף פון דער ערד.

ר א ל א נ ד

זי שטעהט אונטערטעניג, דער קאָפּ דערנידערט און איהרע טרעהרען פאלען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

טהוט עס ניט. כ׳בעט אייך. איהר רעדט דאָך אָזוי קלוג און אָזוי שעהן. אבער כ׳בעט אייך דאָס איז פאר מיר שווער... מיין לעבען איז דאָך איצטער פערנומען בלויז מיט דעם געדאנק, ווי צו מאכען, אָז קינדערשע טרעהרען זאָלען וואָס ווייניגער פערגאָסען ווערען, און איהר... ער קושט איהר קאָפּ. נאָר ניט וויינען. ס׳איז פאר מיר

שווער. נו, קינד מיינס.

ר א ל א נ ד

זי קוקט איהם אַ צייט גלייך אין די אויגען, ווי מיט חנינה.

איהר זעהט? מעהר ניט. מעהר פאלען שוין נים קיין טרעהרען. דאָס איז געווען די לעצטע קינדערשע טרערען מיינע.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אזעלכע ווערטער זענען אויך איבעריג.

ר א ל א נ ד

געהט אום אויף און אַב.

זעהט איהר? איצטער בין איך מעהר קיין קינד ניט. איך בין אַ שטאָלצע פרוי מיט דרייסטע טריט. מיט זיכערע בליקען. איך בין אזוי שטאָלץ ווי אייער בעסטער און ליעבסטער פריינד אדאָלף פאלק. אזוי רופט איהר איהם. איך וויל זיין גלייך מיט איהם, איך וויל פערנעהמען זיין פלאַץ.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גלייכער ווי ווײנען.

ר אַ ל א נ ד

זי געהט צו איהם און נעהמט איהם פאר ביידע הענדט.

גלייכער ווי ווײנען. קוקט מיר איצטער אין מיינע אויגען. קוקט אויף מיין געזיכט — וואָס דערקענט איהר פון מיינע אויגען און פון מיין געזיכט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אייערע אויגען זענען ליכטיג ווי אלע קינדערשע אויגען נאָך דעם ווי זיי ווײנען זיך אוים אביסעל.

ר אַ ל א נ ד

און מעהר גאר ניט. מיינע אויגען זענען ליכטיג... קינדערשע אונ־שולדיגע אויגען... און מעהר גאר ניט? ווי אונערבארימדיג מיין הארץ ווערט צובראכען!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי ער וואָלט איהרע ווערטער ניט הערען.

וואָרום דאָס איז מיר איצטער אויפ'ן געדאַנק געקומען? נאָר דער־צעהלען ווילט זיך מיר עס אייך. ס'איז אפילו זעהר טרויעריג. דאָך וועל איך אייך עס דערצעהלען. איהר זיצט? דאָס איז זעהר גוט. יא, דאָס איז געווען אין לאָנדאָן אין שפּעטען הערבסט. לאָנדאָן אין הערבסט.

ר אָ ל אַ נ ד

איך ווייס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אזוי אין אָבענד. א געדיכטער נעביל האָט אַלץ ארומגענומען, ווי אין לאָנדאָן. און אויף א נאַסען טראָטואַר וואו ס'געהן אָהן צאָהל מענשען, ביים שיין פון א פענסטער פון א געשעפט איז געלע־גען א פרוי אין די מיטעלע יאָהרען, בלויז אין שמאַטעס ארומגעווי־קעלט. ס'האָט אויסגעזעהן, אז זי איז שיכור. בלויז מיט איין האנד האָט זי בעוועגט. די האנד האָט אויטאָמאַטיש אָבגעדעקט א טייל פון די שמאַטעס אויף איהר לייב און די ברוסט ענטבלויסט, וואָס האָט פאַרגעשטעלט א פלאַכען געלבען שאַרבען און צוויי צוקנייטשטע לעדיגע הויט זעקלאַך. נעבען איהר איז געשטאַנען א הויכער שטאַר־קער פאָליסמאַן אין שווארצען געקליידט מיט א שווארצע קאַסקע אויפ'ן קאָפּ און, אויך גאַנץ אויטאָמאַטיש, האָט ער מיט דער שמור־ציגער שמאַטע איהר ברוסט צוגעדעקט. זי האָט אָבגעדעקט — זאָל די וועלט זעהן — און ער האָט ווידער צוגעדעקט. וואָס ער האָט דאָביי געטראַכט ווייס איך ניט.

ר אַ ל אַ נ ד

וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט ווי פערשטאַרט מיט ברייט אָפע־נע אויגען.

נו? מעהר גאָר ניט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מעהר גאָר ניט. ס'האָט אנגעהויבען א רעגען צו גיסען.

ר א ל א נ ד

גאַנץ אונערוואַרטעט געהט זי צו דער טעראַסע־טיר און הייבט אָן

צו רופען.

פייגעלע! פייגעלע! פייגעלע!

ברוינשטיין

זיי געהן שוין?

ראלאנד

צושראָקען.

איהר ווילט אוועקגעהן? לאָזט מיך ניט אליין.

ברוינשטיין

איך געה נאָך ניט.

ראלאנד

איך האב מורא. זי פערדעקט דאָס געזיכט, ציטערט פאר שרעק. גאָט מיין גאָט ווי שרעקליך!

ברוינשטיין

איך האב ניט געוואָלט דערצעהלען. ווי נאריש איך בין. איהר זענט צו יונג פאר אזעלכע זאכען און איך בין אנ'אלטער נאר.

ראלאנד

לאָזט זיך אראָב אויף דער זאָפע, בעהאַלט דאָס געזיכט.

ברוינשטיין

און איך האב אייך נאָך געוואָלט דאָס אנדערע אויך דערצעהלען. ס'איז קיין וואונדער ניט. מיך האָט עס אלט געמאכט, א לאנגע צייט איז עס געווען פאר מיר ווי א שרעקליכער חלום.

ראלאנד

זי געהט צו איהם.

הער אפרים ברוינשטיין, וויפיעל בעדארף זיך מיין נשמה פלאָגען ביז איך זאָל קענען ווערען אָט אזוי ווי איהר זענט?

ברוינשטיין

פלאגען בעדארף מען זיך ניט, און גרוי ווערען אויך ניט.

ראלאנד

פון וואנען ווייסט איהר ווער איך בין?

ברוינשטיין

איך קוק אויף אייך און איך זעה אז איהר זענט אונשולדיג ווי א קינד.

ראַלאנד

איז עס אמת?

ברוינשטיין

שמייכעלט.

ראלאנד

איך בין פרעך און אונפערשעהמט ווען איך פרעג אייך אזוי.

ברוינשטיין

ניין. אַלע קינדער זענען אַזוי.

ראַלאנד

בין איך דען אַזוי קינדיש?

ברוינשטיין

ווי היינט ערשט געבוירען.

ראַלאנד

פערצווייפעלט.

הער ברוינשטיין...

ברוינשטיין

אייער וויינען און אייער לאַכען בעווייזט עס.

ראלאנד

זעצט זיך נעבען איהם.

לאַזט מיר זיך זעצען, אַט אזוי נאָהנט נעבען אייך, אזוי ווי א קינד. לאַזט מיר איך זאָל ארומנעהמען אייער קאָפּ אַט אזוי. לאַזט מיר קוקען אין אייערע אויגען, אַט אזוי... איהר מאכט שפּילצייג פאר קליינע קינדער. גלייכער וואָלט געווען, אז איהר אליין זאָלט צווישען גרויסע קינדער אומגעהן. — קינדער וואָס האָבען שוין זייערע אוי־גען אויסגעוויינט — און אנצינדען ווידער זייערע אויגען. אזוי ליב־טיג זיי מאכען ווי אייערע אויגען זענען. איהר מאכט הילצערנע שפּילצייג און אייער הארץ בלייבט פאר יעדען קינד פערשטעלט...

עס זענען נאָך דאָ ריינע קוואַלען וואו דער גרעסטער זינד קען אָבגעוואַשען ווערען... איצטער האָב איך מעהר קיין מורא ניט. דערצעהלט מיר, וואָס איהר האָט פריהער געוואָלט דערצעהלען. דערצעהלט מיר דאָס אנדערע אויך. איך האָב קיין מורא ניט. אָט זעהט איהר דאָך אז איך האָב קיין מורא ניט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס איז געווען אין דעם אייגענעם יאָהר. נאָר זומער. די היץ האָט שרעקליך געברענט. איך בין געגאַנגען צופוס מיט'ן זאַמדיגען וועג. אין גרויס פוילען איז עס געווען. און אונטער א בוים, ביים זייט וועג איז געזעסען א אידישע פרוי. אין די מיטעלע יאָהרען. די קליידער אויף איהר אין לעכער, אויפ'ן געגאָלטען קאָפּ אַן'אַלטער שווארצער טשעפּיק. דאָס פּנים — הויט און ביין און פון דער זון פערברענט. איך האָב זי בעגריסט. דאָס איז געווען א גאָטספארכטיגע פרוי נאָר מיט א פייער אין די אויגען. וואָס האָט זי געטהאָן אונטער דעם בוים? גערוהט גלויב איך. ווייל זי האָט זיך אָנגעהויבען צו בעקלאָגען, אז אין דער יוגענד האָט זי קיין מורא ניט געהאט פאר'ן זאמדיגען וועג און פאר דער ברענענדיגער זון. און דערמאָנענדיג זיך אָן דער יוגענד האָט זי אויף איין אויגענבליק אָן גאָט פערגעסען. אזוי פלינק איז עס געשעהן. זי האָט ענטבלויסט איהר נאַקעטע ברוסט, געלב און איינגעפאַלען און צוויי לעדיגע צוקנייטשטע הויטיגע טארבעס האָבען אַראָבגעהאנגען. זעהט — האָט זי צו מיר געזאָגט — דאָס איז פון מיר איצטער געבליבען... און אין דער יוגענד האָב איך ווי א רויז געבליהט.

ר אָ ל אַ נ ד

דאָס איז געווען א גאָטספארכטיגע פרוי?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יאָ. אין א שטעדטיל האָט מען א נייע ספר־תורה אין שול אריינגעפיהרט איז זי צופוס געגאַנגען אהין, ביי דער שמחה זיין.

ר אָ ל אַ נ ד

דער קאָפּ איהרער איז געווען אָבגעגאָלט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נאקעט.

ר א ל א נ ד

הייסט עס, אז דער סוף איז דער אייגענער. דער אונטערשייד איז נאר, וואס איינע איז געלעגען אין לאנדאן אויפ'ן נאסען טראטואר און די אנדערע אונטער א בוים ביים זאמדיגען וועג. הער ברוינ־שטיין, ווייסט איהר אפשר פון א דריטען וועג? אויף וועלכען די יוגענד זאל ניט פערבליהען, די ברוסט זאל ניט איינפאלען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דערווייל איז די וועלט אזוי איינגעאָרדענט.

ר א ל א נ ד

און איך בין א קינד פון אט דער דאזיגער וועלט... ניין, איך וויל ניט!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

און איך בין א קינד פון דער דאזיגער וועלט.

ר א ל א נ ד

איהר? ס'איז ניט ריכטיג. איהר זענט א בוים וואס וואקסט ביים זייט וועג. ער וואקסט און ווייסט ניט צוליעב וואס. איהם הארט ניט ווער עס זאל זיך זעצען אין זיין שאטען. אט, זאגט מיר, ווער בין איך? פאר וואס לאזט איהר מיר אזוי נאהנט זיצען נעבען זיך. אט האלט איהר מיך אויף אייער האנד. איהר האט מיר געקושט אויף מיין קאפ. זעהט איהר וואס פאר א לאנגע האר איך האב? איך קען מיט זיי זיך אליין און אייך אויך ארומוויקלען. שפירט איהר ניט פון זיי דעם ריח פון זינד? ווער זענט איהר? איך בין נעבען אייך היינט געווען שוין צוטרעטען און צובראכען ווי א קליין שטרויעלע און איך בין נעבען אייך שטאלץ און שטארק, יונג און אונשולדיג. איך האב געמיינט אז די לעצטע טרעהרען האב איך אויסגעוויינט און איצטער שפיר איך, אז א קוואל נייע, ריינע קינדערשע טרערען עפענט זיך אויף און איך וועל אין די דאזיגע טרערען דערטרונקען ווערען.

זי קערט זיך אָב פון איהם. ברעכט די הענד פאר שמערצען. בלייבט זיצען ווי אַ פערגליווערטע, דער קאָפּ אויף די הענד געשטיצט און אויף די קניה אָנגעשפּארט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

טרויעריג, דער קאָפּ געזונקען. הינטער דער טיר הערט זיך פאלקס און לענטערס שטימע. מען קלאפּט אין טיר, אָבער קיינער בעוועגט זיך ניט צו עפענען. מען קלאפּט ווידער. לענטער און פאלק קומען אַריין.

ל ע נ ט ע ר

ציהט זיך צוריק. פערמאַכט די טיר הינטער זיך און עס הערט זיך איהר לאַכען.

פ א ל ק

בלייבט צוטומעלט פון דער שטימונג וואָס הערשט אין צימער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו פאלקען.

זעהר גוט וואָס דו ביזט געקומען. איך געה שוין מיט דיר.

ר אַ ל א נ ד

בעקומט פון האַלז דעם גאָלדענעם רעוואָלווער. טהוט איהם אויס און דערלאַנגט איהם פאלקען.

איך בעט אייך בעשטעלט מיר קוילען פאר דעם.

פ א ל ק

נעהמט איהם גאַנץ אינסטינקטיוו. בעטראַכט איהם פערוואונדערט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אויפ'ן הארצען א גאָלדענער רעוואָלווער. אפשר איז דאָס דער דריטער וועג.

דריטער אקט

אפרים ברוינשטיינס ארבייט־צימער, אויפ'ן צווייטען שטאָק. פיער פענסטער. אַ טיר אין הינטערגרונד פון וואנען עס זעהן זיך די טרעפּ, ארונטערצוגעהן. לינקס, ביי די פענסטער א סטאָליערשער ווארשטאַט. אויף די וועגד פּאָליצעס מיט פארטיגע קינדערשע שפּילצייג.

ל י ב ע

ראמט אויף אין צימער. ווישט אַרום דעם שטויב פון די פארטיגע שפּילצייג. ס'איז צו דערקענען, אַז זי האָט שוין איהר אַרבייט לאַנג געענדיגט, נאָר זי פערוויילט דאָ בכיון. ווישט דעם שטויב פון דעם בלומענטאָפּ וואָס שטעהט אויפ'ן פענסטער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קומט אַריין. אונרוהיג און אונגעדולדיג.

ל י ב ע

וויל פערלאָזען דעם צימער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

שטענדיג, ווען איך בין דאָ ניטאָ גנב'עט איהר זיך אריין און מאכט ארדענונג. אויב איהר האָט דאפון פערגניגען קענט איהר עס טהאָן ווען איך בין אין צימער פארהאן, וועט איהר זעהן ווי איך מאך צוריק אונאָרדנונג.

ל י ב ע

ווען ס'זאָל שטענדיג בלייבען ווי איך מאך, וואָלט איך דאך אויף דעם אנדערען טאָג שוין ניט האָבען וואָס צו טהאָן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאַכט.

איהר ווייסט אליין ניט וואָס פאר א גרויסען אמת איהר האָט איצטער געזאָגט. דאָס הייסט, אַז איהר עקזעסטירט בלויז ווייל איך מאך אונאָרדענונג. כ'מיין חלילה ניט אייך און ניט זיך. דער וועלט

מיין איך.

ל י ב ע

נים פערשטעהענדיג.

וואס איז דען דער חילוק — ווען איך וואלט נים דינען ביי אייך וואלט איך געווען אויף אנ'אנדער פלאץ און דארט וואלט איך אויך דאס איינענע בעדארפט טהאן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאס, קינד, מיין איך דאך.

ל י ב ע

פערשעמט.

פאר וואס רופט איהר מיר שטענדיג „קינד“?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר ווילט דוקא זיין א גרויסע? נו גוט.

ל י ב ע

איך האב ארומגענומען דעם שטויב פון אייער ארבייט אויך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

א שעהנעם דאנק אייך.

ל י ב ע

ס'איז מיין ליעבסטע ארבייט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גוט, ווען איך געפעלט עס.

ל י ב ע

איהר האט היינט געארבייט א גאנצע נאכט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך? ביי-נאכט שלאף איך.

ל י ב ע

ס'האט זיך געהערט אין מיין צימער ווי איהר זענט ביינאכט אומ-געגאנגען אויף און אב. אין מיין צימער הערט מען ווען אימעצער געהט אום אויבען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ענטשולדיגט מיר, ליבע, וואָס כ'האָב איך ניט געלאָזט שלאָפען. איך האָב ניט געוואוסט אז גראדע איבער אייער קאָפּ קומט אוים מיין צימער. איך וועל בעטען, די מוטער זאָל איך געבען א בע־קוועמערען צימער.

ל י ב ע

חלילה, וואָס רעדט איהר? איך האָב גאר ניט געמיינט מיט דעם.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ס'זענען דאָך פאַרהאַן אזוי פיעל לעדיגע צימערען. מיין מוטער וועט מיט פערגניגען אומבייטען.

וויל געהן צום טיר.

ל י ב ע

פערשטעלט איהם דעם וועג.

איך בעט אייך טהוט עס ניט. כ'בין געווען אזוי נאריש, און האָב עס אייך דערצעהלט...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איז ניט, איז ניט — כ'האָב נאר געמיינט בעסער צו מאכען... ס'איז טאקע ריכטיג. כ'בין אומגעגאנגען ביינאכט. כ'האָב א צער. זעהט איהר, דאָ קען איך שוין ניט וויסען ווער עס מאכט אנ'אָרדע־נונג פון מיינעט וועגען.

ל י ב ע

איהר ווילט אפשר ניט ליידען וואָס איך קום דאָ ארויף צו אייך?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ניין, קינד. איהר שרעקט זיך אלין פאר זיך. איהר טהוט דאָך קיי־נעם קיין בייז ניט. ער בעקומט פון קעשענע אַ בריף און הייבט אָן צו לעזען: „ווערטער הערר ברוינשטיין. פון אייער סחורה זענען מיר זעהר צופרידען. דער הויכער פרייז קימערט אונז ניט. מיר וואָלטען אייך טייערער געצאָהלט ווען איהר קענט אונז געוויסע ארטיקלען ארויסגעבען געפארבט. אין דער אייגענער צייט בעטען מיר פון אייך איהר זאָלט אונז צושיקען פינף טוץ... כא־כא־כא — איהר

ווייסט ניט, ליבע, וואָס פאַר א טייוועל מאכט עס חוזק פון מיר?
ס'איז דאָך ניט קיין וויץ? וואָס זאָגט איהר ליבע?

ל י ב ע

אייער מוטער זאָגט שטענדיג, אז בערמאַן פערקויפט אייער ארבייט פאַר געלד.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַבער דאָס קען דאָך ניט געמאָלט זיין. וואָס הייסט: מיין ארבייט — און געלד?...

ל י ב ע

ווען ער זאָל טאַקע טיילען אומזיסט וואָלטען אייך דאָ די קינדער די שוועלען אבגעשלאָגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איהר מיינט עס ערענסט?

ל י ב ע

איצטער וועט דאָך דאָס געלד אריינקומען צו אייך. איז דאָך בעסער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַבער דאָס קען דאָך ניט געמאָלט זיין. מיין ארבייט בעקומט מען ניט פאַר קיין געלד. ווייסט, קינדער און געלד?!

ל י ב ע

ניט די קינדער קויפען, די מוטערס טהוען עס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ס'איז דאָך אַבער אונמעגליך.

ל י ב ע

אויף דער וועלט פיהרט זיך דאָך אזוי.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

מיר נעהט ניט אָן ווי די וועלט פיהרט זיך.

ל י ב ע

ניט יעדערער קען אויספיהרען צו טהאָן ניט אזוי ווי מענשען ווילען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

שוין צוואַנציג יאָהר, אז איך האָב מיט מענשען אבגעשניטען.

כ׳וויל מיט די דאָזיגע מענשען מיין לעבען ניט פערבינדען — איך וויל ניט! איך וויל ניט!

פרוי ברוינשטיין

קומט.

איך האָב געמיינט, אז פאלק איז דאָ פארהאנען און ער האָט דיך פון געדולד ארויסגעפיהרט. מען הערט דאָך דיין קול איבער׳ן גאנצען שטוב... זעהסט די קינדער פרעגען זיך נאָך אויף דיר. האָבען גע־הערט, אז דאָ בעקומט מען שפּילצייג אומזיסט.

קינדער קומען אריין.

אפרים

איבערגעוועלטיגט פון שמחה. לאכט אָזש פאר נצחון.

אלזאָ ווער איז גערעכט? ס׳איז אימעצענס א שפּאס און ניט מעהר. צו די קינדער. און איהר מיינע לייט — הייסט עס, איהר האָט גע־הערט אז איינער א משוגענער, אפרים ברוינשטיין, טיילט אומזיסט, כא־כא־כא — אומזיסט, אָהן געלד, שפּילצייג? אמת! אָט דאָס בין איך דער משוגענער.

ערשטער איינגעל

ביי אונז אין קלאס וויסען עס אלע קינדער. נאָר די לעהרער לאָזען ניט געהן. מיר זענען די בעסטע שילער, האָבען מיר קיין מורא ניט.

ברוינשטיין

מיט שמחה.

די בעסטע שילער! דאָ סזעהט מען אז אייך. און איהר וועט געוויס זיין די בעסטע מענשען אויך. ווער האָט עס אייך וועגען דעם דערצעהלט?

צווייטער איינגעל

נעבען אונזער שוהלע איז געוועזען אנ׳אלטער מאַן און האָט עס דער־צעהלט די קינדער.

ברוינשטיין

בערמאַן! געוויס איז עס בערמאַן. קיינער וועט איהם ניט איבער־

קויפען פאר קיין געלד.

פרוי ברוינשטיין

גיב זיי שוין. זאלען זיי געהן א היים.

ערשטער איינגעל

מיר ווילען טאקע געהן א היים.

אפרים

ווען איהר קינדערלאך וואלט וויסען וואס איהר זענט היינט פאר מיר. ווען איהר מיינע, ליעבע קינדער, וואלט עס וויסען... קלייבט אוים וואס אייך געפעלט. דא האט איהר ווינטמילען — מיין לעצטע ארבייט. דא האט איהר שטיבער. צו פיער פענסטער אין א שטוב. דא האט איהר ברינעמער. דאס זענען שטאלען און פון אינוועניג קען ארוים קעלבלאך... דאס איז מעבעל; טישען, בענק.

די קינדער קוקען נייגעריג.

ליבע

זיי וואלטען וועלען אלץ.

ברוינשטיין

קלייבט זיך אוים וואס אייך געפעלט. טאמער געפינט איהר א פעלער, זאגט קען איך עס פעריכטען. אדער באלד אדער איהר וועט עס איבערלאזען, וועט ביז מארגען פארטיג ווערען. טאמער האט איהר עפעס אליין געדאנקען פאר שפילצייג, זאגט וועל איך עס פאר אייך מאכען מיט'ן גרעסטען פערגניגען... איך זעה, אז איהר האט מורא צו בעטען דאס וואס אייך געפעלט. איך זעה שוין אן אייערע אויגען וואס איהר וואלט וועלען... אלזא, יעדערער פון אייך בעקומט צו איין שטוב, צו איין ווינטמיל און צו איין ברונעם... אט אזוי. פארזיכטיג זאלט איהר עס טראגען.

די קינדער טאנצען אזש אונטער פאר שמחה.

ערשטער איינגעל

אין ברונעם איז דאך ניטא קיין דעק.

אלע לאכען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אויב דו מיינסט אין איהם וואסער צו האלטען איז געוויס גוט. לאָז איהם דאָ און מארגען וועט ער שוין זיין מיט א דעק.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איצטער קינדערלאך געהט א היים צו אייער מאמע. געה, ליבע, דו וועסט זיי ארויסלאָזען.

די קינדער געהען אַרויס צופרידענע. ליבע בעגלייט זיי.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נעהמט ווידער אַרויס דעם בריף און קוקט אין איהם.

אבער דעם אונפעהיגסטען ליז האָט דער טייוועל צו מיר געשיקט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס האָסטו דאָרט אזעלכעס?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

בעהאַלט דעם בריף.

גאָר ניט, גאָר ניט, מוטער.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

קום צו מיר, אפרים. זעץ זיך דאָ, נעבען מיר.

א פ ר י ם

זעצט זיך נעבען דער מוטער.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זי גלעט איהם איבער'ן קאָפּ.

דו ביזט אזוי אויפגערעגט, אז איך האָב גאָר קיין חשק ניט צו רעדען מיט דיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קען זיין, אז איך בין אביסעל אויפגערעגט. אבער עס שאדט נים. פאר דיינעט וועגען בין איך גאנץ רוהיג און איך הער דיר מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

קושט איהם אויפ'ן קאָפּ.

דערפאר האָב איך דיך ליעב,

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איצטער בין איך שוין אינגאנצען רוהיג און דו קענסט מיט מיר רעדען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך וויל מיט דיר רעדען טאקע וועגען דיר אליין. א מאמען קען מען נישט נארען. איך וויל דיר פרעגען פאר וואס די שלאפסט נישט די לעצטע עטליכע נעכט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך האב שוין היינט איינמאל געהערט וועגען דעם. ווען מען וואלט ביי מיר ניט פרעגען וואלט איך טאקע ניט וויסען, אז איך שלאף ניט די לעצטע נעכט... יא, מוטער איך האב געוואלט ביי דיר בע־טען, אז דו זאלסט געבען ליבע'ן אנ'אנדער צימער. ווייל מיין אר־בייט צימער קומט אוים איבער איהר. איך לאז זי ניט שלא־פען ווען איך געה דא אום אדער ווען איך ארבייט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זעהסטו, וואס דיר ליגט אין זינען? פאר דעם צווייטען בעקוועמ־ליכקייטען. און אז איך פרעג דיר פאר וואס דו שלאפסט ניט ביי־נאכט — אויף דעם ענטפערסטו מיר ניט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאס וויים איך נאך פארלויפיג אליין ניט. איך מיין אז עס וועט איבערגעהן.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זאל איך מיט דיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קושט זי אויפ'ן שטערען.

ניין, מעהר ניט.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

זאל איך דיך לאזען אליין?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ניין, ניין.

פ ר וי ב ר ו י נ ש ט י י ן

פערשטעהסט, דו ביזט אַלט אכט און פיערציג יאָהר און איך זעקס און זעכציג. איך האָב פריהער געקוקט אויף דיר ווי אויף א קליין קינד, נאָר עפּעס דאכט זיך מיר אז... אבער שא. איך האָב געזאָגט, אז כ'וועל מיט דיר ניט רעדען וועגען דעם. אז מען האָט א קלוגען זוהן מוז מען זיין א קלוגע מאמע.

פ א ל ק

בעווייזט זיך אין טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דו? פאלק? ווי גוט דו האָסט געטהאָן!

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך האָב נאָך ארבייט ביי זיך... געהענדיג צום טיר, צו פאלקען. נישט גוט טהוט איהר, ווען איהר פערגעסט אייערע אַלטע גוטע פריינד.

פ א ל ק

זעהט אוים שלעכט, ווי ניט אויסגעשלאָפען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גוט האָסטו געטהאָן, וואָס דו ביזט איצטער געקומען.

פ א ל ק

אין דיינע אויגען קומט עס אוים, אז איך טהו דיר זעהר גרויסע טובות מיט מיין קומען. אך, ווי גוט און ווי נאַריש דו ביזט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נאַריש בין איך אפשר — אבער גוט? אין דעם קען מען נאָך צווייפלען.

פ א ל ק

דו ביזט ביידע זאכען אין איינעם: גוט איבער דער מאָס און נאַריש איבער דער מאָס. א געוויסע דאָזע נאַרישקייט איז זעהר גוט. מען האָט מעהר ערפאָלג אין היינטיגער וועלט. אבער דו, מיין פריינד, ביזט שוין צו נאַריש...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אפשר זאָל איך היינט מיט דיר גאָר ניט רעדען?

פ א ל ק

איך בין געקומען היינט זעהר פיעל צו רעדען מיט דיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דיין טאָן געפעלט מיר עפּעס ניט. ערלויב מיר עס דיר צו בעמערקען.

פ א ל ק

דאָס לאָז איבער אויף שפּעטער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך האָב זיך מיט דיר ווירקליך דערפרעהט. כ'האָב היינט אזא פּראכטפאָלען פריהמארגען. און דו האָסט עפּעס מיט זיך אזעלכעס מיטגעבראכט... עפּעס רעדסטו אזוי הויך, שרייענדיג.

פ א ל ק

לאַכט.

ביי דיר איז אזוי שטיל, אז עס קומט איינער פון דער גאס דאכט זיך דיר, אז מען שרייט אָדער מען פּויקט אויף א טערקישען פּויק.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

היינט ביזטו צו מיר געקומען ווי איינער פון דער גאס אין אזא קריגירעשער שטימונג. וואָס שטעהסטו? זעץ זיך. זאָל איך דיר דערצעהלען ווען איך האָב דאָ היינט געהאט פאר געסט?

פ א ל ק

צוויי קינדער. איך האָב זיי געזעהן ארויסגעהענדיג פון דיין שטוב פרעהליך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

פרעהליך זאָגסטו?

פ א ל ק

זיי האָבען געטאַנצט פאר שמחה.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס בעדארף איך דען מעהר?

פ א ל ק

דאָס איז דאָס גאנצע אומגליק וואָס דו בעדארפסט ניט מעהר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אומגליק זאָגסטו... אָט וואָס עס האָט מיר היינט שיעור קיין אומ־גליק ניט געבראַכט אין שטוב אריין. זעהסט?

ער גיט איבער פאלקען דעם בריף.

פ א ל ק

קוקט אַריין אין בריף.

פּראַכטפאָל! וועסט דאך מיליאָנען אנקלייבען. נעהם מיך צו פאר א שותף.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

טאָרסט ניט לאַכען פון דיין אַלטען פריינד. זאָג מיר, איך בעט דיר, וואָס זאָל דאָס הייסען?

פ א ל ק

איינפאַך, דיין סחורה איז געוואָרען בעקאַנט איבער'ן שטאָדט און מען פרעגט זיך נאָך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס איז מיט דיר, פאלק? ביזט ניט דער אייגענער.

פ א ל ק

איך בין דער אייגענער ווי געווען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

פאלק, קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין.

פ א ל ק

דו ביזט מיר היינט עפּעס אנדערש ווי שטענדיג.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נעהמט צו דעם בריף. בעהאַלט איהם און קערט זיך אָב פון פאלקען.

פ א ל ק

וועסט מיר אפשר בעטען, איך זאָל פון דיין שטוב ארויסגעהן?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס אייגענטליך האָט געבראַכט דאָצו, אז דו זאָלסט אין מיין שטוב אזא אפטער גאַסט זיין? איך זאָג שוין ניט — אזא „נאָהנטער

פריינד". אין דעם האָב איך שוין אָנגעהויבען צו צווייפלען... נאָר איך וויל קיין פריינד ניט אָנווערען. זיי זענען מיר שטענדיג געווען טייער. איך בין היינט פערצווייפעלט; איך ווייס אליין ניט די סבה דערפון.

פ א ל ק

דו ווייסט. און אויב דו ווייסט איצטער ניט וועסטו עס שפּעטער ויסען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אבער וואָס איז עס פאר א רייד? ער געהט גאָר נאָהנט צו פאלקען און בלייבט איבעראשט. וואָס איז דאָס? ווייז? האָסט געטרונקען וויין?

פ א ל ק

יא. איך האָב געטרונקען וויין.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דו?...

פ א ל ק

יא איך, איך האָב געטרונקען, אָבער איך בין נאָך ביים קלאָרען פערשטאנד. זעהסט, איך האַלט מיר גאַנץ גלייך אויף די פיס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס איז דאָך אונמעגליך!

פ א ל ק

וואָס ביזטו אזוי פערצווייפעלט?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דו! פאלק!... איך בין גרייט צו וויינען.

פ א ל ק

נארישקייטען. לאָז צורוה מיט דיין נוטהארציגקייט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אָבער, פאלק, איך בעט דיר — ס'איז דאָך ניט אומזיסט. אפשר בין איך ווירקליך אזוי נאריש און פערשטעה שוין גאָר ניט.

פ אַ ל ק

צוליעב דיר האָב איך געטרונקען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

לאַכט.

פ אַ ל ק

איך קען עס גאָר ניט בעגרייפען, אז ביי היינטיגע צייטען זענען פאַרהאַן אַזעלכע מענשען. האָבען אויגען; זעהן אַלצדינג און זאָגען, אז זיי זעהן ניט. הערען אַלצדינג און זאָגען אז זיי הערען ניט. איך הייב אָן צו טראַכטען, אז איך האָב געשלאָסען פריינדשאַפט מיט א משוגע׳נעם... א גוטען טאָג!

געהט צום טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

כאַפּט איהם פאַר׳ן האַנד.

אָבער, פאלק...

פ אַ ל ק

איך שפיר, אז איך ווער נארישער נעבען דיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אפשר ביזטו גערעכט. ניט איך האָב געוואוינען די חכמה פון דער וועלט.

פ אַ ל ק

עס וואונדערט מיך זעהר: א מענש וואָס איז וועלטען אויסגעפאָה־רען... וואָס האָסטו געטהאָן אין פאריז — געווען א בארימהערציגע שוועסטער? אין לאָנדאָן — געפיהרט א פאראַליזירטען לאָרד אין א וועגעלע אויף גומענע רעדער?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דאָס איז א שעהנער וויץ... אפשר טרייבסטו נאר שפּאס מיט מיר. מעגליך, אז דעם לעצטען חודש האָט איהר זיך אַלע אנגערעדט אָבצושפּילען א קאָמעדיע ארום מיר און מיך אויך אריינגנעהמען אין מיטען? ווער צושטערט מיין רוה? זאָג מיר, איך בעט דיר גאַנץ ערנסט, ווער זענען די צוויי פריילינס איך מיין...

פ א ל ק

לאכט הויך.

איך ווייס וועמען דו מיינסט. בעדאַרפסט מיר קיין סימן ניט געבען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס לאַכסטו?

פ א ל ק

מאַכסט דעם אנשטעל, ווי דו וואָלסט זיי גאר ניט געדענקען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך קוק אויף דיר און איך בין אין פערצווייפלונג. דו ביזט זיבען און צוואַנציג יאָהר אַלט. ביזט דאָך קיין קינד ניט. דו האָסט גע־טרונקען — אָבער דו ביזט דאָך ניט אַזוי בעטרונקען.. אפשר האָס־טו מיר צו זאָגען אַזעלכעס וואָס זאָל מיר מיט איין מאָל קלוג מאַ־כען, טאָ זאָג עס. לעג ניט אָב.

פ א ל ק

וואָס איז געשעהן צווישען איך ביידע, ווען דו ביזט דאָרט צום לעצ־טען מאָל געוועזען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נו, רעד ווייטער; איך הער אויפמערקזאַם.

פ א ל ק

איך האָב דאָך ביי דיר געפרעגט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך וויל דו זאָלסט אַליין דעם ענטפער געבען אויף.

פ א ל ק

איך בין דאָך דאָביי ניט געוועזען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אויב זי איז אַזעלכע ווי דו פערשטעהסט, האָט זי בעדאַרפט אַליין אַלץ דערצעהלען.

פ א ל ק

לאָמיר דיין איידעלקייט אוועקלעגען אָן אַ זייט. דו ענטפער מיר...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

און איך וויל מיין איידעלקייט ניט אוועקלעגען אָן אַ זייט!

פ א ל ק

אפשר ווען איך וועל דיר ארויסברענגען פון געדולד וועסטו אָנהייבען צו רעדען מיט מיר צו דער זאַך.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

שווייגט.

פ אָ ל ק

איך מיין גאַנץ ערענסט, וואָס איז געשעהן צווישען אייךביידען?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

שטרענג.

האָסט קיין רעכט ניט צו פרעגען, ווען דו ביזט די גאַנצע צוויי וואָכען ביי מיר ניט געווען!

פ אָ ל ק

דו ווייסט אַז זי איז אַן עפענטליכע פרוי?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

וואָס הייסט עס?

פ אָ ל ק

די אויסגעלאַסענסטע פרוי וואָס די וועלט האָט נאָר אַמאָל געהאַט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

געווען. דאָס האָב איך געוואוסט נאָך איידער זי האָט עס מיר דערצעהלט.

פ אָ ל ק

זי אַליין האָט עס דיר דערצעהלט?!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יאָ.

פ אָ ל ק

וואָס איז דאָ? איך געה דאָך פון זינען אַראָב.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

און מיט איהר אינאיינעם האָסטו געטרונקען?

פ א ל ק

מיט דער צווייטער; איהר קרבן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אזוי האָב איך אויך פערשטאַנען. האָסט מיר נאָך עפּעס צו זאָגען?

פ א ל ק

אויב אזוי האָב איך דיר מעהר גאָר ניט וואָס צו זאָגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך קען די צוויי פרויען. די איינע איז דער זינד פון דער וועלט. און די צווייטע איז די שעהנקייט פון דער וועלט.

פ א ל ק

איז די צווייטע ראָלאַנד?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יעדערער פערשטעהט ווי ער קען.. איך מיין אז אלץ איז געענדיגט. ביזט צו מיר ניט געקומען ווי דו פלעגסט זיך אויסדריקען, צו מיין רוהיגען ליכטיגען ווינקעל. פערקערט, דו ביזט געקומען די רוה פון מיין היים ארויסצוטרייבען. און דער עיקר וואָס דו פאָדערסט פון מיר אזעלכע זאכען... וואָס ווילסטו פון מיר? ווילסט מיר צוהילף קומען — ס'איז מיר ניט נויטיג. איך זאָל דיר צוהילף קומען? — מיין הילף איז פאר דיר צו שוואך.

פ א ל ק

ווילסט איך זאָל אוועקגעהן?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

טהו ווי דו פערשטעהסט.

פ א ל ק

אפשר בין איך היינט אביסעל אויפגערעגט אבער...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אלץ וואָס עס קומט איז אזוי אונבעוואוסט; אזוי אונערוואַרטעט. איך וואַרט, וואָס וועט מיר נאָך היינטיגער טאָג ברענגען.

מען קלאַפּט אין טיר.

פ אַ ל ק

איך מיין, אז מיר זענעןביידע איצטער גאנץ רוהיג; מיר קענען אויפנעהמען — ביטע!

מען קלאַפּט אין טיר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

עפענט דיר טיר.

ר אָ ל אַ נ ד

קומט אריין. שווארץ געקליידט.

איך האָב געהערט, אז מען האָט מיר נעבעטען אריינקומען. איך האָב געוואָלט, אז איהר זאָלט מיר די טיר עפענען. צו פאלקען. איך האָב ערוואַרטעט אייך דאַ צו טרעפען.

פ אַ ל ק

גלויבט מיר, אז איך האָב דעם מינדעסטען פערדאַכט ניט געהאַט אייך דאַ צו בעגעגענען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי ער וואָלט זי צום ערשטען מאָל זעהן.

מיט וואָס קען איך אייך דינען?

פ אַ ל ק

וויל אַרויסגעהן.

ר אָ ל אַ נ ד

בלייבט דאַ, הער פאלק, איך בעט אייך.

פ אַ ל ק

אפשר פערלאַנגט ברוינשטיין ניט איך זאָל דאַ בלייבען, איך מיין, אפרים, דו קענסט דאָך פריילין ראָלאַנד?

ב ר ו י נ ש ט י י ן

בעקומט דעם בריף און קוקט אַמאָל צום בריף און אַמאָל צו פאלק'ן און ראָלאַנד.

פ אַ ל ק

אייער פריינדין האָט זיך שוין אויסגעניכטערט?

ר אָ ל אַ נ ד

עַנטפערט ניט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

צו ראָלאַנד.

מיט וואָס קען איך אייך דינען?

ר אָ ל אַ נ ד

איך וויל איהר זאָלט מיר בעטען זיצען, מיר איז זיך שווער צו האַלטען אויף די פיס. איך וועל זיך אַברוהען, דאַן וועל איך אַוועקגעהן. איך וואָלט נאָר בעטען אַביסעל וואַסער.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

געהט אַרויס.

פ אַ ל ק

ער וועט ניט קומען צוריק.

ר אָ ל אַ נ ד

דערשראָקען.

פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

פ אַ ל ק

איהר וועט שוין זעהן.

ר אָ ל אַ נ ד

גערט בעט איהם, ווי נאָט איז איהם ליעב, ער זאָל אַרויפקומען.

פ אַ ל ק

לאָזט איהם, כ׳בעט אייך. לאָזט איהם צורוה. ער געהט צו איהר. איהר פיהרט מיך פון זינען אַראָב. צוליב אייך בין איך היינטיגע נאַכט אַזוי נידריג געפאַלען. לעַנטער איז אַ פינסטערער גהינום. איהר אַליין האָט מיך אין דעם דאָזיגען גהינום געשטויסען. ראָלאַנד, איך האָב נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געבויגען מיין קאָפּ ווי איך טהו עס איצטער פאַר אייך.

ר אָ ל אַ נ ד

מיין פריינדין האָט אייך ניט צופרידען געשטעלט, אָבער זי איז זעהר צופרידען מיט אייך.

פ אָ ל ק

איהר האָט נעבען זיך א זומפּ אויפגעעפענט און דורך אייער האנד זינק איך אין איהם.

ר אָ ל אַ נ ד

וואָס דען נאָך פערלאנגט איהר?

פ אָ ל ק

איהר זאָלט מיר אומקערען מיין שטאָלץ.

ר אָ ל אַ נ ד

איהר האָט עס קיין מאָל ניט געהאט.

פ אָ ל ק

איהר האָט איהם גערויבט פון מיר, און ווילט מיר איהם ניט אומקערען.

ר אָ ל אַ נ ד

איך קען א סך אזעלכע ווי איהר. איהר ווילט צוריק אייער שטאָלץ? געהט צו מיין פריינדין, פערלירט נעבען איהר א טייל פון אייער לעבען, יעמאלט וועט זיך צו אייך צוריק אייער שטאָלצקייט אומקערען. ביי מיר האָט איהר גאָר ניט וואָס צו פאָדערען.

פ אָ ל ק

איהר זענט אנ׳אויסוואורף!

ר אָ ל אַ נ ד

פאר אזעלכע ווי איהר.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קומט, טראָגט אַ גלאָז וואסער.

ר אָ ל אַ נ ד

זי שטעלט דאָס וואסער אַוועק נעבען זיך. עס זעהט אויס ווי זי וואָלט איהם עפּעס וועלען זאָגען, נאָר איהר שטימע ווערט פערשטיקט.

פ אָ ל ק

שרייט אויס נאָך אַמאָל.

איהר זענט אנ׳אויסוואורף!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אין גאָטעס ווילען, אָבער וואָס זאָל עס הייסען?

פ א ל ק

זיי וויסען, אַז דעם בריף האָב איך דיר געשיקט ווייל אַזוי האָט זי עס פערלאַנגט. און איצטער, ווי עס שיינט, איז זי געקומען זעהן וואָס פאַר אַ ווירקונג ס'האָט אויף דיר געהאַט. דעם בריף האָב איך גע־שריבען.

ר אָ ל אַ נ ד

קוקט צושראָקען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

איך פערשטעה נאָך אַלץ ניט.

פ א ל ק

יאָ, זי האָט עס מיר געהייסען. געצוואונגען חוזק צו מאַכען פון דיר און דיינע קינדערשע אידיאַלען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אויסער זיך. זיין געזיכט ווערט אויף אַנ'אויגענבליק פרעהליך און באַלד צוריק טרויעריג. און ס'איז שווער צו דערקענען אויב ער וועט וויינען אָדער לאַכען. ער נעהמט מיט ציטערענדע הענד דעם בריף פון קעשענע קוקט אין איהם אויפמערקזאַם, צולאַכט זיך פּלוצלונג.

דאָס איז דאָך דיין האַנדשריפט, פאַלק! אַ, סאַראַ וויץ! און דו פאַלק האָסט זיך ערלויבט צו מאַכען חוזק פון אַנ'אַלטען פריינד — דו שטיפער איינער...

פ א ל ק

צו ברוינשטיינען.

אַלטער נאַר...

ר אָ ל אַ נ ד

גאַנץ אונערוואַרטעט, ווייזט פאַלקען די טיר.

ארויס פון דאַנען!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גאָט איז מיט אייך, וואָס טהוט איהר?

ר אָ ל אַ נ ד

ארוים פון דאנען!

פ אַ ל ק

פערגעסט ניט, אז איהר זענט אין אַ פרעמד הויז.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַבער פריילין, איך האָב דאָך קיין מאָל אזעלכעס מיט קיינעם ניט געטהאָן און בפרט — פאלק, דאָס איז דאָך מיין אלטער פריינד...

פ אַ ל ק

איצטער קען איך רוהיג אוועקגעהן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

דו מוזט דאַ בלייבען.

פ אַ ל ק

איך מוז געהן.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

בלייב־דאַ. מיר וועלען אויסארבייטען א פּלאַן ווי צו פייערען אונזער בעגייטער פריינדשאַפט.

פ אַ ל ק

דאָס מאָל מוז איך אַבטרעטען.

געהט אַרויס.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אַ מערקווירדיגער עקשן איז ער, דער פאלק... דאָס וואסער איז שטעהן געבליבען... און איך בין געגאנגען צו אונז אין גארטען, פון קוואל אנגעשעפּט. ביי אונז אין גארטען איז אַ קוואל פארהאנען.

ר אָ ל אַ נ ד

אזוי פיעל שטאָלצע מענשען זענען ביי מיינע פיס געלעגען און האָבען צו מיר שעהנע ווערטער גערעדט. און פון אלע זייערע שעהנע ווערטער צו מיר, קען איך איצטער קיין איין איינציג וואָרט ניט אויסגעפינען פאר זיך, מיט וואָס אנצוהייבען. קיין איין איינציג וואָרט קען איך איצטער צוהילף ניט נעהמען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גאַנץ נאַאיוו.

מיט וואָס קען איך אייך דינען?

ר אַ ל אַ נ ד

זי בעקומט פון קעשענע אַ גאָלדענעם רעוואָלווער, דערלאַנגט ברוינשטיינער. עפענט מיר אַ וועג צו אַליכטיגען לעבען . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נעהמט דעם רעוואָלווער פון איהר האַנד, ניט קוקענדיג אויף איהם. לעגט איהם אַוועק אָן אַ זייט.

ר אַ ל אַ נ ד

לאָזט זיך אַראָב צו זיינע פיס.

פיערטער אקט

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE

דער אויגענער צימער.

ר אָ ל אַ נ ד

געבויגען פאר זיינע פים אין טיעפען שווייגען.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

נעהמט איהר האַנד. הויבט זי אויף. זי בעהאַלט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט. באַלד אָבער געהט זי אָב פון איהם, דאָס געזיכט מיט די הענד פערדעקט. זי לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטול. אַ ציים שטיל.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ווי צו זיך אַליין.

מעגליך, אז מיין הארץ איז שוין גאָר פערשטיינערט.

ר אָ ל אַ נ ד

די שטימע איהרע ווען זי רעדט רייסט זיך זעהר אָפּט איבער, כאָטש זי בעמיהט זיך צו זיין רוהיג. זי קוקט ניט צו איהם. איהרע פויסטען זענען צוזאַמען געדריקט. איהר געזיכט איז ווי קאָנוואולסיוו פערענ־דערט.

אלזאָ איצטער קען איך אָנהייבען גאָר פון אָנהייב. דעם בריף האָב איך איהם געצוואונגען צו שרייבען. ס'איז געווען איין מאָמענט ווען מיך האָט ארומגעכאַפּט מיין אלטע בייזקייט. מיין אלטע געוואוינ־הייט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

ער געהט צו איהר נעהמט איהר האַנד.

איך בעט איך, פערשאפט זיך אזעלכע שמערצען ניט מעהר — ווע־מען איז עס דען נויטיג?

ר אָ ל אַ נ ד

וועמען איז עס נויטיג? איך פרעג אויך שטענדיג — איך האָב עס געפרעגט ווען איך בין נאָך א קינד געווען — וועמען איז עס נויטיג וואָס איך לייד? וועמען איז עס נויטיג, אז איך זאָל אין דער צייט פון מיין רוה נאָס מאכען מיין קישען מיט מיינע טרערען? ניין איך

וויל ניט וויינען — איך וויל דאָך אָנהויבען פון אָנהייב איהר זאָלט אַלץ וויסען...

ב ר ו י נ ש ט י י ן

אָבער ס'איז אונמעגליך איך זאָל עס אַלץ הערען. איך בעט אייך. איהר מיינט מיר צו דערצעהלען פון זיך — פאַר מיר זענט איהר ניי־געבוירען. דערצעהלען פון דער וועלט? — זי האָט מיך גרוי געמאכט.

ר אָ ל אַ נ ד

איך בין אויפגעוואקסען צווישען שמאטעס און מיסטען. און ווי אַ פליג וואָס וואקסט צווישען די מיסטען, הויבט זיך פלוצלונג אויף אויף גאָלדענע פליגעל און טראגט זיך אין לופטען — אַזוי איז עס מיט מיר אויך געווען. און די וועלט? איהר קענט זי? איך בין צו איהר פערקויפט געוואָרען. די וועלט, זי בייט יעדען יאָהר איהר געשטאַלט, בייט איהרע קליידער. יעדע לאַנד האָט אַנדערע מענשען: אַנדערע געזיכטער, אַנדערע בעגריפען, אָבער דער טייוועל וואָס לעבט אין דער נשמה פון דער וועלט — ער בייט זיינע געשטאַלטען ניט... דאַן ווען מיין יוגענד האָט בעדאַרפט זיין דער קרבן פון דער וועלט — יעמאָלט זענען אַלע קליידער געווען די אייגענע. אַלע כאַראַקטערען די אייגענע. יעדענס בענעהמונג אויף איין און דעם זעלבען אָרט. מיין שטאָלץ האָט יעדערער אויף דעם אייגענעם אָרט געטרעטען. דאָס בלוט פון מיינע אָדערען האָט יעדערער אויף דעם אייגענעם אופן גענאָגט. אין אַלע צייטען, ווינטער, זומער, הערבסט און פרהילינג. — גאַנץ אַנדערע נאַציאָנען. גאַנץ אַנדערע פעלקער — אָבער דער פערלאַנג צו מאַכען דעם גענוס וואָס אונפערשעמטער. וואָס פרעכער און אונערבאַרימדיגער — דאָס איז איינס. דאָס קען די וועלט נאָר איין וועג. און מערקווירדיג ווי אין מיר האָט זיך די יוגענד בעהאַלטען. מיט אוננאַטירליכע כחות האָבען איהרע וואָרצלען מיין גאַנצען וועזען דורכגעפלאָכטען. אימעצער האָט מיר אַ נאָמען געגעבען „דאָס קינד פון דער וועלט". אָבער גענוג! איך וויל מעהר ניט זיין דאָס קינד פון דער דאָזיגער וועלט! איך וויל איהר מעהר

מיין יוגענד ניט געבען...

פון גרויס אויפרעגונג פאלט זי אין א היסטערישען צושטאַנד. לאכט און וויינט.

ב ר ו י נ ש ט י י ן

גאַנץ פערלאָרען. ער פרובט זי בערוהיגען. עס געלינגט איהם ניט. ער געהט שנעל ארויס פון צימער.

ר אַ ל אַ נ ד

ס'איז צו מערקען, אַז זי אליין ווענדט אַלע איהרע קרעפטען זיך צו בערוהיגען. די היסטערישע צושטאַנד געהט איבער אין אַ גאַנץ נאַטירליכען, האַרציגען געוויין.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

איילט אריינצוקומען.

ווער וויינט עס? ווער וויינט עס אַזוי ביטער? נעהמט צערטליך ארום ראלאנד. וועה איז דער מאמען, וואָס וויינט עס אַזוי איהר קינד? גאָט מיינער, ווער האָט עס אַזוי בייז געטהאָן מיין קינד? קושט זי. נו שא, נו גענוג שוין. מען טאר ניט אַזוי. נו שא. אביסעל וויינען איז גוט, אבער צופיעל איז אומגעזונד. ווער האָט עס בייז געטהאָן מיין קינד?..

צערטעלט זי.

ר אַ ל אַ נ ד

בעהאַלטענדיג איהר קאָפּ אויף דער אַלטערס ברוסט בערוהיגט זיך. בליפּעט אַ ווײַלע און ווערט באַלד אין גאַנצען שטיל.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

נו שא. גענוג. די וועלט צאָהלט פאר טרערען זעהר א קליינעם פרייז. גליידּ ווי די וועלט וואָלט עס גאר נישט בעדארפען. טרערען בעדאַרף יעדערער נאָר פאר זיך אַליין האָבען. נו, שא . . . אמאָל איז טרערען געגליכענט צו א קילען רעגען ווען ער פאַלט ארויס נאָך דעם ווי אונטערן הימעל הענגען שווערע וואָלקענס מיט דונערן און בליצען, און אמאָל זיינען זיי גליידּ צו בלוט וואָס רינט פון הארצען און קיינער זעהט נישט . . . נו שא, נו שא, גענוג זאָל דיר

שוין זיין . . . ווען א מאמע וויינט אויף דעם גורל פון איהר קינד, קען זיין אמאל אז די טרערען ווערען אנגענומען . . . א מאמעס טרערען האט נאך אמאל א שטיקעל ביידייט פאר איהר אליין; האט א בעדייט פאר איהר קינד. אבער, אז א קינד וויינט און ס'איז ניטא קיין מאמע וואס זאל עס איינשטילען, ווערט פון דעם וויינען א קללה פאר דער וועלט געבוירען . . . . נו שא, נו שא... נישט מעהר. קושט זי. צעהן ים'ען און צעהן טייכען זיינען פארהא־נען וואו ער שטראמען טרערען און קיינער בעדארף זיי נים. און קיינעם נוצען זיי נישט.

ר א ל א נ ד

מוטער מיינע . . .

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

נו שא, איך בין אלט. און ווער ווייסט וויפיעל ס'איז מיר באשערט צו לעבען.

ר א ל א נ ד

איהר וועט לעבען אייביג, מוטער מיינע.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

נו שא, קענסט נאך ווידער אנהייבען צו וויינען.

ר א ל א נ ד

איצטער היילען מיר מיינע וואונדען אייערע מוטערליכע ווערטער.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

דיינע רייד זענען קלוג. זיי געפעלען מיר. מיין שטוב איז פאר דיר אפען אויב מיין שטוב קען דיר גוטס טהאן.

ר א ל א נ ד

ווייטער פון אייער שטוב זענען פאר מיר אלע טויערען פערשלא־סען.

פ ר ו י ב ר ו י נ ש ט י י ן

הונדערט וועגען האט יעדער איינציגער ווען ער איז יונג.

ר א ל א נ ד

איך בין שוין אויף אלע וועגען געגאנגען. יעדען וועג ביז צו ענ־

דע דערגאַנגען.

פרוי ברוינשטיין

קושט זי.

אַט האָסטו דיר נאָך אַ מאָל. איך מוז גיין. איך האָב נאָך אַרבייט. וועמען זאָל איך אַרויפשיקן — מיין זוהן אָדער פאַלקען?

ראָלאַנד

דערשראָקען.

וואָס רעדט איהר?

פרוי ברוינשטיין

ווייל איך בעדאַרף אַוועקגעהן.

ראָלאַנד

פאַלק קען דאָך דאָ איצטער ניט זיין.

פרוי ברוינשטיין

ער איז דאָ פאַרהאַנען אין גאָרטען, מיט איהם איז פאַרהאַן די פריילין וואָס איז דאָ אַמאָל מיט אייך געווען.

ראָלאַנד

זיי קענען אַריינגעהן אַלע קענען אַריינגעהן.

פרוי ברוינשטיין

געהענדיג צום טיר לעגט זי גוטמוטיג, מוטערליך, אַ פינגער צו דער נאָז מאַכענדיג אַ „פאַן" צו ראָלאַנד.

דו, דו, איך וועל דיר געבען.

געהט אַרויס.

ראָלאַנד

שטעהט אַנטקעגען טיר אין ערוואַרטונג.

ברוינשטיין

קומט אַריין.

אַזוי האָט מיר טאַקע מיין מוטער איבערגעגעבען.

ראָלאַנד

געענדיגט מיט דעם אַלטען לעבען!

ברוינשטיין

איצטער איז מיט דער אלטער וועלט געענדיגט.

ראלאנד

ווען איך בין געלעגען געבויגען צו אייערע פיס דאכט זיך מיר, אז איך בין געשטאָרבען און צוריק אויפסניי געבוירען געוואָרען. און ליכטיג איז מיר איצט אין מיינע אויגען. ליכטיג אין מיין הארצען און אין מיין נשמה. איצטער ווארט איך אויף אייער וואָרט. זאָל זיין אבעפעהל — זאָל זיין ליעבע, זאָל עס זיין שטראָף־רייד.

ברוינשטיין

איך זעה איצטער, אז איהר זענט ווירקליך רוהיג. און אז איצט קען איך מיט אייך רעדען. איך קען מיט אייך רעדען ווי צו איי־נעם פון מיין גלייכען, ווייסט איהר, אז אונטער מיר האָט זיך היינט אָנגעהויבען דער באָדען צו בעוועגען? איך האָב אין גאנצען מיין גלייכגעוויכט פערלאָרען. יא, ס'איז אפשר געווען א פרוב־שטיין פאר מיין גלויבען. איצטער אָבער בין איך זעהר רו־היג. מיין וועג איז אויסגעלייטערט. איך זעה איהם פאר מיר אזוי קלאָר און ווייט ליגט ער דער וועג פאָראויס, פאָראויס, פאָראויס, כאָ־כאָ־כאָ, ס'איז ניט אמת וואָס די וועלט וועט אייך זאָגען, אז יעדען מענשען טהוט מען אָן א יאָך אויפ'ן פלייצע גלייך ווי ער ווערט געבוירען. ס'איז ניט אמת. פריי ווערט יעדער מענש גע־בוירען. פריי ווי דאָס ליכט פון פריה־מאָרגען. גאָט האָט א יאָך אויפגעהאָנגען אין לופטען, בלויז א שפילכעל פאר זיינע גוטע מלאכים — און די וועלט אָבער שטעקט אין איהם איהר קאָפּ אריין. און ביז איך בין פון דעם דאָזיגען יאָך פריי געוואָרען איז מיר מיין קאָפּ גרוי געוואָרען; און גלייך מיט אייך האָב פריהער געמוזט וועלטען אויספאָהרען — און שטענדיג זיך געהאלטען אויף א שמאָל שטעגעלע וואָס ציהט זיך ביים ברעג פון אבגרונד. איך האָב פאר קיין פאָל ניט געקענט געפינען דעם וועג ווי צו־דערלייזט צו ווערען. נעהמען זיך דאָס לעבען? — בעדאַרף מען

דאָך ווייניגער אכטונג האָבען צו דעם גאָט וואָס לעבט אין מיר. גאָט איז מיין בעגלייטער; ער האַלט מיר פאַר'ן האַנד, נאָר איך לאָז יעדעס מאָל ארויס מיין האַנד פון זיין האַנד און יעמאָלט הייבען זיך אָן מיינע פיס צושטרויכלען. ענדליך, אָבער איז געקומען מיין אויסלייזונג. כ'האָב געזעהן, אַז די שפּראַך וואָס איך רעד, קלינגט פאַלש און עקעלהאַפט — בין איך שטום געוואָרען. כ'האָב געזעהן, אַז מיינע וועגען זיינען ניט ריכטיג — בין איך אויף איין פּלאַץ שטעהן געבליבען. איך האָב זיך גוט צוגעהערט ארום זיך. און וואָס האָב איך פערנומען? פון איין זייט קרעבצען און זיפצען, וואָס זיינען אַזוי צו מיינע גלייך, און פון דער אַנדערער זייט די שעהנע שפּראַך פון דעם זאַרגלאָזען קינד; זיין געלעכטער וואָס איז ליכט; זיינע טרעהרען, וואָס ער איז דער טוי פון הימעל — אַהין האָב איך מיין וועג געלענקט, און איך שפּיר ווי גאָט האַלט מיין רעכטע האַנד און ער פיהרט מיך.

ר א ל א נ ד

איך זעה, ווי מיין וועג וועט מיר ליכטיגער, ליכטיגער . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

יאָ, איהר זעהט עס . . . אונזער לעבען קען דאָך נאָך שעהן זיין.

ר א לא נ ד

פאַלט אין זיינע אָרעמס. ער קושט איהר קאָפּ. זי קוקט אין זיינע אויגען און רעדט מיט גרויס ליעבע:

מיין שניי־ווייסער מלאך. מיין שעהנער, ליכטיגער חלום . . . אַלץ האָב איך דערלעבט. אַלץ האָב איך איבערגעלעבט. וואָס נאָך פעהלט מיר? . . יאָ זיי זענען אין גאָרטען און איך וועל זיי לויפען אָנזאָגען אַז אַלץ האָב איך . . .

ב ר ו י נ ש ט י י ן

קוקט פערוואונדערט צום טיר וואו זי איז ארויס. באַלד דערהערט זיך אַ שאָס. ער רירט זיך נישט פון אָרט ווי פערגליווערט קוקט נאָך אַלץ צום טיר.

פ א ל ק

קומט אָן אין איילעניש פיהרט ביים האנד לענטער. זי איז שכור פאלט פון די פיס. ער זעצט זי אנידער ווענדעט זיך צו ברוינשטיינען. קום גיכער אין גאָרטען, ראַלאנד האָט זיך דערשאָסען!

ב ר ו י נ ש ט י י ן

פערדעקט מיט די הענד זיין געזיכט שעפּטשעט:

יא, איך וויים. . .

ע נ ד ע

S. FARGOTSTEIN,
MEMPHIS, TENNESSEE